ב"ה

# אין ליכט פון תורה

ספר

# עין יעקב

על מסכת

# יומא

בלשון הקודש ואידיש

**205**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשמ"ו לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# ספר
# עין יעקב
# מסכת יומא

## כולל כל האגדות מתלמוד בבלי וירושלמי, הנמצאות במסכת יומא

עם פירוש רש"י בשלמותו והחדושים שנתוספו בו,
ככל הנמצא בספר עין יעקב הגדול.
גם איזה מאמרים מתוספות מהרש"א, הרי"ף, ועיון יעקב.
גם ציוני הדפוס בש"ס, וציוני המקראות בתנ"ך, והגהות הב"ח.
ונוסף על זה פירוש עברי טייטש הנהוג במדינתנו.
**נעתק על ידי ה"ר יוסף מאיר יעב"ץ**
**מעתיק המשניות עברי טייטש.**

❖

**הוצאת אמונה,**
ברוקלין נוא יארק, שנת תשמ"ו לפ"ק

**א שבעת** ימים קודם יום הכפורים מפרישין כ"ג מביתו ללשכת פרהדרין ומתקינין לו כהן אחר תחתיו שמא יארע בו פסול . **רבי** יהודה אומר אף אשה אחרת מתקינין לו שמא תמות אשתו . שנאמר (ויקרא טז) וכפר בעדו ובעד ביתו ביתו זו אשתו. אמרו לו אם כן אין לדבר סוף :

**ב מאי בירה** אמר רבה ב"ב חנה אמר ר"י מקום היה בהר הבית ובירה שמו . ור"ל אמר כל המקדש כולו קרוי בירה שנאמר (ד"ה א כט) הבירה אשר הכינותי :

(דף ג ע"ב) **ג תניא** קח לך משלך עשה לך משלך (שמות כז) ויקחו אליך שמן זית זך משל צבור . **דברי** רבי יאשיה . רבי יונתן אומר בין קח לך בין ויקחו אליך משל צבור . אם כן מה ת"ל קח לך . כביכול משלך אני רוצה (ואיני רוצה) [יותר] משלהם . אבא חנן אומר משום רבי אלעזר כתוב אחד אומר

שבעה ימים קודם יום הכפורים מפרישין כ"ג . שכל עבודת יום הכפורים אינה כשרה אלא בו כדיליף בגמרא פ' בהלח דכתיב גבי יום הכפורים וכפר הכהן אשר ימשח אותו ונכנס מסרס למה נקראת כן : ומתקינין לו . ומזמנין לו : כהן אחר . להיות כ"ג תחתיו אם יארע בו פסול קרי או שאר טומאה שמעכבין אותו למקדש : ובעד ביתו . גבי יוה"כ כתיב באחרי מות : אם כן . דהיינו לעולם : אין לדבר סוף . שמא גם זו תמות : הבירה אשר הכינותי . אשר כוננתי לו מקום נוכן ארונה לבנותה ודוד קאמר ליה לאחי קרא בדברי הימים : עשה לך . כגון שהיו אלו לצורך : כביכול . אני במעתי כאלו היה לצבור יכול להתכפר בשל יחיד בשלך שיהיו רוצה ואני אומר נפי שדבר קשה הוא לומר במקום ב"ה כן כביכול

## פרק ראשון

**א** שִׁבְעַת . זִיבֶּען טֶעג פַאר יוֹם כִּפּוּר הָאט דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל גִיכוּזְט אַוֶועק גֵיין פוּן זַיין הַיים . **אוּן** זִיצֶען דִי גַאנְצֶע זִיבֶּען טֶעג אִין דֶער עֲזָרָה אִין דִי שְׁטוּבּ וָואס הֵייסְט פַּרְהֶדְרִין . **אוּן** מֶען בְּרֵייט אָן אַיין אַנְדֶער כֹּהֵן . טָאמֶער וֶועט טְרֶעפִין אַז דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל וֶועט פָּסוּל וֶוערִין אוּן וֶועט נִיט קֶענֶען טָאהְן דִי עֲבוֹדָה יוֹם כִּפּוּר . זָאל גֵיין דֶער אַנְדֶערֶער כֹּהֵן אוֹיף זַיין אָרְט . רַבִּי יְהוּדָה זָאגְט מֶען בְּרֵייט אָן פַאר דֶעם כֹּהֵן גָּדוֹל נָאךְ אַווייבּ . טָאמֶער וֶועט זַיין וַוייבּ שְׁטַארְבֶּען אוּם יוֹם כִּפּוּר . זָאל עֶר בָּאַרְד דִי וַוייבּ מְקַדֵשׁ זַיין . וָוארוּם אִיז פָּסוּק שְׁטֵייט דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל זָאל מְכַפֵּר זַיין בַּעֲדוֹ וּבְעַד בֵּיתוֹ . פַאר זִיךְ אוּן פַאר בֵּיתוֹ . בֵּיתוֹ מֵיינְט מֶען אַוַוייבּ . דַארְף דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל הָאבֶּען אוּם יוֹם כִּפּוּר אַוַוייבּ . הָאבֶּען דִי חֲכָמִים גִיזָאגְט צוּ רַבִּי יְהוּדָה אַז דוּא הָאסְט מוֹרָא פַאר שְׁטַארְבֶּען . דַארְף מֶען דָאךְ מוֹרָא הָאבֶּען טָאמֶער וֶועט דִיא אַנְדֶערֶע אוֹיךְ שְׁטַארְבֶּען . אוּן אַדְרִיטֶע וֶועט אוֹיךְ שְׁטַארְבֶּען . וועט דָאךְ דִיא זַאךְ נִיט הָאבֶּען קֵיין סוֹף . נָאר מֶען בְּרֵייט נִיט אָן קֵיין אַנְדֶער וַוייבּ . וָוארוּם מִיר הָאבֶּען נִיט מוֹרָא פַאר שְׁטַארְבֶּען אִין דֶעם אֵיין טָאג :

**ב** מַאי בִּירָה . וָואס מֵיינְט מֶען בִּירָה . הָאט רַבָּה בַּר בַּר חָנָה גִזָאגְט פוּן רַבִּי יוֹחָנָן . אוֹיף דֶעם בַּארְג וואוּ דֶער בֵּית הַמִּקְדָשׁ אִיז גִישְׁטַאנֶען אִיז גִיוֶוען אַאָרְט וָואס הָאט גִיהֵייסֶען בִּירָה . אוּן רֵישׁ לָקִישׁ זָאגְט דֶער גַאנְצֶער בֵּית הַמִּקְדָשׁ וֶוערְט גִירוּפֶען בִּירָה . אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק הַבִּירָה אֲשֶׁר הֲכִינוֹתִי . דֶעם בֵּית הַמִּקְדָשׁ וָואס אִיךְ הָאבּ אָן גִיבְּרֵייט :

**ג** תַּנְיָא . מִיר הָאבִּין גִיהֶערְט וואוּ גָאט הָאט גִזָאגְט צוּ מֹשֶׁה קַח לְךָ . נֶעם צוּ דִיר . מֵיינְט מֶען מֹשֶׁה זָאל נֶעמֶען דִי זַאךְ פוּן זַיין אֵייגֶענֶע גֶעלְט . אוּן וואוּ עֶס שְׁטֵייט עֲשֵׂה לְךָ . מַאךְ צוּ דִיר . מֵיינְט מֶען מֹשֶׁה זָאל מַאכֶען דִי זַאךְ מִיט זַיין אֵייגֶענֶע גֶעלְט . אוּן וואוּ עֶס שְׁטֵייט וְיִקְחוּ אֵלֶיךָ שֶׁמֶן זַיִת זָךְ . זֵיי זָאלֶען נֶעמֶען צוּ דִיר קְלָארֶע בּוֹימֶאייל . מֵיינְט מֶען דִי יוּדֶען זָאלֶען בְּרֵיינְגֶען פוּן זֵייעֶר גֶעלְט . אַזוֹי זָאגְט רַבִּי יֹאשִׁיָה . רַבִּי יוֹנָתָן זָאגְט סַיי עֶס שְׁטֵייט קַח לְךָ סַיי עֶס שְׁטֵייט וְיִקְחוּ אֵלֶיךָ . מֵיינְט מֶען אַלֶץ דִי יוּדֶען זָאלֶען בְּרֵיינְגֶען פוּן זֵייעֶר גֶעלְט . נָאר צוּ וָואס שְׁטֵייט קַח לְךָ . נֶעם צוּ דִיר . זָאל שְׁטֵיין וְיִקְחוּ אֵלֶיךָ . זֵיי זָאלֶען נֶעמֶען צוּ דִיר נָאר אַזוֹי זָאגְט גָאט צוּ מֹשֶׁה . אַז עֶס וָואלְט גִיקֶענְט זַיין אַלֶץ פוּן דַיין גֶעלְט . וָואלְט אִיךְ בֶּעסֶר

אומר (דברים י) ועשית לך ארון עץ וכתוב אחד אומר (שמות כה) ועשו ארון עצי שטים הא כיצד כאן בזמן שישראל עושין רצונו של מקום כאן בזמן שאין ישראל עושין רצונו של מקום ויכסהו הענן ששת ימים תני' מאי ששת ימים זה בנה אב שכל הנכנס במחנה שכינה טעון פרישה ששה:

(דף ד) **תניא** משה עלה בענן ונתכסה בענן ונתקדש בענן לקבל תורה לישראל בקדושה שנאמר (שמות כד) וישכון כבוד ה' על הר סיני זה היה מעשה אחר עשרת הדברות שהוא תחלה לארבעים יום דברי רבי יוסי הגלילי רבי עקיבא אומר וישכון כבוד ה' על הר סיני מר"ח (סס ע"כ) ויכסהו הענן להר ויקרא אל משה (ביום הז') ומשה וכל ישראל עומדים ולא בא הכתוב אלא לחלוק כבוד למשה רבי נתן אומר לא בא הכתוב אלא למרק אכילה ושתיה שבמעיו כדי לשומו כמלאכי השרת רבי מתיא בן חרש אומר לא בא הכתוב אלא לאיים עליו כדי שתהא תורה נתונה באימה ביראה ברעד ברתת ובזיע שנאמר (תהלים ב) עבדו את ה' ביראה וגילו ברעדה מאי וגילו ברעדה אמר רב אדא בר מתנה אמר רב במקום גילה שם תהא רעדה במאי

פירוש

**אמר** בלשון כביכול כלומר על כרחנו כ"ה ר' כך כלנו הפסוק נומר כן וכן כל כביכול שבגמרא:
**כאן** בזמן שהם עושים רצונו של מקום. נקראת העבודה על שמם:
**זה** היה מעשה וכו'. כלומר לא אתה יכול לומר ויכסהו להר ולא למשה ואלו ששת ימים קן שכיון שהלא ישב ששת לביני עד יום מתן תורה ואין כאן פרישה נמצא שבתי צ' אותן ששה ימים עלה ויכד בבקמים להזהירם על ש"א יין הגבלה מצות הגבלה והם לא האמר לפי שזה שיה מעשה אחר עשרת הדברות בההלת ארבעים יום שנכנס למחנה שכינה לביאת שם עם ה' לקבל הלוחות. ולקמן מפרש מכילה פליטא ליה דהחר מתן י' הדברות כיו ששה ימים כלנו:

גיוואלט ווייא עס איז פון זייער געלט. אבא חנן זאגט פון רבי אלעזרס וועגן אין איין פסוק שטייט גאט האט גזאגט צו משה דו זאלסט דיר מאכען אהילצערנעם קאסטען. און אין איין פסוק שטייט זיי זאלען מאכען אקאסטען פון טענען האלץ. ווי אזוי מיינט מען. ווען דיא יודען טוהען דעם ווילען פון גאט. ווערט גירופען אויף זייער נאמען. זייא מאכען. און ווען דיא יודען טוהען ניט דעם ווילען פון גאט. ווערט גירופען אויף משהם נאמען. משה האט גימאכט. אין פסוק שטייט ויכסהו הענן ששת ימים. דער וואלקין האט בדעקט משהן זעקס טעג. פאר וואס זעקס טאג. פון דאנען לערנען מיר אפ אז דער וואס גייט אריין אין די מחנה שכינה דארף זיך אפ שיידין פון דער וועלט זעקס טעג פריער:

**ד תניא**. מיר האבען גילערנט משה איז אריין גיגאנגען אין וואלקין. און איז בדעקט גיווארין מיט דעם וואלקין. און איז גיהייליגט גיווארין אין וואלקין. ער זאל נעמען די תורה פאר די יודינס וועגין מיט הייליגקייט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דער כבוד פון גאט האט גירוהט אויף דעם בארג סיני. דאס איז גיוועזען נאך די עשרת הדברות. דאס איז גיוועזען דער אנהייב פון די פערציג טעג וואס משה איז גיוועזען ביי גאט צו נעמען די לוחות. אזוי זאגט רבי יוסי הגלילי. רבי עקיבא זאגט וואס דער פסוק זאגט דער כבוד פון גאט האט גירוהט אויף דעם בארג סיני. דאס איז גיוועזען פון ראש חודש סיון. און דער וואלקין האט בדעקט דעם בארג סיני. ניט משה רבינו. און ווען גאט האט גירופען צו משה. איז גישטאנען משה בעזאמען מיט אלע יודען. און מען האט גדארפט אלע יודען זאלען הערין די עשרת הדברות. נאר וואס דען האט מען גירופען צו משה. מען זאל געבין כבוד צו משה מער ווי צו אלע יודען. רבי נתן זאגט וואס משה רבינו איז גיוועזען זעקס טעג אויף דעם בארג אונטער דעם וואלקין. דאס איז גיוועזען אז דאס עסין און טרינקען וואס איז גיוועזען אין זיינע גידערים זאלען פר צערט ווערין אין זיין גוף. ער זאל זיין ליידיג אזוי ווי א מלאך. רבי מתיא בן חרש זאגט וואס משה רבינו איז גיוועזען זעקס טעג אויף דעם בארג אונטער דעם וואלקין. דאס איז גיוועזען צו מאכען א מורא אויף איהם. די תורה זאל גיגעבין ווערין מיט מורא און מיט ציטערניש. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק איר זאלט דינען גאט מיט מורא און מיט ציטערניש. האט רב אדא בר מתנה גזאגט פון רבס וועגין ווען איר וועט אייך פרייען מיט ציטערניש. איר זאלט אייך פרייען מיט מיט

במאי קא מפלגי רבי יוסי הגלילי ורבי עקיבא בפלוגתא דהני תנאי קא מפלגי דתניא בששה לחדש נתנה תורה לישראל רבי יוסי אומר בשבעה בו. מאן דאמר בששי. בששי נתנה בשביעי עלה. דכתיב (שמות כד) ויקרא אל משה ביום השביעי. ומאן דאמר בשבעה. בשבעה נתנה ובשבעה עלה. רבי יוסי הגלילי סבר לה כת"ק דאמר בששה לחודש נתנה תורה לישראל הילכך זה היה מעשה אחר עשרת הדברות (שם) וישכון כבוד ה' על הר סיני. ויכסהו הענן ששת ימים למשה. ויקרא אל משה ביום השביעי מתוך הענן לקבולי תורה כולה. דאי ס"ד וישכון כבוד ה' מראש חודש ויכסהו הענן להר ויקרא אל משה [ביום הז'] לקבולי (תורה) [עשרת הדברות] הוא הא קבילו להו משה והא אסתלק ליה ענן משמה. ורבי עקיבא סבר לה כרבי יוסי דאמר ביום השביעי לחדש נתנה תורה לישראל. בשלמא לרבי עקיבא היינו דמשכחת לה

רבי עקיבא אומר. קודם עשרת הדברות היו ששה ימים הללו הם ששת ימים שמר"ח עד יום מתן תורה וגו' קבלוה ומשה וכל ישראל עומדים לקבל עשרת הדברות כדאמרינן אנכי ולא יהיה לך מפי הגבורה שמענום. ואח"כ עלה כדי לקבל הלוחות ולא היה שם פרישה כלל: ויכסהו הענן להר. ולא למשה שהרי כל אותן ששה ימים עלה וירד כדכתיב לומר להם אתם ראיתם אשר עשיתי וגו'. ולמחר נאמר לו לך אל העם וקדשתם היום ומחר ונאמר רד העד בעם: ולא בא הכתוב. לומר ויקרא אל משה לגדו אלא לחלוק לו כבוד: לאחר השכינה ושהיה. רבי נתן סבר לה כרבי יוסי הגלילי דפרישה למשה בולי האי לא נלמוד: כאן לאחר הכהנים למחנה שכינה פרישה שלא היתה פרישה זו אלא ששה ימים הללו נהמרקו מכיום שבמעיו נביות כמאכלי בהמה אבל בעלמא לא בעינא מירוק: לאיים עליו. הוא שני כבר לא כר' יוסי הגלילי דפרישה למשה הויא ולהבדילו מבני הרם שהחול עליו אימה כביוהו נגדו יכנס ויפיס בלבו ליכנס במחנה שכינה באימה: במקום גינב. מתן תורה של לוחות דכתיב פקודי ה' ישרים משמחי לב: במאי קמפלגי. מה דהוה מנחים לדבריהם: נתנה תורה. עשרת הדברות ומקראי ילפי טעמייהו ת"ק ור' יוסי במסכת שבת בפרק א"ר עקיבא: מ"ד בששה וכו'. הכי גרסינן הכא

ופי' היה בספרים כי היכי דלא תקשי לן לקמן היאך בלמו מ' יום ביו"ה בהמות שנשתברו הלוחות ממחרת: בז' עלה. לקבל הלוחות והם מ' יום: ר' יוסי הגלילי סבר לה כת"ק הילכך על כרחין ו' ימים ויום בז' שכתובים כאן אחר עשרת הדברות היו ופירש משה ששה ימים ובז' נכנס לקבל הלוחות: ורע"ק סבר לה כר' יוסי. הילכך ז' זה בשביעי לחדש היה: בשלמא לר' עקיבא. דאמר לא הוי פרישה

---

די תורה דארט זאל זיין ציטערניש. פרעגט דא גמרא אין וואס קריגט רבי יוסי הגלילי מיט רבי עקיבא. ענטפערט די גמרא זיי קריגען אין די זעלביגע זאך וואס די תנאים קריגען. ווארום מיר האבען גילערנט דעם זעקסטין טאג אין סיון איז גיגעבען גיווארען דיא עשרת הדברות צו די יודען. רבי יוסי זאגט דעם זיבעטען טאג אין סיון איז גיגעבען גיווארען די עשרת הדברות צו די יודען. דער וואס זאגט דעם זעקסטין טאג אין סיון. דעם זעקסטען טאג איז גיגעבען גיווארען די עשרת הדברות. דעם זיבעטען טאג איז משה ארויף גיגאנגען צו גאט: אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט האט גירופען צו משה דעם זיבעטען טאג. און דער וואס זאגט דעם זיבעטען טאג אין סיון. דעם זיבעטען טאג איז גיגעבען גיווארען די עשרת הדברות. און דעם זיבעטען טאג איז משה ארויף גיגאנגען צו גאט. רבי יוסי הגלילי האלט אזוי ווי דער ערשטער תנא וואס ער זאגט דעם זעקסטען טאג אין סיון איז גיגעבען גיווארען די עשרת הדברות צו די יודען. דריבער מוזען מיר זאגען אז די זעקס טעג וואס משה איז גיוועזען אויף דעם בארג אונטער דעם וואלקין דאס איז גיוועזען נאך דיא עשרת הדברות. און דער כבוד פון גאט האט גירוהט אויף דעם בארג סיני. און דער וואלקין האט צו גידעקט משהן זעקס טעג. און דעם זיבעטען טאג נאך די זעקס האט גאט גירופען צו משה פון וואלקין ער זאל נעמען די איבעריגע תורה מיט דיא לוחות. ווארום אז מען וועט זאגען דער כבוד פון גאט האט גירוהט פון ראש חודש סיון. און דער וואלקין האט בדעקט דעם בארג ניט משהן. ווארום משה האט דאך גידארפט אלע טאג ארויף גיין צו גאט און אראב גיין צו די יודען. אזוי ווי עס שטייט אין די סדרה יתרו. און וואס גאט האט גירופען צו משה דעם זיבעטען טאג. מיינט מען צו הערין די צעהן דברות. דאס האט מען דאך שוין ניהערט געבטין דעם זעקסטין טאג. און דער וואלקין איז אוועק גיגאנגען דעם זעקסטען טאג. און רבי עקיבא האלט אזוי וויא רבי יוסי וואס ער זאגט דעם זיבעטען טאג אין סיון איז גיגעבען גיווארען די עשרת הדברות צו די יודען. זאגט דיא גמרא נאך רבי עקיבא וואס ער

ז אגם

פרישה היתה מ' יום כיון ולא יותר ונשלמו בי"ז בתמוז ס"ד מסיון בהדי ו' ימים עברו ממנו יבז' תלה וכמה בנכנסו בתוך יום השביעי כשעלה והעכב לירד בתוך י"ז בתמוז שהיו ארבעים יום שלמים :

קול לו קול אליו . וישמע את הקול מדבר אליו לו היה יכול לומר ואמר אליו ללמדך שלו לבדו היה נשמע הקול באהל מועד מבחוקה המשכן ונדבר עמו מעל הכפורת לא היה הקול נשמע לישראל

לה בשבעה עשר בתמוז נשתברו הלוחות . ארבעה ועשרים דסיון ושיתסר דתמוז מלו להו ארבעים יום דהוה בהר . ובשבסר בתמוז נחית אתא ותברינהו ללוחות . אלא רבי יוסי הגלילי דאמר ששה דפרישה וארבעים דהר עד עשרים ותלתא בתמוז לא אתבור לוחות . אמר לך רבי יוסי הגלילי ארבעים דהר בהדי ששה דפרישה . אמר מר ויקרא אל משה . משה וכל ישראל עומדים מסייע לרבי אליעזר דאמר רבי אליעזר ויקרא אל משה משה וכל ישראל עומדין ולא בא הכתוב אלא לחלוק לו כבוד למשה :

(שם) המיתיבי (במדבר ז) קול לו קול אליו משה שמע וכל ישראל לא שמעו לא קשיא הא בסיני הא באהל מועד . ואי בעית אימא (הא והא באהל מועד ולא) [לא] קשיא הא בקריאה הא בדבור . רבי זריקא רמי קראי (אהדדי) [קמי דרבי אליעזר ואמרי לה:

---

זאגט אז די עשרת הדברות איז גזאגט געווארען דעם זיבעטען טאג . אונ דעם זעלבינגען טאג איז משה ארויף געגאנגען צו גאט נעמען די לוחות . איז רעכט וואס מיר זאגען אז זיבעצען טעג אין תמוז איז צו בראכען געווארין די לוחות . פיר אונ צוואנציג טעג איז געבליבען פון סיון . אונ זעבצעהן טאג פון תמוז . איז די פערציג טעג וואס ער איז געזעסען אויף דעם בארג . אונ ווייל ער איז ארויף געגאנגען דעם זיבעטין טאג אין סיון אין מיטען טאג . דריבער איז ער אראפ געקומען דעם זיבעצעהנטין טאג אין תמוז אויך אין מיטען טאג . עס זאל זיין ריכטיגע פערציג טעגו . אונ ער האט צו בראכען די לוחות . אבער נאך רבי יוסי הגלילי וואס ער זאגט אז נאך דעם זעקסטין טאג פון סיון איז משה געזעסען אויף דעם בארג אונטער דעם וואלקין זעקס טעג (איז שוין צוועלף טעג אין סיון) אונ דעם זיבעטין טאג וראס איז דער דרייצעהנטער טאג אין סיון) האט איהם גאט גירופען ער זאל נעמען דיא לוחות . אונ דער נאך איז ער געזעסען אויף דעם בארג פערציג טעג . איז ער דאך אראפ געקומען פון בארג אונ צו בראכען די לוחות דעם דריי אונ צוואנציגסטען טאג אין תמוז . ניט זיבעצין . זאגט די גמרא רבי יוסי הגלילי האלט די פערציג טעג וואס ער איז געזעסען אויף דעם בארג איז צו זאמען מיט די ערשטע זעקס טעג וואס נאך דעם זעקסטין טאג אין סיון . דארף מען ציילען פון זיבעטין טאג אין סיון ביז זיבעצין טאג אין תמוז . זאגט די גמרא פריער איז געשטאנען ווען גאט האט גירופען צו משה איז געשטאנען צו זאמען משה מיט אלע יודען . וועט זיין אראיה (אבעווייזונג) צו רבי אליעזר . ווארום רבי אליעזר האט גזאגט עס שטייט אין פסוק גאט האט גירופען צו משה . משה אונ אלע יודען זענען געשטאנען בעזאמען פר וואס הט מען נאר גירופען צו משה . צו געבין כבוד צוא משה :

ה מיתיבי . איך וועל דיר אקשיא פרעגין . קול לו . עס האט גיקענט שטיין אין פסוק וישמע את הקול מדבר לו . ער האט גיהערט וויא דער קול רעט צו אים . פר וואס שטייט מדבר אליו . אליו איז טייטש צו אים . לו איז טייטש צו אים . פר וואס שטייט צוויי אותיות מעהר . צו ווייזען אז נאר משה האט גיהערט ווי מען רופט אים . אבער אלע יודין האבין ניט גיהערט וויא מען רופט משהן . אז קיינער האט ניט גיהערט וויא מען האט גירופין משהן . וואס פאר אכבוד האט משה גיהאט פון דעם רופען אים . זאגט די גמרא עס איז ניט קיין קשיא . ווען די יודין זענען גישטאנען ביי דעם בארג סיני . האבין זיי גיהערט וויא מען האט גירופין משהן . אונ ווען מען האט גירופען משהן פון אהל מועד האט קיינער ניט גיהערט נאר משה אליין . אונ אז דו ווילסט וועל איך דיר זאגען עס איז ניט קיין קשיא . ווען גאט האט גירופען משהן האבין אלע גיהערט . נאר וואס גאט האט גירעט מיט משהן האט קיינער ניט גיהערט . רבי

זריקא

לה אמר רבי זריקא רבי אליעזר רמי] כתיב (שמות מ) ולא יכול משה לבא אל אהל מועד כי שכן עליו הענן וגו' וכתיב (שם כד) ויבא משה בתוך הענן וגו' מלמד שתפסו הקב"ה למשה והביאו בענן דבי רבי ישמעאל תנא נאמר כאן בתוך ונאמר להלן בתוך (שמות יד) ויבאו בני ישראל בתוך הים מה להלן שביל דכתיב (שם) והמים להם חומה אף כאן שביל (ויקרא א) ויקרא אל משה וידבר למה הקדים קריאה לדבור למדה תורה דרך ארץ שלא יאמר אדם דבר להברו אלא א"כ קוראו מסייע ליה לרבי חנינא דאמר רבי חנינא לא יאמר אדם לחברו דבר אלא אם כן קוראו . לאמר אמר רבי מנסיא בר בריה דרבי מנסיא משמיה דרבי מנסיא רבה מנין לאומר דבר לחברו שהוא בבל יאמר עד שיאמר לו לך אמור תלמוד לומר וידבר ה' אליו מאהל מועד לאמר :

(דף ה ע"ב) ו כיצד הלבישן כיצד הלבישן, מאי דהוה הוה . אלא כיצד מלבישן לעתיד לבא . לע"ל נמי לכשיבואו אהרן ובניו משה רבינו יבא עמהם ויאמר אלא כיצד הלבישן למסבר קראי . (ובמסכת זבחים

דהאי קרא וישמע את הקול באהל מועד כתיב רישיה דקרא ובבא משה אל אהל מועד וגו' : בהוא בבל יאמר וגו' ת"ל לאמר . לא אמר הדברים אלא א"כ נותן לו רשות :
כיצד הלבישן . סדר הבגדים לאב ולבנים זה אחר זה : מאי דהוה הוה . ומה צורך לנו ללמוד :

---

זריקא האט אקשיא גיפרעגט פאר רבי אלעזר פון איין פסוק אויף דעם אנדערין . אונ אנדערע זאגין רבי זריקא האט גזאגט רבי אלעזר האט אקשיא גיפרעגט פון איין פסוק אויף דעם אנדערין . אין איין פסוק שטייט משה האט ניט גיקענט קומען אין אהל מועד ווייל דער וואלקין האט גירוהט אויף דעם אהל מועד : אונ אין איין אנדער פסוק שטייט משה איז גיקומען אין וואלקין . נאר דער פסוק לערונט אונז אז גאט האט אן גינומען משהן אונ האט אים גיבראכט אין וואלקין . דבי רבי ישמעאל האבין גילערונט דא שטייט בתוך הענן . אין וואלקין איז משה גיקומען . אונ דארט שטייט ויבאו בני ישראל בתוך הים . די יודין זענין גיקומען אין ים . אזוי ווי גאט האט גימאכט אוועג אין ים די יודין זאלין דורך גיין אזוי וויא עס שטייט אין פסוק די וואסער איז גיוועזן אזו וויא אמויער פון דער רעכטער זייט אונ פון דער לינקער זייט . אזוי הט גאט גימאכט אוועג אין וואלקין משה זאל דורך גיין : אין פסוק שטייט ויקרא אל משה וידבר . גאט האט גירופין צו משה אונ האט גירעט מיט איהם . פאר וואס האט גאט גירופען משהן איידער ער האט מיט אים גירעט . די תורה האט אונז גילערונט ווי אזוי אמענטש דארף טאהן . אמענטש זאל ניט אנהייבען פלוצלונג צו ריידען מיט זיין חבר . נאר פריער זאל ער אים רופין . ועט זיין אראיה [אבעווייזונג] צו רבי חנינא . ווארום רבי חנינא האט אויך אזוי גזאגט . אמענטש זאל ניט אנהויבען פלוצלונג צו ריידין מיט זיין חבר . נאר פריער זאל ער איהם רופען . אין פסוק שטייט וידבר יי' אל משה לאמר . גאט האט גירעט צו משה ער זאל זאגין . צו וואס דארף שטיין דער ווארט לאמר . האט רבי מנסיא דער אייניקעל פון רבי מנסיא גזאגט פון גרויסען רבי מנסיאס וועגין פון וואנען ווייסען מיר אז איינער זאגט אזאך צו זיין חבר טאר ניט דער חבר אויס זאגען די זאך סיידען מען זאגט צו איהם גיי זאג . ווארום עס שטייט אין פסוק גאט האט גירעט צו משה פון אהל מועד די דינים פון קרבנות . אונ גאט האט גזאגט צו משה גיי זאג די דינים צו די יודין . אפילו משה הט אליין גיוואסט אז די דינים דארף מען זאגין צו די יודין . פון דעסטוועגין האט ער ניט גיטארט זאגין ביז גאט האט אים גיהייסען גיי זאג . אונ אזו דארף זיין צווישען מענטשין . אז איינער זאגט אזאך צו זיין חבר . אפילו ער זאגט אים ניט ער זאל פאר קיינעם ניט זאגען : טאר ער אויך ניט זאגען . ביז יענער זאגט אים בפירוש גייא זאג :

ו כיצד . ווי אזוי האט מען אן גיקליידט אהרן מיט זיינע קינדער די היילינע קליידער . פרעגט דיא גמרא צו וואס דארפען מיר וויסען ווי אזוי דאס איז גיוועזן . ווי אזוי עס איז גיוועזן . איז גיוועזן . ענטפערט די גמרא מיר דארפען וויסען ווי אזוי עס איז גיוועזן בדי אז משיח וועט קומען

זאלין

זבחים פרק ד' נאמר כיוצא בוה) תני רבי אלעזר משום רבי יוסי פיגל בדבר הנעשה בחוץ וכו' אמר רב נחמן אמר רבה בר אבוה הלכה כרבי אלעזר שאמר משום רבי יוסי אמר רב יוסף הלכתא למשיחא אמר ליה אביי אלא מעתה כולה שחיטת קדשים לא ליתני הלכתא למשיחא אלא דה"ש וקבל שכר הכא נמי דרוש וקבל שכר הכי קאמינא לך הלכתא למה לי :

(דף ז ע"ב) ז אמר רבה בר רב הונא חייב אדם למשמש בתפלין בכל שעה ושעה קל וחומר מציץ (ע"ב) ומה ציץ שאין בו אלא אזכרה אחת אמרה תורה (שמות כח) על מצחו תמיד שלא יסיח דעתו ממנו תפלין שיש בהם אזכרות הרבה על אחת כמה וכמה. (דף ח ע"ב) ללשכת פרהדרין וכו' תניא רבי יהודה אומר וכי לשכת פרהדרין היתה והלא לשכת בלווטי היתה אלא בתחלה היו קורין אותה לשכת בלווטי

שמכבר קרא. דלא ליקבו הכדי דכלואה כתיב והגרת אותם אבנט אהרן ובניו משמע הגירתם של שניהם בסדר אחד ולא הפסיק לבישת בגד אחר ביניהם ובעשיה כתיב ביה"כ ויחגור אותו אבנט כסדר לבישת בגדיו וגמר והלבישו כל הלבושים ואח"כ הקריב בניו והלבישם ותגרם (פי' מאמר מס' זבחים) : הלכתא למשיחא. הכי קבע לנו הלכה הצריכה לנו לימות המשיח כשיבנה בית המקדש ועכשיו לא הוצרכנו לה : הלכתא למה לי. הלכה קא מתמהא אבל מגרס לא קשיא לי לפי שהיא כיא ודרוש וקבל שכר אבל קיבוע הלכה אינו אלא להורות הלכה למעשה ועכשיו אינו נוהג : פרהדרין. פקידי המלך : לשכת בלווטי. לשון שרים ער סיפה נקראת לשכת שרים : בגמרא.

---

זאלין מיר וויסען ווי אזוי אן צו קליידען די כהנים מיט דעם כהן גדול. זאגט די גמרא אז משיח וועט קומען וועט קומען אהרן מיט זיינע קינדער אונ משה רבינו אויך. וועט ער זאגען ווי אזו מען זאל זיי אן קליידען. ענטפערט די גמרא אזו מיינט מען. מען דארף וויסען ווי אזוי מען האט אן גיקליידט אהרן מיט זיינע קינדער די הייליגע קליידער. כדי מיר זאלען קענען פר שטיין די פסוקים אין די תורה: תני. רבי אלעזר האט גילערנט פון רבי יוסים וועגען אדין ביי פיגול. האט רב נחמן גזאגט פון רבה בר אבוהם וועגען דער דין איז ווי רבי אלעזר אזוי ווי ער הט גזאגט פון רבי יוסים וועגין. האט רב יוסף גיפרעגט רב נחמן דער ציילט אונז אדין אויף דער צייט ווען משיח וועט קומען. צו וואס דארפען מיר דאס היינט וויסען. האט אביי גזאגט צו רב יוסף דארף מען דאך ניט לערנען דעם גאנצין סדר קדשים. ווייל די דינים וועגען אויף דער צייט ווען משיח וועט קומען. נאר מען לערנט אונ מען נעמט שכר פאר דעם לערנען אויך. דער דין פון רבי אלעזר איז אויך אזוי. מען לערנט אונ מען נעמט שכר. האט רב יוסף גזאגט אזו מיין איך. לערנען די דינים פון קרבנות צו וויסען די פסוקים אין דער תורה דארף מען. נאר צו פסקנן ווי וועט דער דין איז. דאס איז נאר ביי אזוי אזאך וואס מען דארף שוין טאהן. אבער ניט ביי אזוי אזאך וואס עס וועט זיין אז משיח וועט קומען:

ז אמר. רבה בר רב הונא הט גזאגט אמענטש מוז אן טאפען די תפלין אלע ווייל. ער זאל ניט פאר געסען אז ער גייט מיט תפלין. דאס נוייסען מיר פון דעם ציץ נאויף דעם שטערין פון כהן גדול איז גיווען אנאלדענע בלעך. מיט די אותיות קדש ליהוה די בלעך הייסט ציץ. מאדאך דער ציץ וואס אויף אים איז נאר געשריבען איין מאהל דער נאמען פון גאט. האט די תורה גזאגט דער כהן גדול זאל אייביג גידיינקען אז די בלעך איז אויף זיין שטערין. ער זאל איין מינוט ניט מאר געסין. תפלין וואס אין זיי איז געשריבען פיל מאהל דער נאמען פון גאט. איז געווים אז דער מענטש טאר ניט פאר געסין איין מינוט אז ער טראגט תפלין אויף זיין קאפ אונ אויף זיין האנט. אין דער משנה שטייט זיבען טעג פאר יום כפור איז דער כהן גדול גיזעסין אין די שטוב וואס הייסט לשכת פרהדרין. האט רבי יהודה גיפרעגט האט דען די שטוב גיהייסין לשכת פרהדרין. זיא האט דאך גיהייסען לשכת בלווטי. ודי קליינע אונ נידעריגע בעאמטע פון מלך הייסען פרהדרין. אונ די פירשטין הייסין בלווטי: זאגט די גמרא אזוי איז גיוועו. אין אנהייב ווען די כהנים גדולים זענען גיוועו צדיקים אונ האבין גילעבט יעדער פיל יאהרין. האט מען גירופין די שטוב וואס דער כהן גדול איז אין איר גיזעסין די זיבען טעג פאר יום כפור. לשכת בלווטי. די פירשטין שטוב. ווייל דער כהן גדול איז גיווען גרויס

אזוי

בלווטי ומתוך שנותנים עליה ממון לכהונה ומחליפים אותם כל שנים עשר ח"ש כפרהדרין הללו שמחליפים אותן כל שנים עשר חודש לפיכך היו קורין אותה לשכת פרהדרין :

**ת אמר** רבה בר בר חנה אמר רבי יוחנן מאי דכתיב (משלי י) יראת ה' תוסיף ימים ושנות רשעים תקצרנה . יראת ה' תוסיף ימים זה מקדש ראשון שעמד ת"י שנים ולא שמשו בו אלא י"ח כהנים ושנות רשעים תקצרנה זה מקדש שני שעמד ת"כ שנה ושמשו בו יותר משלש מאות כהנים צא מהם מ' שנה ששמש שמעון הצדיק ופ' שנה ששמש יוחנן כהן גדול ועשרה ששמש ישמעאל בן פאבי ואמרי לה י"א ששמש רבי אלעזר בן חרסום מכאן ואילך צא והשוב כל אחד לא הוציא שנתו . (אמר רבי יוחנן בן תורתא וכל כך למה לפי שהיו לוקחים אותה בדמים . דאמר רבי אסי תרקבא דדינרי עיילה ליה מרתא בת ביתוס לינאי מלכא עד דאוקמיה ליהושע בן גמלא בכהנא רברבא) אמר רבי יוחנן בן תורתא מפני מה הרבה שילה מפני שהיו שם שני דברים גלוי עריות ובזוי קדשים . גלוי עריות דכתיב (שמואל א ב) ועלי זקן מאד ,שמע את כל יעשון

כל ימי שמעון הצדיק שהאריך ימים היו קורין אותה לשכת בלווטי : מתוך שנותנין ממון לכהונה . מתוך שהכהני בית שני היו עומדין ע"י ממון שנותנין על כהונה גדולה למלכי בית חשמונאי מחליפין אותן כל י"ב חדש כלומר רשעים היו ולא היו מוציאין שנתן ועומד אחר תחתיו וכל כהן שמתחדש פס סוחר אותה וכונה בנין כלה מן הראשון, שהשנה קרויה על שמו ונמצא מתחלפת כל שנה ושנה : כפרהדרין סגנו . שהמלך מחליפן בכל שנה ושנה הוו לקרותה לשכת פרהדרין :

---

אזוי ווי איינער פון די גרעסטע פירשטין. אבער נאך שמעון הצדיק אז די כהנים גדולים זענען גיט פרום גיוועזן. ער איז נאר געווארען א כהן גדול ווייל ער האט גיגעבין געלט אין רוים צום מלך. אונ יעדער כהן גדול האט ניט אוים גילעבט דאס יאהר. האט מען אלע צוועלף חדשים גימאכט אנייעם כהן גדול. אזוי וויא מען פלעגט אום טאהשין אלע גירעגירונג בעאמטע אונ מען פלעגט מאכען אלע צוועלף חדשים אנדערע. אונ יעדער כהן גדול האט אלע צוועלף חדשים אראפ גיווארפען דיא אלטע לשכה (שטוב) אונ גיבויעט אנייע. זענען די שטובין אויך גיטאהשט גיווארען אלע צוועלף חדשים אזוי ווי די פרהדרין. דריבער האט מען די שטוב גירופין לשכת פרהדרין :

**ת** אמר. רבה בר בר חנה האט גיזאגט פון רבי יוחנן וועגין וואס מיינט דער פסוק יראת יי תוסיף ימים ושנות רשעים תקצורנה. די מורא פון גאט מערט טעג. דאס מיינט מען דעם ערשטין בית המקדש. ווייל די כהנים גדולים האבין מורא גיהאט פאר גאט. האבין זייא לאנג גילעבט. אונ דער בית המקדש איז גשטאנען פיר הונדערט מיט צעהן יאהר. אונ עס זענין ניט מעהר גוועזן נאר אכטצעהן כהנים גדולים. אונ די יאהרען פון די רשעים ווערין אפ געקירצט. דאס מיינט מען דעם אנדערען בית המקדש. וואס ער איז געשטאנען פיר הונדערט מיט צוואנציג יאר. אונ עס זענין גיוועזן מעהר ווי דריי הונדערט כהנים גדולים. דר פון הארפען מיר אראפ רעכענין וואס שמעון הצדיק איז גיוועזן א כהן גדול. אונ אכציג יאהר וואס יוחנן כהן גדול האט געדינט אין בית המקדש. אונ צעהן יאהר פון דעם כהן גדול ישמעאל בן פאבי. אונ אנדערע זאגין נאך עלף יאהר וואס רבי אלעזר בן חרסום איז גוועזן א כהן גדול צו זאמען איז דאס גוועזן הונדערט איין אונ פערציג יאהר. איז נאך געבליבען שטיין דער בית המקדש אויף צוויי הונדערט ניין אונ זיבציג יאהר. אונ אין די יאהרין זענען גיוועזן דריי הונדערט כהנים גדולים. האט דאך יעדער כהן גדול ניט גילעבט א יאהר אין דער כהונה גדולה. האט רבי יוחנן בן תורתא גזאגט פאר וואס איז דאס גיוועזן. ווייל זייא זענען ניט ווערט גיוועזן צו זיין כהנים גדולים נאר זיי פלעגין קויפין די כהונה גדולה פאר געלט. ווארום רבי אסי האט גזאגט דריי קבין (דאס איז אזוי אמאס) מיט געלט האט מרתא בת ביתוס גיגעבין צו ינאי המלך ער זאל מאכין יהושע בן גמלא פאר א כהן גדול. רבי יוחנן בן תורתא האט גזאגט פאר וואס איז חרוב גיווארען דער משכן פון שילה. ווייל דארט איז גוועזן צווייא זאכען. זנות אונ מען האט פארשעמט

אשר יעשון בניו לכל ישראל ואת אשר ישכבון את הנשים הצובאות פתח אהל מועד. ואע"ג דא"ר שמואל בר נחמני אמר רבי (יוחנן) [יונתן] כל האומר בני עלי חטאו אינו אלא טועה מתוך ששדו את קיניהם מיהא מעלה עליהם הכתוב כאלו שכבום בזוי קדשים דכתיב (שם) גם בטרם יקטירון את החלב ובא נער הכהן ואמר לאיש הזובח וגו' ויאמר אליו האיש קטר יקטירון כיום החלב וגו' עד כי נאצו האנשים את מנחת ה':

שבזו את קיניהם. שהיו מביאות כמלאות ימי לידתם לטהר לאכול בקדשים והם היו בעלי גאוה והיו מתרשלים בהקרבה והנשים ממתינות עד שיקריבום ומשהות מלחזור למקומן אל בעליהן ומבטלים את הנשים מפריה ורביה: מהשתרע. דרים מעטיקין מהשתרר ריע אחר: שני רעים. שהמטיר מכסה ללא נסיכל: צרה. לשון ריעות כב' נשים לאיש אחד וכעסתה צרתה אשה אל אחותה

(ע"ב) מקדש ראשון מפני מה חרב מפני שהיו בו שלשה דברים עכו"ם וגילוי עריות ושפיכות דמים עכו"ם דכתיב (ישעיה כח) כי קצר המצע מהשתרע והמסכה צרה כהתכנס מאי כי קצר המצע מהשתרע (אמר רבי שמואל בר נחמני) אמר רבי יונתן קצר מצע זה מהשתרר עליו שני רעים כאחד. והמסכה צרה כהתכנס אמר רבי שמואל בר נחמני (אמר רבי יונתן) כי מטא (רבי יוחנן) [רבי יונתן] להאי פסוקא בכי אמר מאן דכתיב ביה (תהלים לג) כונס כנד מי הים תעשה לו מסכה צרה. גילוי עריות דכתיב (ישעיה ג) ויאמר

---

פארשעמט די קרבנות. זנות איז געווען וואָרום עס שטייט אין פסוק עלי איז געווען זייער אלט. אונ ער האט געהערט וואס זיינע קינדער טוהען צו די יודין. אונ וואס זייא ליגען מיט דיא ווייבער וואס זענען פאר זאמעלט ביי די טיר פון אהל מועד. אפילו רבי שמואל בר נחמני האט געזאָגט פון רבי יונתן וועגן דער וואס זאָגט די קינדער פון עלי האבען געזינדיגט האט ער א טעות. וואָרום מען מיינט נאר זייא האבען אויף געהאלטען אונ האבען ניט מקריב געווען די ווייבערשע קרבנות צו דער צייט. אונ די ווייבער פלעגין ניט קענען גיין אהיים. נאר זייא האבען געמוזט נעכטיגען ביי די טיר פון אהל מועד ביז זייא האבען געזעהן מען האט מקריב געווען זייערע קרבנות. דער וויל פלעגען זייא שטערין די ווייבער זיי זאלען זיך ניט קענען באהעפטין מיט זייערע מאנען. דאס איז געווען זייער עבירה. אבער דער פסוק רעכינט די עבירה אזוי גרויס גליך ווי זייא וואלטין מזנה געווען. אונ זייא האבין פאר שעמט די קרבנות וואָרום עס שטייט אין פסוק. נאך איידער מען האט מקריב געווען די חלב אויף דעם מזבח. פלעגט קומען דער קנעכט פון כהן אונ האט געזאָגט צו דעם מענטש וואס האט געשאכטען דעם קרבן גיב מיר פלייש צו בראָטען פאר דעם כהן. האט דער מענטש צוא איהם געזאָגט לאז מען נאר פריער מקריב זיין דעם חלב: דער נא ווערטו דיר נעמען פלייש. דער נאך שטייט ווייטער אין פסוק אז די מענטשין ודי קינדער פון עלי האבין פאר מיאוסט די קרבנות ביי די יודין:

מקדש. פאר וואס איז חרוב געוואָרען דער ערשטער בית המקדש. ווייל עס איז געווען ביא די יודין דריי עבירות. זייא האבען געדינט עבודה זרה. אונ האבין מזנה געווען. אונ האבין גיהרגעט מענטשין. פון וואנען ווייסען מיר אז זייא האבין געדינט עבודה זרה. וואָרום עס שטייט אין פסוק כי קצר המצע מהשתרע והמסכה צרה כהתכנס. וואס מיינט מען כי קצר המצע מהשתרע. האט רבי יונתן געזאָגט קצר מצע זה. דער אויסשפרייטונג איז קורץ אונ שמאל עס זאל אויף אים קענען הערשען (שטיין) צווי געזעלען (צווי גאטער) צו זאמען. דאס מיינט מען מנשה בן חזקיה וואס ער האט געשטעלט א צלם אין היכל. קען דען אין דעם היכל שטיין דער ארון מיט די לוחות. אונ א צלם אויך. והמסכה צרה כהתכנס. האט רבי שמואל בר נחמני געזאָגט אז רבי יונתן איז געקומען צו דעם פסוק האט ער געוויינט. אונ ט געזאָגט נאט וואס אויף איהם שטייט געשריבען כונס כנד מי הים. ער זאמילט איין די וואסער

ויאמר ה' יען כי גבהו בנות ציון ותלכנה נטויות גרון שהיו מהלכות בקומה זקופה. ומשקרות עינים דהוו מליין כוחלא עיניהן. הלוך וטפוף תלכנה שהיו מהלכות עקב בצד גודל. וברגליהן תעכסנה אמר רבי יצחק מלמד שהיו מביאות מור ואפרסמון ומניחות במנעליהם (ומהלכות בשוקי ירושלים) כיון שמגיעות אצל בחורי ישראל בועטות בקרקע ומתיזות עליהם ומכניסות בהם יצר הרע כארס (בעכנא) [בכעוס]. שפיכות דמים דכתיב (מ"ב כא) וגם דם נקי שפך מנשה הרבה מאד עד אשר מלא את ירושלים פה לפה לבד מחטאתו אשר החטיא את יהודה לעשות הרע בעיני ה' רשעים הם אלא שתלו בטחונם בהקב"ה אתאן למקדש ראשון דכתיב (מיכה ג) ראשיה בשחד ישפוטו וכהניה במחיר יורו ונביאיה בכסף יקסומו ועל ה' ישענו וגו' לפיכך הקב"ה הביא עליהם שלשה פורעניות כנגד שלשה עבירות שבידם שנאמר (שם) לכן בגללכם ציון שדה תחרש וירושלים עיין תהיה והר הבית לבמות יער. אבל מקדש שני (שאנו בקיאים בו) שהיו עוסקים בתורה ובמצות ובגמילות חסדים. מפני מה חרב מפני ש"ח שהיה ביניהם ללמדך ששקולה שנאת חנם כנגד שלש עבירות עכו"ם וגילוי עריות וש"ד.

ובמקדש

לא הקה לגזור: ראשיה בשחד ישפוטו. סיפיה דקרא ועל ה' ישענו לאמר הלא ה' בקרבנו: עניסם. למקדש ראשון קאי: ג' גזירות. שדה יעיין וכמים יער: עיין. הרכס ומטמטה הכמד כמו ויעס ככל

---

וואסער פון ים און שטעלט זייא אויף אזוי ווי אוואנט. זאר מען מאכען אנגעמאסענעם גאט און מען זאל אים שטעלען געבען אים ודאס מיינט מען דעם צלם וואס אין היכלו. זעהן מיר אז זיי האבען געדינט עבודה זרה. פון וואנען ווייסען מיר אז זיי האבין מזנה געוועזען. ווארום עם שטייט אין פסוק ויאמר ה' יען כי גבהו בנות ציון ותלכנה נטויות גרון. גאט האט גזאגט וייל די טעכטער פון ציון זענען גרוים ביי זיך. זיי גייען פארין ווייז. אהויכע מיט אנידריגע. און זיי גייען ארויף גיגייט דעם האלדז. זייא גייען דעם קאפ אויף גישטעלט. און זייא פארבין די אויגין: זיי גייען שוועבענדיג. טריט ביי טריט. רבי יצחק זאגט זיי פלעגין אריין ציגין אין זייערע שיך בשמים און שמירען מיט שמעקעדיגע בוימאייל. און פלעגין גיין אין די גאסען פון ירושלים. אז זיי פלעגין קומען נעבין אידישען יונגען מאן פלעגין זייא געבין אטריט מיט דעם פוס אויף די ערד. און דער ריח פון די בשמים פלעגט געבין אשפריץ אויף דעם יונגען מאן. און דער יצר הרע איז באלד אין איהם אריין גיגאנגען און האט גיברענט אין איהם אזוי וויא גיפט פון אשלאנג ביז ער האט גימוזט מזנה זיין. פון וואנען ווייסין מיר אז זיי פלעגין הרגנן מענטשין ווארום עם שטייט אין פסוק מנשה האט פאר גאסין זייער פיל ריינע אומשולדיגע בלוט. ביז ער האט פול גימאכט ירושלים מיט בלוט פון איין עק צום אנדערין עק. אויסער די זינד וואס ער האט גימאכט זינדיגען דעם שבט יהודה זיי זאלען טאהן וואס שלעכט איז אין די אויגין פון גאט. זיי זענען גיוועזען רשעים נאר זיי האבין גיהאט זייער פאר זיכערונג אויף גאט. אזוי איז גיוועזען בייא דעם ערשטין בית המקדש. אזוי וויא עם שטייט אין פסוק אירע עלצטע משפטין פאר שוחד. אירע כהנים פסקנן דינים פאר בצאהלט. אירע נביאים מאכין כישוף פאר געלט. און זיי זענען אן גילענט אויף גאט. זיי זאגין גאט וועט זיי העלפין. דריבער האט גאט אויף זיי גיבראכט דריי פורענות: געגין די דריי עבירות וואס זיי האבין גיטאהן. אזוי וויא עם שטייט אין פסוק דריבער פון אייערט וועגין וועט ציון צו האקערט ווערין אזוי ווי אפעלד. און ירושלים וועט ווערין וויסט. און דער בארג וואס דער בית המקדש שטייט אויף איהם וועט פון איהם ווערין אהויכער וואלד. פרעגט די גמרא אבער דער אנדערער בית המקדש וואס דיא יודען האבען גילערנט תורה און האבען גיטאהן מצות. און האבין גיטאהן גמילות חסדים. פאר וואס איז ער חרוב גיווארין, ענטפערט די גמרא ווייל איינער האט פיינט גיהאט דעם אנדערין אומזיסט. פון דאנען לערנען מיר אז איינער האט פיינט זיין חבר אומזיסט. איז די עבירה אזוי גרוים וויא די

אלע

תחסה כו'. שנתגלה עונם. לא סוף תגסים פסעיכן: נתגלה קצם. לפי מלאת לבבל שבעים שנה אפקוד אתכם: אחרונים לא נתגלה עונם. בני מקדש שני רשעים היו בסתר: בירה. בית המקדש:

ובמקדש הראשון לא היה שנאת חנם ותכתיב (יחזקאל כא) מגורי אל חרב היו את עמי לכן ספוק אל ירך וא"ר אלעזר אלו בני אדם שאוכלין ושותין זה עם זה ודוקרים זה את זה בחרבות שבלשונם ההוא בנשיאי ישראל הוא דהואי שנאמר (שם) זעק והילל בן אדם כי היא היתה בעמי וגו' ותניא זעק והילל יכול לכל ת"ל (שם) היא בכל נשיאי ישראל מגורי אל חרב היו את עמי לכן ספוק אל ירך רבי יוחנן ורבי אלעזר דאמרי תרוייהו ראשונים שנתגלה עונם נתגלה קצם אחרונים שלא נתגלה עונם לא נתגלה קצם:

(שם) י אמר רבי יוחנן טובה צפרנן של ראשונים מכריסן של אחרונים אמר ליה ריש לקיש לרבי יוחנן אדרבה אחרונים עדיפי דאף על גב דאיכא שעבוד מלכיות קא עסקי בתורה אמר ליה (באר תוכיח שחזרה למשה ולא חזרה ליהושע. איכא דאמרי) אמר ליה בירה תוכיח שחזרה לראשונים ולא חזרה לאחרונים. שאלו את רבי אלעזר ראשונים גדולים או אחרונים אמר להם תנו עיניכם בבירה. איכא דאמרי אמר להם עדיכם

---

אלע דריי עבירות צו זאמען עבודה זרה און זנות און רציחה. פרעגט די גמרא אין ביי דעם ערשטען בית המקדש האט ניט פיינט געהאט איינער דעם אנדערין אומזיסט. עס שטייט דאך אין פסוק מגורי אל חרב היו את עמי לכן ספוק אל ירך. האט רבי אלעזר געזאגט דאס מיינט מען די מענטשין וואס זייא עסין און טרינקען איינער מיט דעם אנדערין. און זיי שטעכין איינער דעם אנדערין מיט די שווערד וואס אין זייער צונג. זיי שטעכין איינער דעם אנדערין מיט זייערע רייד. זעהן מיר דאך אז איינער האט פיינט געהאט דעם אנדערין. ענטפערט די גמרא די שנאה איז נאר געווען ביי די גרויסע לייט פון די יודין. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק נאך דאס געזאגט צו יחזקאל שריי און קלאג ווארום דאס איז געווארין צווישען מיין פאלק. און מיר האבין גילערנט נאך האט געזאגט דער נביא זאל שרייען און קלאגין. וואלט איך מיינען אויף דאס גאנצע פאלק. שטייט אין פסוק דאס איז ביי די נשיאים פון דיא יודין. מגורי אל חרב היו את עמי. די נשיאים פון מיין פאלק פלעגין זיך פאר זאמלען מיט דעם שווערד. ודם מיינט מען זיי פלעגין שטעכין איינער דעם אנדערין מיט זייערע רייד אזוי וויא מיט דיא שווערדין. לכן ספוק אל ירך. דריבער זאלסטו דיר שלאגין מיט דיינע הענט אויף דיין זייט. אבער צווישען גאנצען פאלק איז ניט געווען קיין שנאה. רבי יוחנן און רבי אלעזר זאגין ביידע דיא מענטשין פון ערשטין בית המקדש וואס זיי האבין גיטאהן עבירות אפענטליך. האט מען אפענטליך גיוואוסט ווען דער סוף פון זייער גלות וועט זיין. נאך צו זיבעציג יאר וועלין זיי אויס גילייזט ווערין פון דעם גלות בבל. און דיא מענטשין פון לעצטין בית המקדש וואס זיי האבין ניט גיטאהן זייערע עבירות אפענטליך. נאר אפענטליך זענען זייא גיווען צדיקים און אין דער שטיל האבין זיי גיטאהן עבירות. ווייס מען ניט אפענטליך ווען דער סוף פון דעם גלות וועט זיין. נאר גאט אליין ווייס דעם סוף:

י אמר: רבי יוחנן האט געזאגט דער נאגיל פון דיא מענטשין וואס זענען גיווען ביי דעם ערשטין בית המקדש איז בעסער וויא דער בויך פון די מענטשין וואס זענען גיווען ביי דעם אנדערין בית המקדש. האט ריש לקיש געזאגט צו רבי יוחנן פאר קערט דיא מענטשין פון אנדערין בית המקדש זענען בעסער וויא דיא מענטשין פון ערשטין בית המקדש. ווארום אפילו זיי זענען אין גלות פון דעסטוועגין לערנען זיי תורה. האט רבי יוחנן געזאגט צו ריש לקיש דאס קענען מיר זעהן פון בית המקדש. אז דיא ערשטע זענען גיווען בעסער וויא דיא אנדערע. ווארום די ערשטע האבין צו זיבעציג יאהר גיהאט איין אנדער בית המקדש. און די אנדערע האבין נאך היינט אויך ניט קיין אנדער בית המקדש. מען האט גיפרעגט צו רבי אלעזר וועלכע מענטשין זענען גיווען גרעסער. פון ערשטין בית המקדש אדער פון אנדערין

בית

עדיפא בירה. רבי שמעון בן לקיש הוה קא סחי במיא דירד אתא רבה בר בר חנה יהב ליה ידא אמר ליה אלהא סנינא לכו דכתיב (שה"ש ח) אם חומה היא נבנה עליה טירת כסף וגו' אם חומה היא אם עשיתם עצמכם כחומה ועליתם כלכם בימי עזרא נמשלתם ככסף שאין הרקב שולט בו עכשיו שעליתם כדלתות נמשלתם כארז שהרקב שולט בו מאי ארז אמר עולא ססמגור כאי ססמגור אמר רבי אבא בת קול כדתניא משמתו נביאים אחרונים חגי זכריה ומלאכי נסתלקה רוח הקודש מישראל ועדיין משתמשין בבת קול רבי שמעון בן לקיש מי משתעי בהדי רבה בר בר חנה השתא ומה רבי אלעזר דמרא דארעא דישראל הוה לא הוה משתע רבי שמעון בן לקיש בהדיה דכל מאן דהוה משתעי בהדיה רבי שמעון בן לקיש בשוק יהבין ליה עסקא בלא סהדי בהדי רבה בר בר חנה משתעי אמר רב פפא שדא גברא בינייהו אי ריש לקיש וזעירי אי רבה בר בר חנה ורבי אלעזר:

עדיפא בירה. בנין הבית עד לכם כדבר שאינו נוח לנו והוזר לראשונים: סינא לכו. לכל בני בבל שלא עלו בימי עזרא ומנעו שכינה מלבוא לשרות בבית שני: נמשלתם ככסף. שאינו נרקב כך לא היתה חסרה שכינה. כדלתות. שער שיש בו שני דלתות פותח אחד והשני נגור כך עליתם לחצאין: שהרקב שולט בו. מקצתו התולעת אוכלתו מתוכו ומקצתו קיים כך קצת חזון שכינה היה שם וכולו לא היה שם: מאי ארז. מאי נמשלתם לארז דקאמר: אמר עולא ססמגור. שהכם מכהתו ומגרדו מבפנים ססמגור שם התולעת: מאי ססמגור. כלומר למה נמשלו בבית שני לססמגור לענין שריית שכינה: א"ר אבא בת קול. כשהייך להו כאשר ישאר מן הארז מקצת מעט: גברא בינייהו. או את הרוחץ שהליף או את פושט היד: אי ר"ל. היה רוחץ וזעירי פושט היד או רבה בר בר חנא פושט היד ורבי אלעזר היה רוחץ:

---

בית המקדש: האט רבי אלעזר גיענטפערט גיט אייערע אויגן אויף דעם בית המקדש. אנדערע זאגן אזוי האט ער צו זיי גזאגט אייער עדות איז דער בית המקדש. איר קענט דאך זעהן פון בית המקדש צו דיא ערשטע איז אפ געבאהט געווארין איין אנדער בית המקדש. אונ צוא דיא אנדערע איז נאך ניט אפ געבאהט געווארען קיין אנדער בית המקדש. זענען דאך די ערשטע בעסער ווי די אנדערע. רבי שמעון בן לקיש האט זיך געוואשין אין דיא וואסער פון ירדן. איז געקומען רבה בר בר חנה אונ האט געגעבין דיא האנט צו רבי שמעון בן לקיש. האט רבי שמעון בן לקיש געזאגט צו רבה בר בר חנה גאט האט אייך פיינט. ווארום עס שטייט אין פסוק אם חומה היא נבנה עליה טירת כסף. אויב איר וואלט אייך געמאכט אזוי וויא א מויער אונ איר וואלט אויף געגאנגען פון בבל אלע מיט איין מאל אין דיא צייט פון עזרא. וואלט איר געווען גלייך צו זילבער. וואס עס ווערט ניט פר פוילט. אבער איצט אז איר זענט אויף געגאנגען אזוי וויא טירען אזוי וויא א טויער וואס האט צוויי האלבע טירען. איין האלבע איז האפין. אונ איין האלבע איז פאר מאכט. אזוי זענט איר האלבע אויף געגאנגען אין ארץ ישראל אונ העלפט זענען געבליבען אין בבל) זענט איר געגליכען צו אטענען בוים וואס ער ווערט פאר פוילט. געגען וואס זענען זייא געגליכען צו אטענען בוים. האט עולא געזאגט געגען דעם ווארעם וואס הייסט ססמגור. געגען וואס זענען זייא געגליכען צו דעם ווארעם ססמגור. האט רבי אבא געזאגט מיט דעם בת קול. אזוי וויא דער ווארעם ססמגור אז ער עסט דעם טענען בוים: בלייבט נאך א ביסל פון דעם טענען בוים. אזוי איז נאך געבליבען א ביסל פון די הייליגקייט. דס איז דער בת קול. אזוי ווי מיר האבין גילערענט אז די לעצטע נביאים חגי זכריה מלאכי זענען געשטארבין איז אפ גיטאהן געווארין דער רוח הקודש פון דיא יודין. האבין נאך די יודין גענוצט מיט דעם בת קול. פרעגט דיא גמרא האט דען רבי שמעון בן לקיש גישמועסט מיט רבה בר בר חנה. מאראך רבי אלעזר וואס ער איז געווען דער בעל הבית פון ארץ ישראל. האט רבי שמעון בן לקיש ניט געוואלט שמועסן מיט איהם. ווארום דער מענטש וואס רבי שמעון בן לקיש האט מיט איהם געשמועסט אין גאס האט מען איהם גיטרויט א געשעפט אן עדות. האט ער געשמועסט מיט רבה בר בר חנה. האט רב פפא געזאגט איינער פון זיי איז געווען איין אנדערער. אויב דס איז געווען רבי שמעון בן לקיש. האט ער געשמועסט מיט זעירי. אונ אויב דס איז געווען רבה בר בר חנה. האט מיט איהם געשמועסט רבי אלעזר:

**יא כי** אתא לקמיה דרבי יוחנן אמר ליה לאו היינו טעמא דאי נמי סליקו כולהו בימי עזרא לא שריא שכינה במקדש שני דכתיב (בראשית ט) יפת אלהים ליפת וישכן באהלי שם ויהי כנען עבד למו. (דף י) אע"ג דיפת אלהים ליפת אין השכינה שורה אלא באהלי שם. ופרסאי מנא לן דמיפת אתו. דכתיב (שם י) בני יפת גומר ומגוג ומדי ויון ותובל ומשך ותירס. גומר זה גרממיא. מגוג זו גומתא. ומדי כמשמעו. יון זו מקדוניא. תובל זו בית אינקי. משך זו מוסיא. ותירס פליגי בה רבי סימאי ורבנן [ואיכא דאמרי רבי סימון ורבנן] חד אמר זו תורקי וחד אמר זו פרס (בראשית י) ובני כוש סבא וחוילה וסבתה ורעמה וסבתכא תני רב יוסף סקיסתן גויתא וסקיכתן ברייתא בין חדא לחדא מאה פרסי והיקפו אלפא פרסי (שם) ותהי ראשית ממלכתו בבל וארך ואכד וכלנה בארץ שנער בבל כמשמעה ארך זו ארכש ואכד זו בשכר וכלנה זו ניכר. מן הארץ ההיא יצא אשור ויבן את נינוה ואת רחובות עיר ואת כלח תני רב יוסף אשור זה סילק. ויבן את נינוה כמשמעה. רחובות עיר זה פרת דמישון. ואת כלה זו פרת דבורסיף. ואת רסן בין נינוה ובין כלח היא העיר הגדולה רסן זו איקניספן. היא העיר הגדולה איני יודע אם נינוה העיר הגדולה או רסן היא העיר הגדולה

כי אתא. ריש לקיש: לקמיה דרבי יוחנן. וספר לו קך אמרתי לפלוני: אע"פ שיפת אלהים ליפת. שזכו פרסיים לבנות ביה שני אין שכינה שורה אלא במקדש ראשון שבנה שלמה שבא מזרעו של שם: סקיסתן גויתא וסקיכתן ברייתא. אסבתא ואסבתכא קאי שמען שזה וכס מהו מוקף הרים והחיצונה מקפת את הפנימית רחוקה פנימית מן היקף החיצונה לכל צד ק' פרסי והיקף החיצונה אלפא פרסי: מן הארץ ההיא יצא אשור. פלא

---

**יא** כי אתא. אז ריש לקיש איז געקומען פאר רבי יוחנן. האט רבי יוחנן צו אים געזאגט נים דאס איז דער טעם. אפילו אלע יודין וואלטין אויף געגאנגען מיט איין מאהל פון בבל אין ארץ ישראל אין די צייט פון עזרא. פון דעסטוועגין וואלט אויך ניט גערוהט די שכינה אין אנדערין בית המקדש. ווארום עס שטייט זיין פסוק יפת אלהים ליפת וישכן באהלי שם ויהי כנען עבד למו. אפילו גאט וועט דער ברייטערין צו יפת. וואס די פרסיים האבין זוכה געוועז צו באהען דעם אנדערין בית המקדש (דיא פרסיים זענען פון יפת). פון דעסטוועגין וועט די שכינה ניט רוהען נאר אין דיא געצעלטין פון שם (דאס מיינט מען דעם ערשטין בית המקדש וואס שלמה האט איהם געבאהט. וואס ער איז פון דיא קינדער פון שם). פרעגט דיא גמרא פון וואנען ווייסין מיר אז די פרסיים זענען געבארין פון יפת. ווארום עס שטייט אין פסוק דיא קינדער פון יפת זענען געוועז גומר ומגוג ומדי ויון ותובל ומשך ותירס. גומר איז גרממיא. מגוג איז גומתא. מדי מיינט מען דיא מדינה מדי. יון איז מקדוניא. תובל איז בית אינקי. משך איז מוסיא. תירס קריגע אין דעם רבי סימאי אונ דיא רבנן. אנדערע זאגין רבי סימון מיט דיא רבנן קריגען. איינער זאגט תירס איז תורקי. אונ איינער זאגט תירס איז פרסיא. אין פסוק שטייט די קינדער פון כוש זענען געווען. סבא וחוילה סבתה רעמה סבתכא. האט רב יוסף געלערנט סבתא אונ סבתכא איז די אינווייניגסטע סקיסתן אונ די אויסווייניגסטע סקיסתן. ודאס איז א גרויסער פלאץ ארום איז דא בערג. אונ אין דעם פלאץ איז דא נאך אמאהל קיילעכדיג ארום בערג) פון די אינווייניגסטע ביז די אויסווייניגסטע איז ווייט הונדערט מייל אין יעדער זייט. אונ דיא אויסווייניגסטע האלט ארום דיא בערג טויזענד מייל. אין פסוק שטייט זיין אנהייב קעניגרייך איז געווען בבל ארך אכד כלנה אין דיא לאנד שנער. בבל איז דיא שטאט בבל. ארך איז ארכש. אכד איז בשכר. כלנה איז ניפר. אין פסוק שטייט פון דיא לאנד איז ארויס געגאנגען אשור אונ ער האט געבאהט נינוה אונ רחובות עיר אונ כלח. רב יוסף האט געלערנט אשור איז סילק. נינוה מיינט מען דיא שטאט נינוה. רחובות עיר איז פרת פון מישן. כלח איז פרת פון בורסיף. אונ די שטאט רסן האט ער געבאהט צווישן נינוה אונ כלח. דאס איז דיא גרויסע שטאט. רסן איז איקניספן. אין פסוק שטייט דס איז דיא גרויסע שטאט. ווייסען מיר ניט וועלכע איז דיא גרויסע שטאט. אויב נינוה איז דיא

גרויסע

הגדולה כשהוא אומר (יונה ג) ונינוה היתה עיר גדולה וגו' הוי אומר נינוה העיר הגדולה. (מדבר יג) ושם אחימן ששי ותלמי וגו' (תנא) אחימן מיומן שבאחיו. ששי שמשים את הארץ כשחיתות. תלמי שמשים את הארץ תלמים תלמים. ד"א אחימן בנה ענת. ששי בנה אליש. תלמי בנה תלבוש. ילידי הענק שמעניקין את החמה בקומתן:

יב אמר רבי יהושע בן לוי אמר רבי עתידה מהריב' בית שני שתפול ביד פרס. שנאמר (ירמיה מט) לכן שמעו עצת ה' אשר יעץ על אדום ומחשבותיו אשר חשב אל יושבי תימן אם לא יסחבום צעירי הצאן וגו'. מתקיף לה (רבא) [רבה] בר עולא ומאי דהאי צעירי הצאן פרס הוא דכתיב (דניאל ח) האיל אשר ראית בעל הקרנים מלכי מדי ופרס ואימא יון דכתיב (שם) והצפיר השעיר מלך יון כי סליק (רבי אבא) [רב חביבא בר סורמקי] אמרה קמיה דההוא מרבנן אמר ליה כאן דלא ידע פרושא דקראי מותיב תיובתא לרבי מאי צעירי הצאן זוטרא דאחיו דתני רב יוסף תירס זו פרס. אמר רבה בר בר חנה אר"י משום רבי יהודה בר' אל עאי.

להיות בעלת דור הפלגה: ושם אחימן ילידי הענק. שמות נקט נמי להאי: שמשים את הארץ כשחיתות. בפסיעותיו ובשי לשון כשחה והשבר והשי"ן (אחת) לבדה שורש בתיבה:
תלמים. כגומות המחרישה: ד"א ל"ג: מעניקין את החמה. דומה כאילו מקב ועולה בחלון הרקיע. (יש מפרשים שקודם כלן החמה עדיין לא היתה נראית בכוס מקום בעולם היתה נראית בענק שלהם מפני גבהותן וי"מ שאפי' כשנשקעה החמה ולא נראית החמה בעולם עדיין היתה נראית בענק שלהם מפני רוב גבהותן:
ה"ג יהושע בן לוי א"ר גרסינן: אמרה קמיה

---

גרויסע שטאט. אדער רסן איז די גרויסע שטאט. נאר אז אין פסוק שטייט נינוה איז געווען גרויסע שטאט. מיינט מען דא אויך די גרויסע שטאט איז געווען נינוה. אין פסוק שטייט דארט איז געווען די פיר ריזען אחימן ששי תלמי און זייער פאטער. איינעם האט מען גירופען אחימן ווייל ער איז געווען דער רעכטער פון זיינע ברידער. ער איז געווען שטארקער פון זיינע ברידער. דעם אנדערן האט מען גירופען ששי. ווייל אויף יעדער ארט וואס ער האט גיטרעטען אויף די ערד. איז געווארן גריבער אין די ערד. דעם דריטען האט מען גירופען תלמי. ווייל ער האט גימאכט די ערד אזוי ווי בייטען [וואגאנעס] מיט זיינע טריט. אחימן האט גיבאהט די שטאט ענת. ששי האט גיבאהט די שטאט אליש. תלמי האט גיבאהט די שטאט תלבש. אין פסוק שטייט די גיבארענע ענק. פאר וואס האט מען זיי גירופען ענק. ווייל זייא זענען געווען אזוי הויך. אז עס האט אויס גיזעהן ווייא די זוהן איז ארום זייער האלדז אזוי ווייא אהאלדז באנד:

יב אמר. רבי יהושע בן לוי האט גזאגט פון רבם וועגין דיא וואס האבען חרוב גימאכט דעם אנדערן בית המקדש וועלין פאלען אין די הענט פון פרס. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דריבער זאלט איר הערין די עצה פון גאט וואס ער האט גיגעבען אעצה אויף אדום. און זיינע טראכטונג וואס ער האט גיטראכט צו די זיצער פון תימן. אז דער יינגסטער פון דיא שעפסין זאל זיי אוועק שלעפין. האט רבה בר עולא גיפרעגט פון וואנען ווייסען מיר אז דער יינגסטער פון די שעפסין מיינט מען פרס. ווארום עס שטייט אין פסוק דעם איל מיט די הערנער וואס דו האסט גיזעהן. דאס מיינט מען די מלכים פון מדי און פרס. איז דאך פרס גענליכען צו אשעפס. טאמער דער יינגסטער פון די שעפסין מיינט מען יון. ער איז דאך אויך גענליכען צו אשעפס. ווארום עס שטייט אין פסוק והצפיר השעיר מלך יון. דער ציג מיינט מען דעם מלך יון. זאגט די גמרא אז רב חביבא בר סורמקי איז אויף גיגאנגען אין ארץ ישראל. האט ער גזאגט די קשיא פון רבה בר עולא פאר איינעם פון די רבנן. האט ער גזאגט דער וואס ווייס ניט אפשט אין פסוק פרעגט אקשיא אויף רבי. וואס מיינט מען דער יינגסטער פון די שעפסין. דער יינגסטער פון זיינע ברידער. ווארום רב יוסף האט גילערנט תירס מיינט מען פרס. און תירס איז דער יינגסטער. [אזוי ווי עס שטייט בני יפת גומר ומגוג מדי ויון ותובל ומשך ותירס]. רבה בר בר חנה האט גזאגט רבי יוחנן האט גזאגט פון רבי יהודה

ברבי

אלעאי עתידה מחריבה שתפול ביד פרס ק"ו ממקדש ראשון ומה מקדש ראשון שבנאוהו בני שם והחריבוהו כשדים נפלו כשדים ביד פרסיים מקדש שני שבנאוהו פרסיים והחריבוהו מחריבים אינו דין שיפלו ביד פרסיים. אמר רב עתידה פרס שתפול ביד (ארם) [מחריבים] א"ל רב כהנא ורב אסי לרב בנאי ביד סתוראי א"ל אין גזירת מלך הוא· איכא דאמרי אמר להו אינהו נמי קא סתרי בי כנשתא תניא נמי הכי עתידה פרס שתפול ביד (ארם) [מחריבים] חדא דסתרי בי כנשתא ועוד גזירת מלך היא שיפלו בונים ביד סותרים דאמר רב יהודה אמר רב אין בן דוד בא עד שתפשוט מלכות ארם ט' חדשים בכל העולם כלו שנאמר (מיכה ה) לכן יתנם עד עת יולדה ילדה ויתר אחיו ישובון על בני ישראל וגו':

(דף יא) **יג תנו** רבנן בשעריך אחד שערי בתים ואחד שערי חצרות ואחד שערי מדינות ואחד שערי עיירות יש בהם חובת מצוה למקום משום שנאמר (דברים ו) וכתבתם על מזוזות ביתך ובשעריך:

**יד אמר** ר' יהודה מעשה באחד בארטיבון שהיה בודק מזוזת בשוק העליון של צפורי ומצאו קסדור

כפול פרכן. לגבי המקפחת (דיגה) [דרבה] בר שילה. פלו כהדים ביד פרסיים. בלשאלר שכים מכבדים נפל ביד דריוש המדי וכו' ע הפרסי תחמו: אחד בשערי מדינות. יש מדינה מוקפת כרים ויעריש כנסה סרכלות ואין יוצאין ממנה אלא דרך שערים כגון הכן סגר: מהלטינון. שם מקום

---

דרבי אלעאיס ווען דיא וואס האבען חרוב געמאכט דעם אנדערן בית המקדש וועלען פאלען אין די הענט פון פרס. דם ווייסען סיר פון ערשטין בית המקדש. מאדאך דער ערשטער בית המקדש. וואס דיא קינדער פון שם האבען איהם געבאהט. אונ די כשדים האבען אים חרוב געמאכט זענען די כשדים געפאלען אין די הענט פון דיא פרסיים. דער אנדערער בית המקדש וואס די פרסיים האבען איהם געבאהט. אונ מען האט איהם חרוב געמאכט. איז דען ניט געוויס אז די וואס האבען איהם חרוב געמאכט וועלין פאלען אין די הענט פון די פרסיים. רב האט געזאגט פרס וועט פאלען אין די הענט פון די וואס האבען חרוב געמאכט דעם בית המקדש. האט רב כהנא אונ רב אסי געזאגט צו רב די וואס האבען געבאהט דעם בית המקדש זאלען פאלען אין די הענט פון דיא וואס האבען חרוב געמאכט דעם בית המקדש. האט רב געזאגט צו זיי יא עס איז אזוי אגזירה פון גאט. אנדערע זאגען אזוי האט רב געענפערט, די פרסיים האבען אויך עבירות וויילזיי צו ווארפען די שולען. מיר האבען אויך אזוי געלערנט פרס וועט פאלען אין דיא הענט פון די וואס האבען חרוב געמאכט דעם בית המקדש. איין מאהל וויל פרס הט צו ווארפען די שולען. דאס אנדערע וויל עס איז אזוי אגזירה פון גאט אז די וואס האבען געבאהט דעם בית המקדש זאלען פאלען אין די הענט פון די וואס האבען חרוב געמאכט דעם בית המקדש. ווארום רב יהודה האט געזאגט פון רבס וועגן משיח וועט ניט פריער קומען ביז די מלוכה פון ארם וועט זיין פאר שפרייט אויף דיא גאנצע וועלט ניין חדשים. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דריבער וועט גאט זיי געבין אויף די גאנצע וועלט ביז דער צייט וואס אגעווינערין קען געווינען דאס איז ניין חדשים. דער נאך וועלען אלע יודען צו זאמען קומען אין ארץ ישראל:

**יג** תנו רבנן. די רבנן האבען געלערנט עס שטייט אין פסוק דו זאלסט מאכען מזוזות אויף דיינע טויערין. אויף די טירען פון אשטוב. אונ אויף די טויערין פון הויף. אונ אויף די טויערין פון אמדינה. אונ אויף דיא טויערין פון אשטאט. דארף מען מאכען מזוזות. וויל עס שטייט אין פסוק דוא זאלסט שרייבען מזוזות אויף דיא טירען פון דיין שטוב אונ אויף דיינע טויערין:

**יד** אמר. רבי יהודה הט געזאגט עס הט אמאהל געטראפען ביי אמענטש וואס האט געהייסען ארטיבון ער איז געגאנגען אין די אויבערשטע גאס פון צפורי אונ הט געזוכט אין אלע טירען אונ טויערין אויב עס איז דא כשרה מזוזות. האט אידם געטראפען אשי אונ האט ביי

איהם

**כח** אמר. דער תנא האט גזאגט דער רויך פון מזבח איז ארויף גיגאנגען גלייך ווייא א שטעקין. פרעגט די גמרא פון מזבח איז דאך גאר ניט גיגאנגען קיין רויך: ווארום מיר האבען גילערונט פינף זאכען איז גזאגט געווארען ביי דעם פייאר פון מזבח. אקויל איז אראפ גיפאלען פון הימעל אויף דעם מזבח אונ איז גילעגען ווייא א לייב. אונ דער פייאר איז גיוועז קלאר ווייא די זוהן. דער פלאם איז גיוועזן גראב אז צו טאפען. אונ עס האט פאר ברענט נאסע זאכען אזוי ווי טרוקענע. אונ עס איז ניט גיוועזן קיין רויך. ענטפערט דיא גמרא דער רויך איז גיגאנגען פון דעם פייאר וואס די כהנים האבען גילייגט אויף דעם מזבח. ווארום מיר האבען גילערנט עס שטייט אין פסוק די כהנים זאלען געבין פייאר אויף דעם מזבח. אפילו עס איז אראפ גיגאנגען א פייער פון הימעל. פון דעסטוועגין איז א מצוה צו לייגען פראסטען פייער אויף דעם מזבח. אונ פון דעם פראסטען פייער איז גיוועזן דער רויך: פרייער שטייט דער פייער פון הימעל איז גילעגען אויף דעם מזבח אזוי ווי א לייב. מיר האבען דאך גילערנט רבי חנינא סגן הכהנים האט גזאגט איך האב גיזעהן דעם פייער איז ער גילעגען ווי א הונט. זאגט די גמרא עס איז ניט קיין קשיא. אין ערשטען בית המקדש איז ער גילעגען ווייא א לייב. אונ אין אנדערען בית המקדש איז ער גילעגען ווי א הונט. פרעגט די גמרא אין אנדערען בית המקדש איז דאך גאר ניט גיוועזן פייער פון הימעל. ווארום רב שמואל בר איניא האט גזאגט וואס מיינט דער פסוק וואס דער נביא האט גזאגט גייט ארויף אויף דעם בארג אונ ברייגנט האלץ אונ באהט דעם בית המקדש אונ איך וועל איהם וועלען. ואכבד אמר יי'. אונ גאט האט גזאגט איך וועל געבין כבוד צו דעם בית המקדש. אונ מיר לייענען ואכבדה. מיט א ה'. פאר וואס איז דער ה ניט געשריבען. ווייל עס האט גיפעלט פינף זאכען אין אנדערין בית המקדש. וואס אין ערשטען בית המקדש זענען זיי גיוועזן. דס זענען די פינף זאכען. דער ארון מיט דעם כפורת מיט די כרובים. דער פייער פון הימעל. די שכינה. דער רוח הקודש. דער אורים ותומים ענטפערט די גמרא דער פייער פון הימעל איז אין אנדערין בית המקדש אויך גיוועזן אונ ער איז גילעגען אויף דעם מזבח אונ האט אויס גיזעהן ווייא א הונט. נאר ער האט ניט פאר ברענט די קרבנות:

(סס) **כמ תנו** רבנן שש אשות הן יש אש אוכלת ואינו שותה. ויש שותה ואינה אוכלת. ויש אוכלת ושותה. ויש אוכלת לחין כיבשין. ויש אש דוחה אש. ויש אש אוכלת אש. יש אוכלת ואינו שותה הא דידן. שותה ואינו אוכלת דחולין. אוכלת ושותה דאליהו דכתיב (מ"א יח) ותפול אש ה' ותאכל את העולה ואת העצים ואת האבנים ואת העפר ואת המים אשר בתעלה לחכה. אוכלת לחין כיבשין דמערכה. אש דוחה אש דגבריאל. אש אוכלת אש דשכינה דאמר מר הושיט אצבעו ביניהם ושרפן. ועשן המערכה אפילו כל רוחות שבעולם באות ונושבות בו אין מזיזין אותו ממקומו. והא אמר רב יצחק בר אבדימי מוצאי יום טוב אחרון של חג הכל צופין בעשן המערכה נוטה כלפי צפון עניים שמחין ובעלי בתים עצבים מפני שגשמי שנה מרובין ופירותיה מרקיבין נוטה כלפי דרום עניים

דחולין. כחולה מן הקדחת שהוא כחם וצמא למים ואינו חפץ לאכול: דוחה אש. ממקומם לפנים: דגבריאל. שירד להציל את חנניה מישאל ועזריה שלכן הכבשן מבפנים והקדיח מבחוץ ושרף את זורקיהן לתוכו כדאמרינן בערבי פסחים: שושים הלבנו. בסנהדרין הוא בפרק (כ"ג) [חלק"מ] גבי כתות של מלאכים שאמרו לפניו מה אנוש כי תזכרנו: מוצאי יום ט"ב האחרון של חג. במוצאי נתפתם על גשמי שנה כדתנא בחג נדונין על המים: כלפי

**כמ** תנו רבנן. די רבנן האבען געלערנט זעקס ערליי פייערן זענען דא. עס איז דא אפייער וואס עסט און טרינקט ניט. און עס איז דא אפייער וואס טרינקט און עסט ניט. און עס איז דא אפייער וואס עסט און טרינקט. און עס איז דא אפייער וואס פאר ברענט פייכטע זאכען אזוי ווי טרוקענע. און עס איז דא אפייער וואס שטויסט אוועק דעם אנדערין פייער. און עס איז דא אפייער וואס עסט פייער. זאגט די גמרא דער פייער וואס עסט און טרינקט ניט. דאס איז אונזער פייער. ער פאר ברענט אלץ. נאר וואסער ניט. דער פייער וואס טרינקט און עסט ניט. דאס איז דער פייער פון אקראנקין. דער וואס האט אהיץ קראנקייט דער וויל נאר טרינקען און עסען וויל ער ניט. דער פייער וואס עסט און טרינקט. דאס איז דער פייער פון אליהו הנביא. ער האט אויף געגעסען דעם קרבן וואס אויף דעם מזבח. און האט אויס געטרונקען דיא וואסער וואס ארום דעם מזבח. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק עס איז אראפ געפאלען אפייער פון גאט און האט פארברענט די עולה און די האלץ און די שטיינער און די ערד און דיא וואסער וואס אין דעם גראבין ארום מזבח האט זי אויך פאר ברענט. דער פייער וואס פאר ברענט פייכטע זאכען אזוי ווי טרוקענע. דאס איז דער פייער פון מזבח. דער פייער וואס שטויסט אוועק דעם אנדערען פייער. דאס איז דער פייער פון מלאך גבריאל. ווער מלאך גבריאל איז פייער און ער איז אריין גיקומען אין דעם קאלך הויבין וואס נבוכדנצר האט אריין גיווארפען חנניה מישאל ועזריה. און האט ארויס גישטויסין דעם פייער פון קאלך הויבין. אין קאלך הויבין איז גיווארען קאלט און דער פייער וואס איז ארויס גיגאנגען פון קאלך הויבין האט פאר ברענט דיא מענטשין וואס זענען געשטאנען נעבין קאלך הויבין ווען זייא האבען אריין געווארפען אין קאלך הויבין חנניה מישאל ועזריהו. דער פייער וואס עסט פייער. דאס איז גאט. ווארום דער תנא האט גיזאגט ווען די מלאכים האבען ניט גיוואלט מען זאל בשאפין דעם מענטשין. האט גאט גינעבין זיין פינגער צווישען זיי און האט זיי פאר ברענט. האט דער פייער פון גאט פאר ברענט די מלאכים וואס זיי זענען פייער. זאגט די גמרא פריער איז געשטאנען דער רויך פון מזבח איז ארויף גיגאנגען גלייך ווי אשטעקין. אפילו אלע ווינטען פון דער וועלט וואלטען געקומען וואלטין זיי ניט גיקענט אוועק בלאזין דעם רויך אויף אזייט. רב יצחק בר אבדימי האט דאך גיזאגט מוצאי יום טוב פון לעצטין טאג סוכות נדי נאכט וואס נאך שמיני עצרת האבין אלע גיקוקט אויף דעם רויך פון מזבח. אז דער רויך האט זיך גיבויגען צו צפון זייט. ווייל דער דרום ווינט האט אים גיבלאזין, האבין זיך די ארעמע לייט גיפרייט. און די בעלי בתים זענען גיווען טרויעריג. ווייל אין דעם יאהר וועט זיין פיל רעגין און די פירות וועלין פאר פוילט

ועריו

עניים עצבים ועשירים שמחים מפני שגשמי שנה מעטין ופירותיה משתמרין נוטה כלפי מזרח הכל שמח נוטה כלפי מערב הכל עצבים. דכייף ופשיט כדיקלא ואיבדורי לא הוה מיבדר. אמר מר כלפי מזרח הכל שמחים כלפי מערב הכל עצבים ורמינהו מזרחית לעולם יפה מערבית לעולם קשה רוח צפונית יפה לחטים בשעה שהביאו שליש וקשה לזיתים בשעה שהן חונטין רוח דרומית יפה לזיתים וקשה לחטים ואמר רב יוסף ואיתימא מר זוטרא (ואיתימא רב נחמן בר יצחק) וסימניך שלחן בצפון ומנורה בדרום הא מרבי דידיה והא מרבי דידיה. לא קשיא הא לן והא להו:

נפון. פירות דרומית מגבהת ופירותיהן נרקבין ואין יכולין לשומרן ופותחין ומוכרים בזול: הכל שמחים. פירות מערבית שקולה היא ומביאה גשמים לפי פרקוי ואין הפירות מרקיבין והבואה הורעה מלגאת אין כפר בעולם: הכל עניים. שהיא רוח מיבשת היא כדאיתא כדאמרינן במסכת גיטין אפי' שופתא בקופינא דמלת רסיא: האי מרבי דידיה. נפונית מגדלת חטין ברוין לאגתן דרומית מגדלת שמן ברוי נמסרה: הא לן והא להו. מזרחית יפה לארץ בבל שהיא ארץ לחה מתמם מימיה לעולם ולארץ ישראל קשה שהיא ארץ הריה ובקעות ומנוכרת ליבש:

# בראשונה פרק שני

(דף כב ע"ב) **א אמר** רבי יצחק אסור למנות את ישראל אפילו לדבר מצוה שנאמר

---

ווערין. מען וועט זיי ניט קענען האלטין. וועט מען מוזין וואלוויל פאר קויפין. אונ אז דער רויך האט זיך געבויגן צו דרום זייט. ווייל דער צפון ווינט האט אים געבלאזין. ווענן די ארעמע לייט געוועזן טרויעריג. אונ די בעלי בתים האבין זיך געפרייט. ווייל אין דעם יאהר וועט זיין ווייניג רעגין אונ די פירות וועלין ניט פוילין. וועט מען זיא האלטען אונ טייער פאר קויפען. אונ אז דער רויך האט זיך געבויגין צו מזרח זייט. ווייל דער מערב ווינט האט אים געבלאזין. האבין זיך אלע געפרייט. ווייל אין דעם יאהר וועט זיין גיטוג רעגין. אונ די פירות וועלין ניט פוילין. וועט זיין אמיטעל יאהר. אונ אז דער רויך האט זיך געבויגין צו מערב זייט; ווייל דער מזרח ווינט האט אים געבלאזין. זענען אלע געוועזן טרויעריג. ווייל דער מזרח ווינט טריקינט די פאר זייהונג אונ עס קען ניט וואקסין. וועט זיין אהונגער. זעהן מיר דאך אז דער ווינט האט יא געבויגין דעם רויך. ענטפערט די גמרא דער רויך איז געוועזן אויסגעבויגען אונ גלייך ווי א בוים. נאר ער האט זיך ניט פארשפרייט פון ווינט אביסעל אין דער זייט אונ אין דער זייט. פרעגט די גמרא דער תנא האט געזאגט אז דער רויך האט זיך געבויגין צו מזרח זייט ווייל דער מערב ווינט האט אים געבלאזין. האבין זיך אלע געפרייט; ווייל דער מערב ווינט איז גוט. אונ אז דער רויך האט זיך געבויגין צו מערב זייט. ווייל דער מזרח ווינט האט איהם געבלאזען. זענען אלע געוועזן טרויעריג. ווייל דער מזרח ווינט איז ניט גוט. מיר האבען דאך געלערנט פאר קערט. דער מזרח ווינט איז אייביג גוט. אונ דער מערב ווינט איז אייביג שלעכט. דער צפון ווינט איז גוט צו ווייץ אז ער קומט ווען זיי האבען שוין אויף געוואקסען א דריטעל. אונ ער איז ניט גוט צו אייל בירטען אז ער קומט ווען זייא בליהען. דער דרום ווינט איז גוט צו איילבירטען. אונ שלעכט צו ווייץ. האט רב יוסף געזאגט אונ אנדערע זאגען מר זוטרא האט געזאגט דער סימן איז דער טיש מיט דעם לחם הפנים איז געשטאנען אין צפון זייט. אונ דיא מנורה איז געשטאנען אין דרום זייט. דער צפון ווינט האט געמאכט וואקסען פאר זיך. דיא ווייץ צום לחם הפנים. אונ דער דרום ווינט האט געמאכט וואקסען פאר זיך. די איילבירטען צו די מנורה. ענטפערט די גמרא עס איז ניט קיין קשיא. אין בבל איז גוט אמזרח ווינט אונ שלעכט אמערב ווינט. אין ארץ ישראל איז שלעכט אמזרח ווינט אונ גוט אמערב ווינט

# פרק שני

**א אמר**: רבי יצחק האט געזאגט מען טאר ניט ציילען די יודין אפילו צו אמצוה. אזוי

וויא

(ש"א יא) ויפקדם בבזק מתקיף לה רב אשי ממאי דהאי בזק לישנא דביזקא הוא דילמא שמא דמתא הוא כדכתיב (שופטים א) וימצאו את אדוני בזק בבזק אלא כהכא (ש"א טו) וישמע שאול את העם ויפקדם בטלאים.

בבזק. לשון שברי חרסים כמו כל אחד חרס וכבלין לפניו ומנו שברי חרסים : ויפקדם בטלאים. צוה לקחת כל אחד מהם טלה מאוצר המלך וכבילוס במ:חב ומנו הטלאים : והיה מספר . הלכתא היא לגו מנין :

אמר רבי אלעזר כל המונה את ישראל עובר בלאו שנאמר (הושע ב) והיה מספר בני ישראל כחול הים אשר לא ימד רב נחמן (בר יצחק) אמר עובר בשני לאוין שנאמר (שם) אשר לא ימד ולא יספר. אמר רבי שמואל בר נחמני רבי יונתן רמי כתיב והיה מספר בני ישראל כחול הים וכתיב אשר לא ימד ולא יספר. לא קשיא כאן בזמן שעושין ישראל רצונו של מקום כאן בזמן שאין ישראל עושין רצונו של מקום רבי (אסי) אומר (משום אבא יוסי בן דוסתאי) לא קשיא כאן בידי אדם כאן בידי שמים. אמר רבי (חנינא) [נהולאי] בר אידי אמר שמואל כיון שנתמנה אדם פרנס על הציבור מיד מתעשר מעיקרא כתיב בבזק ולבסוף כתיב בטלאים ודילמא טלאי דידהו אם כן מאי רבותא דמלתא :

(שם) **וירב** בנחל וגו' אמר רבי מני על עסקי נחל בשעה שאמר לו הקדוש ברוך הוא לשאול (ש"א טו) לך והכית את עמלק אמר ומה אם בשביל נפש אחת אמרה

---

וויא עס שטייט אין פסוק ויפקדם בבזק שאול האט געציילט די יודין מיט שערבלאך. יעדער האט אוועק געטאהן אשערביל. אונ מען האט געציילט די שערבלאך. האט מען געוואוסט ווי פיל יודין עס זענען דא. האט רב אשי געפרעגט פון וואנען ווייסען מיר אז בזק איז טייטש שערבלאך. טאמער איז געוועזן אשטאט וואס האט געהייסען בזק. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק מען האט געפונען דעם הער פון בזק אין בזק. זאגט די גמרא פון דאנען ווייסין מיר אז מען טאר ניט ציילין די יודין. עס שטייט אין פסוק שאול האט געמאכט הערין דעם פאלק זיי זאלין ווערין פאר זאמלט אויף איין ארט. אונ ער האט זיי געציילט מיט שעפסין. יעדער האט געבראכט אשעפס. אונ מען האט געציילט די שעפסין. האט מען געוואוסט ווי פיל יודין עס זענען דא. רבי אלעזר האט געזאגט דער וואס ציילט די יודין איז ער עובר אויף אלאו. ווארום עס שטייט אין פסוק דער צאל פון די יודין וועט זיין אזוי פיל ווי די זאמד פון ים וואס מען וועט זיי ניט מעסטין. רב נחמן זאגט ער איז עובר אויף צוויי לאוין. ווארום עס שטייט אין פסוק זיי זאלין ניט געמאסטין ווערין אונ ניט געציילט ווערין. רבי שמואל בר נחמני זאגט רבי יונתן האט געפרעגט אין איין פסוק שטייט דער צאל פון די יודין וועט זיין ווי די זאמד פון ים. קען מען זיי יא ציילין. אונ אין איין פסוק שטייט זיי וועלין ניט געמאסטען ווערין אונ ניט געציילט ווערין. זאגט די גמרא עס איז ניט קיין קשיא. ווען די יודין טוהען דעם ווילען פון גאט. וועט מען זייא ניט קענען ציילען. אונ ווען די יודין וועלין ניט טאהן דעם ווילען פון גאט. וועט מען זיי קענין ציילען. רבי אסי זאגט עס איז ניט קיין קשיא. מענטשין וועלין זייא ניט קענען ציילין. אבער גאט קען זיי דאך ציילען. רבי נהולאי בר אידי האט געזאגט פון שמואלס וועגין אז אמענטש ווערט אויף גינומען צו זיין אעלצטער אויף יודין. האט ער באלד הצלחה אונ ווערט רייך. ווארום פריער שטייט שאול האט געציילט דיא יודין מיט שערבלאך. דער נאך שטייט ער האט זייא געציילט מיט שעפסין. פרעגט דיא גמרא טאמער מיט זייערע שעפסין. ענטפערט דיא גמרא צו וואס ערציילט מיר דער פסוק מיט וואס מען האט זייא געציילט. נאר די שעפסין זענען געוועזן שאולס. דער ציילט מיר דער פסוק אז שאול איז באלד רייך געווארין :

**ב** וירב בנחל. אין פסוק שטייט שאול האט געקריגט אין טאהל. האט רבי מני געזאגט ניט אין טאהל נאר פון וועגין דעם טאהל. ווען גאט האט געזאגט צו שאול דו זאלסט גיין שלאגין עמלק. האט שאול געזאגט טאראך אז מען הרגעט איין מענטש האט די תורה געזאגט

מען

**לא תלי ולא** מרגיש גברא דמריה סייעיה. כמה סמוך ומובטח ואין צריך לתלות ולדאוג מכל דבר מי שהקב"ה בעזרו הרי מצינו שאול נכשל באחת ועלתה לו לרעה לקונסו במיתה וביטול מלכותו ודוד נכשל בשתים ולא עלתה לו לרעה: דאוריה. שהרגו: ודהסתה. שהסיתו למנות את ישראל בסוף ימיו וגרם לבא עליהם דבר: דבת שבע. שבא עליה: ילד. בנה הראשון: לגון

אמרה תורה הביאו עגלה ערופה בנחל כל הנשמות הללו על אחת כמה וכמה אם חטא אדם בהמה מה חטאה אם גדולים חטאו קטנים מה חטאו מיד יצאת בת קול ואמרה לו (קהלת ז) אל תהי צדיק הרבה ובשעה שאמר לו שאול לדואג (ש"א כב) סוב אתה ופגע בכהנים והמתה מאיש ועד אשה יצאת בת קול ואמרה לו (קהלת ז) אל תרשע הרבה אמר רב הונא כמה לא חלי ולא מרגיש גברא דמריה סייעיה שאול באחת ועלתה לו דוד בשתים ולא עלתה לו שאול באחת מאי ניהו מעשה דאגג והא איכא נמי מעשה דנוב עיר הכהנים במעשה דאגג כתיב (ש"א טו) נחמתי כי המלכתי את שאול דוד בשתים מאי ניהו מעשה דאוריה ודהסתה והא איכא נמי מעשה דבת שבע הא איפרעו מיניה דכתיב (שם ב יב) ואת הכבשה ישלם ארבעתים ילד אמנון תמר ואבשלום א"ה הסתה נמי איפרעו מיניה דכתיב (שם כד) ויתן ה' דבר בישראל מהבקר ועד עת מועד התם לא איפרעו מגופיה הכא איפרעו מגופיה דאמר רב יהודה אמר רב ששה חדשים נצטרע דוד ופירשו ממנו סנהדרין ונסתלקה ממנו שכינה

שנאמר

---

מען זאל ברייננען אקאלב אונ איר אפ האקען דעם קאפ אין אטאהל . אז איך וועל הרגנן אזוי פיל נפשות ווי פיל קעלבער וועל איך דארפען ברייננען . אונ אויב מענטשין האבין געזינדיגט . אבער בהמות האבין דאך ניט געזינדיגט פאר וואס זאל מען הרגנן די בהמות . אונ אויב גרויסע מענטשין האבין געזינדיגט . אבער קינדער האבין דאך ניט געזינדיגט . פאר וואס זאל מען הרגנן די קינדער . איז באלד ארויס גיגאנגען אקול פון הימעל אונ האט גיזאגט צו שאול דו זאלסט ניט זיין צו פיל פרום . אונ ווען שאול האט גיזאגט צו דואג גיי דו אונ הרגה די כהנים . זכרים אונ נקבות . איז ארויס גיגאנגען אקול פון הימעל אונ האט גיזאגט צו שאול זאלסט ניט זיין צו פיל רשע : רב הונא האט גיזאגט דער מענטש וואס גאט העלפט אים איז ער ניט קראנק אונ חיים ניט פון שרעקין . שאול האט גיטאהן איין עבירה . אונ מען האט אים גישטראפט פאר איר ער זאל גיהרגת ווערין אין די מלחמה . דוד האט גיטאהן צוויי עבירות אונ מען האט אים ניט גישטראפט פאר זיי . זאגט די גמרא וועלכע איז גיוועזען די איין עבירה פון שאול . די מעשה פון אגג דער מלך פון עמלק וואס שאול האט אים גילאזט לעבין : שאול האט דאך גיטאהן נאך אעבירה וואס ער האט גיהרגת די כהנים פון די שטאט נוב . ענטפערט די גמרא באלד ביי די ערשטע עבירה וואס ער האט גילאזט לעבין אגג דעם מלך פון עמלק האט גאט גיזאגט איך האב חרטה וואס איך האב גימאכט שאול פאר אמלך . אונ עס איז שוין אויף אים נגזר גיווארען ער זאל גיהרגת ווערין אין די מלחמה . זאגט די גמרא וועלכע זענען גיוועזען די צוויי עבירות פון דוד . איינס וואס ער האט גיהרגת אוריה החתי . די אנדערע וואס ער איז איבער גירעכט גיווארין צו ציילען די יודין . אונ דורך דעם זענען גיהרגת גיווארען זיבעציג טויזענד יודין . דוד האט דאך גיטאהן נאך אעבירה מיט בת שבע . זאגט די גמרא פאר די עבירה מיט בת שבע איז ער גישטראפט גיווארען . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ביי דעם משל פון נתן הנביא פאר דעם שעפסיל זאל ער בצאהלען פיר . דאס ערשטע קינד פון בת שבע . אמנון תמר אבשלום . וואס זייא זענען גישטארבין אונ גיהרגת גיווארען . פרעגט די גמרא פאר דעם ציילען די יודען איז ער דאך אויך גישטראפט גיווארין . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק גאט האט גיגעבען אדבר צווישען די יודין פון פריא ביז האלבען טאג . אונ עס זענען גיהרגת געווארען זיבעציג טויזענד יודין . זאגט די גמרא דארטען זענען די יודין גישטראפט געווארען . אבער דוד אליין ניט . אונ ביי די עבירה פון בת שבע איז דוד אליין גישטראפט געווארען . ווארום רב יהודה האט גיזאגט פון רבס וועגין זעקס חדשים איז דוד גיוועזען מצורע

קרעציג

שנאמר (תהלים קיט) ישובו לי יראיך ויודעי עדותיך וכתיב (שם נא) השיבה לי ששון ישעך ורוח נדיבה תסמכני. והא אמר רב קבל דוד לשון הרע כדשמואל דאמר לא קבל ולרב דאמר קבל הא איפרעו מיניה דאמר רב יהודה אמר רב בשעה שאמר לו דוד למפיבושת (ש"ב יט) אתה וציבא תחלקו את השדה יצאה בת קול ואמרה לו ירבעם ורחבעם יחלקו במלכותך:

(שם) **בן** שנה שאול במלכו אמר רב הונא כבן שנה שלא טעם טעם חטא מתקיף לה רב נחמן בר יצחק אימא כבן שנה שמלוכלך בטיט ובצואה חזא רב נחמן סיוטא בחלמיה אמר נעניתי לכם עצמות שאול בן קיש הדר חזא סיוטא בחלמיה אמר נעניתי (לך) [לכם עצמית] שאול בן קיש מלך ישראל אמר רב יהודה אמר שמואל מפני מה לא נמשכה מלכות בית שאול מפני שלא היה בה שום דופי דא"ר יוחנן משום רבי שמעון בן יהוצדק אין מעמידין פרנס על הצבור אא"כ קופה של שרצים תלויה לו מאחוריו שאם תזוח

הרע. על מפיבשת מפי ציבא: לא איפרעו מיניה. מדה כנגד מדה הוא הפסידו לחלק מחצתו וסוף נספד בחלק המלכות:
סיוטא. מלאכי חבלה היו מבעיתין אותו: לא משכה. לאורך ימים: שלא היה בו שום דופי. משפחה ויתגאו המלכים היוצאים ממנו על ישראל אבל דוד מרות המואביה אתא: קופה של שרצים. דופי משפחה: מענם שאול. לגבי

---

זקרעצין) . און די סנהדרין האבין זיך פון אים אפ געשיידט. און די שכינה איז פון אים אפ געטאהן געווארען . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק דוד האט געבעטין פאר גאט די מענטשין וואס האבען מורא פאר דיר און וואס ווייסען דיין תורה (די סנהדרין) זאלען צוריק קומען צו מיר . און גיב מיר צוריק די פרייד פון דיין הילף . און זאלסט מיך אונטער לעגען מיט דיין בווילינגטען רוח הקדש ; די שכינה זאל צוריק רוהען אויף מיר . פרעגט די גמרא דוד האט דאך געטאהן נאך אעבירה וואָרום רב האט דאך געזאגט אז דוד האט אן גענומען די לשון הרע וואס ציבא האט גערעט אויף מפיבושת ; ענטפערט די גמרא רב הונא האלט אזוי ווי שמואל וואס ער זאגט דוד האט ניט אן גענומען די לשון הרע פון ציבא און אפילו וויא רב זאגט אז דוד האט יא אן גענומען די לשון הרע פון ציבא . איז דאך דוד געשטראפט געווארען פאר די עבירה , ווארום רב יהודה האט געזאגט פון רבם וועגין ווען דוד האט געזאגט צו מפיבושת דו און ציבא זאלט איר צו טיילען די פעלד . וציבא זאל נעמען א האלבע פעלד און מפיבושת זאל נעמען א האלבע פעלד) איז ארויס געגאנגען א קול פון הימעל און האט געזאגט ירבעם און רחבעם זאלין צו טיילען די מלוכה :

**בן** שנה שאול במלכו ; שאול איז אלט געוועזען א יאהר ווען ער איז געווארין א מלך . האט רב הונא געזאגט דאס מיינט מען שאול האט ניט פאר זוכט דעם טעם פון עבירות אזוי ווי א קינד פון א יאהר . האט רב נחמן בר יצחק געפרעגט טאמער מיינט מען אזו . שאול איז געוועזען פאר מיאוסת מיט עבירות אזוי ווי א קינד פון א יאהר ווס ער איז פאר מיאוסת מיט ליים און מיט צואה . זאגט די גמרא ביי נאכט אין חלום זענען געקומען מלאכים צו רב נחמן און האבין אים געשראקין . פאר ווס ער הט גערעט אויף שאול . האט רב נחמן געזאגט איך בעט אייך ביינער פון שאול בן קיש איר זאלט מיר מוחל זיין . זענין נאך אמאהל געקומען מלאכים און האבין אים געשראקין . האט רב נחמן געזאגט איך בעט אייך ביינער פון שאול בן קיש מלך ישראל איר זאלט מיר מוחל זיין . האט מען אים שוין מער ניט געשראקין . רב יהודה האט געזאגט פון שמואלס וועגין פאר ווס הט זיך ניט געצויגין די מלוכה פון שאול אויף א לאנגע צייט . (פאר וואס זענען ניט געוועזען די קינדער פון שאול מלכים) . ווייל עס איז ניט געוועזען קיין פסול אין די משפחה . אז די קינדער פון שאול וואלטען געוועזען מלכים וואלטען זייא געוועזען בעלי גאוה . (אבער דוד איז ארויס געקומען פון רות המואביה) . ווארום רבי יוחנן האט געזאגט פון רבי שמעון בן יהוצדקס וועגין מען מאכט ניט קיין עלטסטין אויף יודין . סיידין עס הענגט אזוי אים פון אינטען א קארב מיט שרצים (סיידין עס איז א פסול אין די משפחה) . אויב ער וועט ביי זיך גרויס ווערין . וועט מען זאגין צו אידם זעה וואס ביי דיר הייבט אינטען (זעה נאר דיין משפחה פון וועמען דו קומסט ארויס) . רב יהודה הט געזאגט

פון

דעתו עליו אומרים לו חזור לאחוריך א"ר יהודה אמר רב מ"מ נענש שאול מפני שמחל על כבודו שנאמר (שם י) ובני בליעל אמרו מה יושיענו זה ויבזוהו ולא הביאו לו מנחה וגו' וכתיב ויעל נחש העמוני וגו' אמר רבי יוחנן משום רבי שמעון בן יוחאי (יהוצדק) כל ת"ח שאינו נוקם ונוטר כנחש אינו ת"ח והא כתיב (ויקרא יט) לא תקום ולא תטור ההוא בממון הוא דכתיב דתניא איזו היא נקימה ואיזו היא נטירה נקימה א"ל השאילני קרדומך אומר לו לאו למחר אומר לו הוא השאילני קרדומך אומר לו איני רוצה להשאילך כדרך שלא השאלתני זו היא נקימה ואי זו היא נטירה א"ל השאילני מגלך א"ל לאו למחר א"ל השאילני קרדומך ואמר ליה הילך ואיני עושה כמותך שלא השאלתני זו היא נטירה וצערא דגופא לא והא תניא הנעלבים ואינן עולבין שומעין חרפתם ואינם משיבין עושין מאהבה ושמחים ביסורין

לידי דבר שבעליו ניטל ממנו מלכותו : מפני . שמתחלת מלכותו מחל על כבודו גלה על עצמו שאינו כדאי למלוך : וכתיב ויעל נחש העמוני . ומסקנא דמלתא דאמרו ישראל מי האומר שאול ימלוך עלינו בתמיהה תנו את האנשים ונמיתם וסוף לאמר לא יומת איש ביום הזה : שאינו נוקם . ונוטר : ונוטר . איבה בלבו ולא הסיחו מדעתו : הנעלבים . שנעלבים מיד אחרים ואין עולבין אחרים : עושים מאהבה . שישים מצות

---

פון רבם וועגן פאר וואס איז שאול געשטראפט געווארין ער זאל טאהן אזוי אעבירה אז דורך איד זאל מען ביי איהם צו נעמען די מלוכה. ווייל באלד אין אנהייב ווען ער איז געווארין א מלך האט ער מוחל געוועזן אויף זיין כבוד אונ ער האט געוויזען אז ער איז ניט ווערט ואונ וויל ניט צו זיין א מלך. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק די שלעכטע מענטשין האבין געזאגט אויף שאול וואס וועט אונז דער העלפין. אונ זייא האבין איהם פאר שעמט. אונ האבען ניט געגעבין מתנות צו שאול. דער נאך שטייט אין פסוק נחש העמוני איז געקומען מלחמה האלטין מיט די יודין. אונ שאול האט איין גענומען די מלחמה. האבין די יודין געזאגט ווער ווענען דיא מענטשין וואס האבין געקריגט אויף די מלוכה פון שאול. גיט אונז די מענטשין וועלין מיר זייא הרגנן. האט שאול געזאגט מען זאל קיין מענטשין ניט הרגנן. האט ער דאך געוויזען אז די מלוכה איז ביי איהם גאר ניט ווערט. דריבער האט מען זי צו גינומען פון איהם. רבי יוחנן האט גיזאגט פון רבי שמעון בן יוחאים וועגין דער תלמיד חכם וואס נעמט ניט קיין נקמה אונ האלט ניט די שנאה אין הארצין אזוי ווי א שלאנג. איז ער ניט קיין תלמיד חכם. פרעגט די גמרא עס שטייט דאך אין פסוק מען זאל ניט נעמען קיין נקמה. אונ מען זאל ניט האלטען די שנאה אין הארצין. ענטפערט די גמרא דאס איז נאר ביי געלט. אז איינער טוהט דעם אנדערין א שאדין געלט. דארף ער ניט נעמען פון איהם א נקמה. אונ דארף ניט היטען אין הארצין א שנאה אויף איהם. אבער אז איינער איז מבזה א תלמיד חכם. ווער פאר שעמט איהם אדער איין אנדער צער דארף דער תלמיד חכם היטען אויף איהם א שנאה. אונ נעמען פון איהם א נקמה. ווען ער וועט קענען. אזוי וויא מיר האבין גילערנט אין פסוק שטייט לא תקום ולא תטור. וואס הייסט נקימה אונ וואס הייסט נטירה. נקימה הייסט אז איינער זאגט צום אנדערין (ראובן זאגט צו שמעון) בארג מיר דיין האק. זאגט שמעון איך וועל דיר ניט בארגין. אויף מארגען זאגט שמעון צו ראובן בארג מיר דו דיין האק. זאגט ראובן צו שמעון אזוי וויא דו האסט מיר ניט גיוואלט בארגין וועל איך דיר אויך ניט בארגין. דאס הייסט נקימה ער טוהט א נקמה. אונ וואס הייסט נטירה. ראובן זאגט צו שמעון בארג מיר דיין שערף. זאגט שמעון איך וועל דיר ניט בארגין. אויף מארגין זאגט שמעון צו ראובן בארג מיר דיין האק. זאגט ראובן נא דיר די האק אונ איך טוה ניט ווי דו וואס דו האסט מיר ניט גיוואלט בארגין. דאס הייסט נטירה. ער היט די שנאה אין הארצין. די ביידע זאכין טאר מען ניט. נאר איינער דארף מוחל זיין דעם אנדערין. ווייל דאס הייסט געלט זאכין. פרעגט די גמרא אונ דעם צער פון זיך אליין דארף מען ניט מוחל זיין. מיר האבין דאך גילערנט די וואס ווערין פאר שעמט פון אנדערע מענטשין אונ זייא פאר שעמי ניט קיין אנדערין. די הערין זייער חרפה

ביסורין עליהם הכתוב אומר (שופטים ה) ואוהביו כצאת השמש בגבורתו לעולם דנקיט ליה בליביה והא אמר רבא כל המעביר על מדותיו מעבירין לו על כל פשעיו דמפייסי ליה ומפייס :

גם ד ת"ר מעשה בב' כהנים שהיו שניהם שוים רצים ועולים בכבש קדם אחד מהם לתוך ד' אמות של חבירו נטל סכין ותקע לו בלבו עמד רבי צדוק על מעלות האולם (בהר הבית) ואמר אחינו בית ישראל שמעו הרי הוא אומר (דברים כא) כי ימצא חלל באדמה ויצאו זקניך ושופטיך אנו על מי להביא עגלה על העיר או על העזרות געו כל העם בבכיה בא אביו של תינוק ומצאו כשהוא מפרפר ואמר להם הרי הוא כפרתכם ועדיין בני מפרפר ולא נטמא הסכין ללמדך שקשה עליהם טהרת כלים יותר כש"ד וכן הוא אומר (מ"ב כ"א) וגם דם נקי שפך מנשה הרבה מאד עמד רבי צדוק על מעלות האולם בהר הבית כו'. וירושלים בת איתויי עגלה ערופה היא והתניא עשרה דברים נאמרו בירושלים

מלהכנת המקום ולא ליטול שכר : דנקיט ליה בליביה . ולא בא אחר לנקום נקמתו בקו המשפט ישתוק : דמפייסיה ליה לבקש מחילה : על מעלות האולם בהר הבית . אולמות הרבה נכנס הורדוס שם כמו שכתוב בספר בן גוריון : על מי להביא . מכל מי חלקה מן היושבים בשער או מן הכהנים שומרי העזרה : געו . לעקה : הרי היא כפרתכם . מיתתו תכפר עליכם : י' דברים .

---

וואס מען זאגט אויף זייא ואפילו עס איז זייא ליגען און זייא ענטפערן גאר ניט . זיי טוהען מצות ווייל זיי האבען ליב גאט . און מיינען ניט צו נעמען שכר . און אז עס קומט אויף זיי יסורים זענען זיי ניט בייז אויף גאט . נאר זייא נעמען דאס אן מיט שמחה . אויף זייא זאגט דער פסוק די וואס האבען ליב גאט וועלין לייכטין אזו וויא די זוהן ווען זי גייט ארויס מיט איר שטארקייט . ווען מיר דאך אז א מענטש דארף מוחל זיין אויף זיין חרפה אויך . ענטפערט די גמרא צוריק פארשעמען טאר מען ניט . נאר ער מעג האלטען די שנאה אין הארצען . פרעגט די גמרא רבא הט דאך געזאגט דער וואס איז מוחל אויף די שלעכטס וואס מען האט אים געטאהן איז גאט אים מוחל זיינע אלע עבירות . ענטפערט די גמרא דאס איז נאר אז מען בעט אים ער זאל מוחל זיין און ער איז מוחל . איז גאט אים אויך מוחל זיינע עבירות . אבער אזו לאנג וויא יענער בעט אים ניט ער זאל אים מוחל זיין . מעג ער האלטען אויף איהם א שנאה אין הארצין :

ד תנו רבנן . די רבנן האבען געלערנט עס הט אמאהל געטראפען צוויי כהנים זענען ביידע גלייך געלאפען אויף די ברעט פון מזבח . דער נאך הט איינער אים געיאגט דעם אנדערין מיט פיר איילען (עיין בגמ"א) , האט ער גענומען א מעסער און האט איהם אריין געשטעכט אין הארצען . הט רבי יצחק זיך געשטעלט אויף די טרעפ פון אולם און האט געזאגט . אחינו בית ישראל הערט וואס איך וועל אייך זאגען ; אין פסוק שטייט אז מען וועט געפינען א גיהרגתין מענטש אויף דער ערד זאלען ארויס גיין די אלטע לייט און די דיינים און זאלען מעסטען וועלכע שטאט איז נעהנטער צו דעם גיהרגתין . זאלען זיי ברייגגען אקאלב און מען זאל איר אפ האקין דעם קאפ . ווער זאל ברייגגען אקאלב דא אויף דעם גיהרגתין . די שטאט ירושלים . אדער די כהנים פון די עזרה . האבען דם גאנצע פאלק געשריגען מיט געוויין . דער נאך איז געקומען דער פאטער פון דעם געשטאכענעם . און הט געטראפען ער צאפעלט נאך . הט דער פאטער געזאגט צו זיי ער זאל זיין אייער כפרה . און מיין זוהן צאפילט נאך איז דער מעסער ניט טמא געווארען . זעהן מיר אז זיי האבען מער געוויסט די כלים זאלען זיין טהור וויא זיי האבען געהיט מען זאל ניט הרגנן . און אזוי שטייט אין פסוק מנשה האט פאר גאסען ריינע בלוט אויך זעהער פיל . אז מען זאגט דם אויך . זעהט מען אז דם בלוט פאר גיסען איז ניט געווען ביי זיי דער עיקר עבירה . זאגט די גמרא פריער שטייט רבי צדוק הט זיך געשטעלט אויף די טרעפ פון אולם און הט געפרעגט ווער דארף ברייגגען א עגלה ערופה ירושלים אדער די כהנים פון די עזרה . איז דאך די קשיא ירושלים דארף דאך קיין מאהל ניט ברייגגען א עגלה ערופה . ווארום מיר האבען געלערנט צעה, זאכען איז געזאגט געווארען ביי ירושלים .

אונ

בירושלים וזו היא אחת מהם (סס ע"ב) אינה מביאה עגלה ערופה ועוד לא נודע מי הכהו כתיב והכא נודע מי הכהו כדי להרבות בכיה בישראל בא אביו של תינוק וכו' איבעיא להו הי מניהו חמירא ש"ד הוא דזילא ודכלים כדקיימא קיימא א"ד ש"ר כדקיימא קיימא אבל טהרת כלים היא דחמירא. ת"ש מדקא נס"ב לה גמרא וגם דם נקי שפך מנשה הרבה ש"מ ש"ד הוא דזילא וטהרת כלים כדקיימא קיימא ש"מ:

בכ"ק השיב להו בפרק מרובה: אינה מביאה עגלה ערופה. דכתיב כי ימצא חלל באדמה וגו' לרשתה ואין ירושלים ירושה קא סבר לא נתחלקה לשבטים: גמרא. כאיה:

כדאמרן. שהיו באים לידי מחלוקת: למה מפיסין וחוזרין ומפיסין. למה לא מפיס לפיים ד' פעמים ביום כדתנן במתני' יפיסו על כלם באסיפה ראשונה מי יזכה לזה ומי יזכה לזה: להרגיש העזרה. נשמע קול המון עם רב כמה פעמים שהוא כבוד למלך שנאמר בבית אלהים וכו':

חדשים לקטורת. מי שלא זכה בקטורת כל ימיו ובגמ' מפרש מאי שנא חדשים וכן היו

(כד ע"ג) ה **למה** מפיסין וכו' למה מפיסין כדאמרן אלא למה מפיסין וחוזרין ומפיסין א"ר יוחנן כדי להרגיש כל העזרה שנאמר (תלים נה) אשר יחדו נמתיק סוד בבית אלהים נהלך ברגש:

(ד' כו) ו **מתני'** הפיס השלישי חדשים לקטורת באו והפיסו והרביעי חדשים עם ישנים מי מעלה איברים מן הכבש למזבח:

תנא

---

און דס איז איינע פון זיי. זי דארף ניט ברייגען עגלה ערופה. אונ נאך אקשיא איז ווען דארף מען ברייגען עגלה ערופה אז מען ווייס ניט ווער עס האט איהם גיהרגת. אבער דא ווייס מען דאך ווער עס האט איהם גיהרגת. ענטפערט די גמרא רבי צדוק האט ניט גימיינט מען זאל טאקי ברייגען עגלה ערופה. ער האט נאר אזוי גזאגט צו דער וועקין די יודען צום וויינען. פריער שטייט דער פאטער פון דעם גיהרגתין איז גיקומען אונ האט גזאגט מיין זוהן צאפיקט נאך איז דער מעסער ניט טמא גיווארען. האט מען גיפרעגט וועלכעס איז ביי זייא שווער גיוועזען. צו זאלען מיר זאגען אז בלוט פר גיסען. אמענטשין צו הרגנן. איז ביי זיי גרינג גיווארען. אונ דעם דין אז די כלים דארפען זיין טהור האלטען זיי אזוי ווי זיי האבען פריער גיהאלטען. דס איז ביי זיי ניט וואלוויל גיווארען. אדער גיין. דעם דין אז מען טאר ניט בלוט פאר גיסען. מען טאר ניט אמענטשין הרגנן. דס האלטען זיי אזוי וויא זייא האבען פריער גיהאלטען. אבער דעם דין אז די כלים דארפען זיין טהור האלטען זיי איצט שטארקער ווי זייא האבען גיהאלטען ביז איצט. ענטפערט די גמרא וויל מען ברייגנט דעם פסוק מנשה האט פאר גאסען ריינע בלוט אוך זעהר פיל. אז מען זאגט דס ווארט אוך. זעהן מיר אז בלוט פר גיסען איז ביי זיי גיוועזען וואלוויל. אונ דעם דין אז די כלים דארפען זיין טהור האלטען זייא אזוי ווי זייא האבען גיהאלטען פריער:

ה **למה מפיסין**. די גמרא פרעגט פר וואס האט מען פאר זאמולט דיא כהנים פיר מאהל צו יעדער מאהל גורל ווארפען בזונדער. האט מען גידארפט ווארפען גורל אויף אלע זאכען ביי דעם ערשטין פאר זאמלונג. האט רבי יוחנן גזאגט צו מאכען שטורע מען די עזרה. דער קול פון פיל מענטשין וואס גייען אונ ריידען זאל גיהערט ווערין אין די עזרה. אונ אזוי איז שענער פאר גאט. אז עס וואלט גיוועזען שטיל אין די עזרה איז ניט שיין. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק צו זאמען האלטען מיר איין עצה אין דער תורה. אין די הויז פון גאט. אין בית המקדש. גייען מיר מיט פיל לייט אונ מיט גרויס שטורעם:

ו **מתניתין. הפיס השלישי**. ווען דער דריטער גורל איז גיוועזען. האט מען אויס גירופען נייע כהנים וואס האבען קיין מאהל ניט מקריב גיוועזען קטרת. זאלען קומען צום גורל ווער עס זאל איצט מקריב זיין די קטרת. ווען דער פערטער גורל איז גיוועזען. האט מען אויס גירופען נייע כהנים מיט אלטע כהנים זאלען קומען צום גורל ווער זאל ארויף טראגען די שטיקער פון תמיד פון די ברעט אויף דעם מזבח:

גמ׳ תנא מעולם לא שנה אדם בה מ"ט א"ר חנינא מפני שמעשרת א"ל רב פפא לאביי מ"ט אילימא משום דכתיב (דב׳ לג) ישימו קטורה באפך וכתיב בתריה ברך ה׳ חילו אי הכי עולה נמי דכתיב וכליל על מזבחך א"ל הא שכיחא והא לא שכיחא:

(דף) ז אמר רבא לא משכחת צורבא מרבנן דמורה אלא דאתי משבט לוי או משבט יששכר לוי דכתיב (דברים לג) יורו משפטיך ליעקב יששכר דכתיב (ד"ה א יב) מבני יששכר יודעי בינה לעתים לדעת מה יעשה ישראל ואימא נמי יהודה דכתיב (תהלים ס) יהודה מחוקקי. אסוקי שמעתא אליבא דהלכתא קאמרינן:

(דף ע"ב) ח אמר רב אשי אף אנן נמי תנינן ולמנסך אומר לו הגבה ידיך שפעם אחת נסך צדוקי אחד על רגליו ורגמוהו כל העם באתרוגיהן:

מכריזים קול בעזרה: גמ׳. מפני שמעשרת. לפיכך לא היו מניחין הזקן לשמש: וכלא כתיב וכליל על מזבחך. בכהונה קרא גופיה: והא לא שכיחא. ומשתברא דהי כתיב עושר אדלא שכיחא דהא לא כן נמצאו הכל עשירים: דמורה. שמורה הלכות בישראל: אליבא דהלכתא. להוריה כדת וכהלכה: ולמנסך. את המים: אומר לו הגבה את ידיך. וכראה שתערה הצלוחית לתוך ספל של כסף שעל המזבח שהוא נקיב כמין חוטם דק שהיין המקלח יוצא בו והוא הנסוך: שפעם אחת נסך ע"ג רגליו. ולא עירה הצלוחית לתוך הספל ושפך המים על רגליו לפי שהיה צדוקי ואינו מודה בנסוך המים:

אמר

---

גמרא. תנא: מיר האבען געלערנט עס האט קיין מאהל ניט געטראפען אז איין כהן זאל מקריב זיין קטרת צוויי מאהל. פאר וואס. האט רבי חנינא געזאגט ווייל דער כהן וואס האט מקריב געוועזן קטורת איז רייך געווארען. דריבער האט מען ניט געלאזען איין כהן זאל צוויי מאהל מקריב זיין קטרת. נאר אלע מאהל אנייער כהן. אלע כהנים זאלען רייך ווערין האט רב פפא געזאגט צו אביי פון וואנען ווייסען מיר אז קטורת האט רייך געמאכט: זאלען מיר זאגען ווייל עס שטייט אין פסוק ישימו קטורה באפך. זיי מאכען קטורת עס זאל זיין אנגעטער ריח פאר גאט. באלד נאך דעם שטייט אין פסוק גאט זאל בענטשין זיין פאר מעגין. דארף דאך זיין אז מען איז מקריב אעולה זאל מען אויך רייך ווערין: ווארום אין דעם זעלבען פסוק שטייט דאר וכליל על מזבחך זיי זענען מקריב עולות אויף דעם מזבח. דער נאך שטייט גאט זאל בענטשין זיין פאר מעגין. דעם פאר מעגין פון דעם וואס איז מקריב קטורת אונ פון דעם וואס איז מקריב עולות. האט אביי געזאגט עולות איז מען מקריב פיל אלע טאג. אונ פיל כהנים בעשעפטיגען זיך אלע טאג ביי די עולות מקריב זיין. אונ קטורת איז נאר צוויי מאהל אין טאג. אונ צו קטורת דארף מען נאר איין כהן: דארפען מיר זאגען אז משה רבינו האט געבעטין גאט זאל בענטשין זיין פאר מעגין. האט ער געמיינט דעם פאר מעגין פון דעם כהן וואס האט מקריב געוועזן קטורת. אונ ער האט ניט געמיינט די כהנים וואס זענען מקריב עולות. ווארום אזוי וואלטען דאך אלע כהנים געדארפט זיין עשירים:

ז אמר. רבא האט געזאגט מען געפינט ניט אלמדן זאל זיין אמורה הוראה נאר דער וואס קומט ארויס פון שבט לוי אדער פון שבט יששכר. ביי דעם שבט לוי שטייט אין פסוק זיי וועלען פסקנען דינים צו יעקב. ביי דעם שבט יששכר שטייט די מענטשין פון שבט יששכר ווייסען אונ פאר שטייען די צייטען וועלכער יאהר זאל זיין צוויי מאהל אדר. אונ ווען זאל זיין ראש חודש אונ זיי ווייסין צו פסקנען דינים וואס דיא יודען זאלען טאהן. פרעגט דיא גמרא ביי דעם שבט יהודה שטייט דאך אויך אין פסוק יהודה מחוקקי. יהודה לערנט די געזעץ (די תורה) פון גאט. ענטפערט די גמרא דער שבט יהודה לערנט טאקי די תורה. אבער ער ווייס ניט אויס צו פירען אזאך ווי דער דין זאל זיין:

ח אמר. רב אשי האט געזאגט מיר האבין אויך אזוי געלערנט. דער כהן וואס האט געגאסען די וואסער אויף דעם מזבח כוכ"ת. האט מען געזאגט צו איהם הייב אויף דיינע הענט. מיר ווילען זעהן ווי דו גיסט די וואסער אין דעם זילבערנעם בעקין וואס אויף דעם מזבח. ווארום אמאהל האט געגאסען די וואסער אכהן אאפיקורוס אויף די פיס. ניט אין בעקין

האבין

## פרק שלישי

**א אמר** רב ספרא צלותיה דאברהם מכי משחרי כותלי א"ר יוסף אנן מאברהם ניקום וניגמר אמר רבא תנא גמר כאברהם ואנן לא גמרינן מיניה דתניא (ויקרא יב) וביום השמיני ימול בשר ערלתו מלמד שכל היום כשר למילה אלא שזריזין מקדימין למצות שנאמר (בראשית יט) וישכם אברהם בבקר (אל המקום אשר עמד שם את פני ה') (שם כב) [ויחבוש וגו'] אלא אמר רבא רב יוסף הא קשיא ליה כו':

(שם) **ב אמר** רב חמא בר חנינא מימיהם של אבותינו לא פסקה ישיבה מהם היו במצרים ישיבה עמהם שנאמר (שמות ג) לך ואספת את זקני ישראל. היו במדבר ישיבה עמהם שנאמר (במדבר יא) אספה לי שבעים איש מזקני ישראל. אברהם אבינו זקן ויושב בישיבה הוה שנאמר (בראשית כד) ואברהם זקן בא בימים יצחק אבינו זקן ויושב בישיבה הוה שנאמר (שם כז) ויהי כי זקן יצחק. יעקב אבינו זקן ויושב בישיבה הוה שנאמר (שם מח) ועיני ישראל כבדו מזוקן. אליעזר עבד אברהם זקן ויושב בישיבה הוה שנאמר (שם כד) ויאמר

צלותיה דאברהם. תפלה בערב שלו: מכי משחרי כותלי. משמוח הפונות למזרח שהצלים נוטין כחמה פנתה מן המזרח ונוטה עליהן בהמית שבט שמוח בחמה באמצע הרקיע בראש כל אדם ואינו עושה צל אלא תחתיו: מבהירין אותן בגבולים לפי שאין חמה נופלת אלא בראש הכותל בעוביו ומיצל חודו כל כפה עיניו על זקיפו הכותל ומשהרה מסכיא בעהא נוטים לצד ערב וקרו ערב: אנן מאברהם ניקום וניגמר. באה ללמדנו להיות

---

האבין איהם די יודען בעווארפען מיט אתרוגים ביז ער איז גיהרגת געווארין :

## פרק שלישי

**א** אמר. רב ספרא הט גזאגט. אברהם אבינו פלעגט דאווענען מנחה אז די וואנט וואס שטייט געגין מזרח פלעגט אז הייבין שווארץ צו ווערין פון דעם שאטען וואס פלעגט אויף איר ארויף קומען. דס איז נאך צוועלף דעם זייגער. הט רב יוסף גזאגט וועלען מיר דען אפ לערנען פון אברהם אבינו מיר זאלען זיין אזוי פרום ווי ער. מיר זאלען אויך דאווענען מנחה אזוי פריה. הט רבא גזאגט דער תנא לערנט יא אפ פון אברהם אבינו. און מיר זאלען ניט אפ לערנען פון אברהם אבינו. ווארום מיר האבען גילערנט עס שטייט אין פסוק דעם אכטען טאג זאל מען מל זיין. דער פסוק לערנט אונז אז דער גאנצער אכטער טאג פון פריה ביז נאכט איז כשר מל צו זיין. נאר די פרומע אילין זיך צו דער מצוה. און וועגען מל באלד אין דער פריה. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק צברהם איז אויף גישטאנען גאנץ פריה וצו טאהן די מצוה וואס גאט הט איהם גיבאטען. לערנען מיר דאך יא אפ פון אברהם אבינו מען זאל זיך אילין צו א מצוה. פאר וואס זאלען מיר ניט אפ לערנען געגין מנחה דאווענען אויך פון אברהם אבינו. (ועיין בגמרא):

**ב** אמר. רב חמא בר חנינא הט גזאגט די גאנצע צייט וואס אונזערע עלטערין האבען גילעבט הט קיין מאהל ניט אויף גיהערט ביי זיי קיין ישיבה וצו לערנען תורה מיט תלמידים. ווען זיי זענען גיוועזן אין מצרים איז ביי זיי גיוועזן א ישיבה. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק גאט הט גזאגט צו משה גיי פר זאמעל די אלטע יודען. ווען זיי זענען גיוועזן אין דער מדבר איז ביי זיי גיוועזן א ישיבה. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק גאט הט גזאגט צו משה פר זאמעל צו מיר זיבעציג אלטע יודען. אברהם אבינו איז גיוועזן איין אלטער מאן און איז גיזעסען מיט א ישיבה און הט גילערנט. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אברהם איז גיוועזן אלט ער איז גיקומען אין יאהרין. יצחק אבינו איז גיוועזן איין אלטער מא און איז גיזעסען מיט א ישיבה און הט גילערנט. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק און עס איז גיוועזן ווען יצחק איז אלט גיווארען. יעקב אבינו איז גיוועזן איין אלטער מאן און איז גיזעסען מיט א ישיבה און האט גילערנט. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק די אויגען פון יעקב זענען גיוועזן שווער צו זעהן פון אלטקייט.

אליעזר

ויאמר אברהם אל עבדו זקן ביתו המושל בכל אשר לו א"ר אלעזר המושל בתורת רבו הוא דמשק אליעזר [א"ר אלעזר] שדולה ומשקה מתורת רבו לאחרים אמר רב קיים אברהם אבינו את כל התורה כלה שנאמר (שם כו) עקב אשר שמע אברהם בקולי א"ל רב שימי בר חייא לרב ואימא ז' מצות ותו לא הא הואי נמי מילה ואימא שבע מצות ומילה א"ל א"כ מצותי ותורותי למה לי אמר רבא ואיתימא רב אסי קיים א"א אפילו ערובי תבשילין שנאמר ותורותי אחד דברי תורה ואחד דברי סופרים :

(שם) ג תניא רבי אומר אינו דומה תימור של לבנה לתימור של חמה תימור של לבנה מתמר ועולה כמקל תימור של חמה מפציע לכאן ולכאן :

(שם) ד אמר (רפרם) [ר"נ] זיהרא דשמשא כשמשא וסימניך דנא דחלא שבירירי דשמשא קשין משמשא וסימניך דילפא הרהורי עבירה קשין מעבירה

זריזין כאברהם : דולה ומשקה. מוציאה של דמשק ז' מצות. שנצטוו לאחר כל בני נח אבל תורה לא נתנה לו : אפילו עירובי תבשילין . שאינו הלכה למשה מסיני אלא תקנת סופרים שעתידין לתקן : תימור של חמה . עלות השחר שנבקע והולך כהמר זקוף לכן תמרת עשן על שם שזוקף ועולה : זיהרא דשמשא . אותו חום של יום המעונן שקורין הופו"ל : דנא דחלא . שפיה סתום יפה שלא יצא ריחו ויחליף וכשאדם נוקבו נקב קטן יוצא שם ריח חזק מאד כך יום המעונן מתוך שהחמה מכוסה והוא בלא כנוס נוקבת בכח דרך נקבי העבים : שברירי דשמשא . הגוים מתרגמין שבירלא כמו הנוקב דרך נקבים קטנים הנותן עינו כנגד הנקב קשים לו הסנורים יותר מן המסתכל בחמה באויר : וסימניך דילפא . קשה דלף היורד על האדם מאלו נכנס כל גופו במים : הרהורי עבירה . תאות נשים

---

אליעזר דער קנעכט פון אברהם אבינו איז געווען איין אלטער מאן אונ איז געזעסען מיט אישיבה אונ האט געלערנט. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אברהם האט געזאגט צו זיין קנעכט וואס ער איז דער עלטעסטער פון זיין שטוב וואס ער געוועלטיגט אויף זיין גאנצען פאר מעגין. רבי אלעזר זאגט דאס מיינט מען אליעזר האט געוועלטיגט אויף די גאנצע תורה פון זיין רבי אברהם. הוא דמשק אליעזר. האט רבי אלעזר געזאגט דמשק מאכט שדולה ומשקה. אליעזר האט געשעפט דיא תורה פון זיין רבי אברהם. אונ האט זי געגעבען טרינקען צו אנדערע מענטשין. די תורה וואס אליעזר האט געלערנט פון אברהם. האט ער זי געלערנט מיט אנדערע מענטשין. רב האט געזאגט אברהם אבינו האט מקיים געווען די גאנצע תורה. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק גאט האט געזאגט ווייל אברהם האט געהערט מיין קול. ער האט געטאהן וואס איך האב געבאטען. האט רב שימי בר חייא געזאגט צו רב טאמער מיינט מען אברהם האט מקיים געווען די זיבען מצות וואס גאט האט געבאטען צו אלע פעלקער. אבער מער ניט. האט רב געזאגט אברהם האט דאך מקיים געווען די מצוה מילה. איז דאך שוין מער ווי זיבען מצות. האט רב שימי געפרעגט טאמער האט ער מקיים געווען די זיבען מצות אונ די מצוה פון מילה אויך. אבער ניט מער. האט רב געזאגט אויב ער האט נאר מקיים געווען די אכט מצות ניט מער. צו וואס שטייט אברהם האט מקיים געווען מצותי ותורותי. מיינע געבאט אונ מיינע תורות. רבא האט געזאגט אונ אנדערע זאגין רב אסי האט געזאגט אברהם אבינו האט מקיים געווען אפילו עירוב תבשילין. ווארום עס שטייט אין פסוק אברהם האט מקיים געווען מיינע תורות. מיינט מען צוויי תורות. איין תורה וואס גאט האט געגעבין דורך משה רבינו. אונ איין תורה וואס דיא רבנן האבין געמאכט :

ג תניא. מיר האבין געלערנט רבי זאגט דער ארויס גאנג פון די לבנה ווען זיא גייט ארויס פון הימעל אנהייב נאכט. איז ניט גלייך צו דעם ארויס גאנג פון די זוהן ווען זיא גייט ארויס פון הימעל אנהייב טאג. די לבנה גייט ארויס גלייך ווי א שטעקין. אונ די זוהן פארשפרייט זיך באלד אין יעדער זייט :

ד אמר. רב נחמן האט געזאגט זיהרא דשמשא כשמשא. די היץ וואס איז זומער אין אוואלקענדיגען טאג (געגען דעם שטיקול ארט וואו עס איז ניטא דער וואלקין) איז אזוי שטארק ווי די היץ פון די זוהן. דער סימן איז אפאס עסיג. מען זאל אפאס עסיג גוט פאר

מאבען

מעבירה וסימנידריהא דבשרא שלהי דקיטא קשה מקיטא וסימניך תנורא שגירא אישתא דסתוא קשה מרקיטא וסמניך תנורא קרירא מגמר בעתיקא קשה מהדתא וסימניך טינא בר טינא :

סס ה למנצח על אילת השחר מה אילה זו קרנית מפוצלות לכאן ולכאן אף שחר מפציל לכאן ולכאן א"ר זירא למה נמשלה אסתר לאילה לומר לך

קשים להכחיש את בשרו יותר מגופו של מעשה . ריהא דבשרא. המריח בשר צלי קשה לו הריח מאוד שמתאוה לו : שלהי דקיטא . אליל שהוא סוף הקיץ : קשה מקיטא . הומו קשה מחום הקיץ של תמוז לפי שכבר נתחמם כל האויר וגופי הבריות בחום הקיץ שעבר עליו תמיד מהתחמם הוא עתה בחום קל ומזיקו : וסימניך תנורא שגירא . תנור שהוסק היום פעמים ושלש נוח הוא להסיקו שלישי פעמים : אשתא דסתוא . קדחת של ימות החורף כשהחממת את החולה בידוע שהוא קשה יותר מקדחת שמבעירתו בימות הקיץ : וסימניך תנורא קרירא . צריך עצים מרובים להסיקו אף זה שאויר צונן ובגיף שם והחולי מבעירתו בידוע שהוא חולי קשה : מגמר בעתיקא קשה מהדתא . מי שלמד ושכח דעתו ושכח קשה לחזור וללמוד מה ששכח יותר (משלם) [ממה] שלא למד : וסימניך טינא בר טינא. נ"ע שגיגלין אותו מטיט חומר כוהל ישן קשה הוא לגבל יותר מטיט של עפר חדש :

אילה זו . לאו דוקא נקט שהרי אין קרנים לנקבה

---

מאכען פון ביידע זייטן . דער נאך זאל מען מאכען אין איין דעק אבעביל . וועט ארויס גיין פון די לעביל אשטארקער ריח פון די עסיג . אזוי אין אוואלקענדיגען טאג וויל די זוהן איז פאר דעקט מיט די וואלקינס אונ די היץ איז בעהאלטין אז די זוהן קריגט נאר אלעביל וואו דארט איז ניטא קיין וואלקין . גייט דורך דארט ארויס די גאנצע היץ מיט איין מאהל . שבירירי דשמשא קשין משמשא . אז דער הימעל איז פאר וואלקענד . אונ די זוהן לייכט דורך אין די לעבלאך וואס צווישען די וואלקינס . אז איינער קוקט אויף די זוהן וואס צווישען די לעבלאך . קען ער בלינד ווערין וויא ער וואלט גיקוקט אויף די גאנצע זוהן ווען עס איז ניט פאר וואלקינד . וייל די זוהן איז פאר שטעלט מיט די וואלקינס . אז זי קריגט נאר אלעביל דורך צו שיינען . לייכט זי מיט איר גאנצען כח . דער סימן איז שפריצען . אז מען שפריצט אויף איינעם מיט וואסער . איז איהם ערגער ווי ער וואלט גיוועןן אין גאנצין אין וואסער . אז איינער גלוסט שטארק מזנה צו זיין . אונ ער בעקומט ניט די אשה וואס ער וויל מאגערט דם איהם אפ דעם גוף מער ווי ער וואלט מזנה גיוועןן . דער סימן איז דער ריח פון פלייש : אז איינער שמעקט אריח פון גיבראטענע פלייש . אונ ער וואלט גערין די פלייש גיגעסין . אונ ער הט ניט . קען ער קראנק ווערין פון דעם ריח . די היץ וואס אין אלול סוף זומער . איז שווערער צו ליידין ווי די היץ פון מיטען זומער . דער סימן איז אגיהייצטער הויבין : אהויבין וואס מען הט איהם דעם טאג גיהייצט צוויי דריי מאהל . אז מען הייצט נאר מיט עטליכע שטיקלאך האלץ . ווערט ער שוין הייס . אזוי דער מענטש וויל ער איז דער ווארעמט פון גאנצין זומער . אונ די לופט איז אויך ווארעם פון גאנצין זומער . אז עס קומט נאך צו אביסול ווארעם ווערט שוין הייס . די היץ קראנקייט פון ווינטער איז שטארקער ווי די היץ קראנקייט פון זומער . דער סימן איז אקאלטער הויבין . אז דער הויבין איז קאלט דארף מען אין איהם האבין פיל האלץ אונ אשטארקין פייער ביז ער זאל ווארעם ווערין . אזוי ווינטער אז יעדען מענטש איז קאלט . אונ ער הט היץ . איז אסימן אז די היץ איז גרויס . אז איינער האט גילערנט אונ הט פר געסין . ער זאל לערנען די זעלביגע זאך נאך אמאהל איז אים שווערער ווי צו לערנען אנייע זאך וואס ער הט קיין מאהל ניט גילערנט . דער סימן איז ליים . מען זאל נעמען ליים פון אאלטע וואנט אונ צו מישען מיט וואסער . איז שווערער צו קנעטין ווי נייע ליים :

ה למנצח על אילת השחר . דוד המלך הט גיזונגען אויף דעם מארגינשטערין וואס ער איז גלייך צו אאיל ודאס איז אבשרה חדה . פרעגט דיא גמרא מיט וואס איז גלייך דער מארגינשטערין צום איל . נאר אזוי ווי דער איל זענען זיינע הערנער פאר שפרייט אין דער זייט אונ אין דער זייט . אזוי דער מארגינשטערין פאר שפרייט זיך אויך אין אלע זייטען . רבי זירא הט גזאגט פר וואס איז אסתר גענליכען צו אאילה ואנקבה . וואָרום אילת השחר מיינט

לך כה אילה זו רחמה צר וחביבה על בעלה כל שעה ושעה כשעה ראשונה אף אסתר היתה חביבה על אחשורוש כל שעה ושעה כשעה ראשונה א"ר אסי למה נמשלה אסתר לשחר לומר לך מה שחר סוף כל הלילה אף אסתר סוף כל הנסים כלם והא איכא חנוכה ניתנה ליכתב קא אמינא הא ניחא למ"ד מגלת אסתר ניתנה ליכתב אלא למ"ד לא ניתנה ליכתב מאי איכא למימר מוקי לה כרבי בנימין בר יפת אמר ר"א דא"ר בנימין בר יפת א"ר אלעזר למה נמשלה תפלתן של צדיקים לאילה לומר לך מה אילה זו כל זמן שמגדלת קרניה מפצלות אף צדיקים כל זמן שמרבים בתפלתן תפלתן נשמעת:

**אביי** הוה מסדר סדר המערכה משמא דגמרא ואליבא דאבא שאול מערכה גדולה קודמת למערכה שניה של קטורת ומערכה שניה של קטורת קודמת לסדור

נקבה (אלא מין אילה קאמר): למה נמשלה אסתר לאילה. במסכת מגילה אמרינן דאסתר אמרה מזמור זה כיון שהגיעה לבית הצלמים נסתלקה הימנה שכינה ואמרה אלי אלי למה עזבתני: כל נוחא למ"ד. פלוגתא במסכת מגילה איכא למ"ד אסתר מטמאה את הידים ואיכא למ"ד אין מטמאה דלאו ספר הוא: מוקי לה כרבי בנימין בר יפת. כלומר דרים להאי בתר כרבי בנימין בר יפת: למה נמשלה תפלתן של צדיקים וכו'. דהאי בתר לשון תפלה דרים ליה כמו רואי בקרני האהרך נמלא על תפלה שהיא כאילה: בכל זמן שמגדלה קרנים מפצילות. בכל שנה ושנה נוסף בהן פיצול אחד (פירוש מוסיפה כח וגבורה):

אביי הוה מסדר סדר המערכה. מפמא דגמרא. מוהו סדר עבודת לבור של כל יום ויום: משמא דגמרא. דכולה ישיבה דרבן דבי מדרשא: ואליבא דאבא שאול. דאמר בפ"ק הסבת כל הנרות קודמת לקטורת: מערכה גדולה שעליה יקטירו כל ההקטרות: קודמת. לפני סדר מערכה שניה שעושין בקרן מערבית דרומית משוך מן הקרן ד' אמות לגד לפון כדהכן במסכת התמיד: של קטורת. שממנה חותין גחלים להכניס למזבח הפנימי שחרית וערבית להקטיר עליה קטורת התמיד פרס

---

מען אסתר המלכה. ווייל ווען זי איז אביין גיגאנגען צו אחשורוש ווי זי איז גיקומען צו די שטוב מיט צלמים איז די שכינה פון איר אוועק גיגאנגען. האט זי גזאגט דעם קאפיטל תהלים אלי אלי למה עזבתני. כיין נאט פר וואס האסטו מיך פר לאזין. צו זאגין דיר. אזוי ווי די אילה איז איר מוטער לייט איינג. דריבער איז זי געליבט אויף דעם זכר ווען ער איז איר בועל: אזוי ווי דעם ערשטין מאהל. אזוי איז אסתר גיווען געליבט אויף אחשורוש צו יעדער צייט ווען ער האט איר בועל גיווען. אזוי ווי דעם ערשטין מאהל. רבי אסי האט גזאגט פאר וואס איז אסתר גענליכען צום מארגין שטערין. צו זאגין דיר. אזוי ווי דער מארגין שטערין איז דער סוף פון די נאכט. אזוי איז אסתר גיווען דער סוף פון אלע נסים: פרעגט די גמרא דער נס פון חנוכה איז דאך גיווען נאך אסתר. ענטפערט די גמרא מען מיינט אסתר איז ניהען דער סוף פון די נסים וואס זענען פר שריבען גיווארען אין א מגלה צום לייענען. אונ דער נס פון חנוכה איז דאך ניט פאר שריבען גיווארין אין א מגלה צום לייענען. פרעגט די גמרא דאס איז רעכט נאך דעם וואס זאגט אז די מגלה פון אסתר האט מען גידארפט שרייבען. אבער נאך דעם וואס זאגט אז די מגלה פון אסתר האט מען אויך ניט גידארפט שרייבין. איז דאך חנוכה מיט פורים גלייך. פר וואס זאגסטו אז פורים איז גיווען דער לעצטער נס. ענטפערט דיא גמרא דער תנא דרשת דעם איילת השחר אזוי ווי רבי בנימין בר יפת האט גידרשת פון רבי אלעזרס וועגין. ווארום רבי בנימין בר יפת האט גזאגט פון רבי אלעזרס וועגין פאר וואס איז גענליכען די תפלה פון די צדיקים צו אאילה. צו זאגען דיר. אזוי ווי דיא איילה וואס מער זיא וואקסט מער פאר שפרייטען זיך די הערנער. אונ זיי ווערין שטארקער. אזוי דיא צדיקים וואס מער זיי טוהען תפלה מער ווערט זייער תפלה גיהערט פר נאט מען זאל זיי געבין וואס זיי פאר לאנגען. ושחר איז טייטש תפלה. אילת השחר מיינט מען דיא תפלה וואס איז גלייך צו אאילה:

ן אביי האט גילערנט פון אלע רבנן פון דער ישיבה אונ פון אבא שאולס וועגען ווי אזוי דיא עבודה איז גיווען אלע טאג אויף דעם מזבח. צו ערשט האט מען געמאכט דעם גרויסען פייער וואס מען זאל אויף אים מקריב זיין אלע קרבנות. דר נאך האט מען געמאכט דעם אנדערען פייער וואס פון איהם זאל מען נעמען קוילען צו די קטרת. דער נאך האט מען ארויף גילייגט צווי שטיקער האלץ אויף דעם גרויסע פייער. דער נאך האט מען ארא

געמומען

לסדור שני גזרי עצים וסדור שני גזרי עצים קודם לדשון מזבח הפנימי ודשון מזבח דפנימי קודם להטבת חמש נרות והטבת חמש נרות קודמת לדם התמיד ודם התמיד קודם להטבת שתי נרות והטבת שתי נרות קודמת לקטרת וקטורת קודמת לאברים ואברים קודמין למנחה ומנחה קודמת לחביתים וחביתים קודמין לנסכים ונסכים קודמין למוספים ומוספין קודמין לבזיכין ובזיכין קודמין לתמיד של בין הערבים שנאמ׳ (ויקרא ו) וערך עליה העולה והקטיר עליה חלבי השלמים עליה השלם כל הקרבנות כלם:

ז תני רב הונא בר יהודה ואמרי לה רב שמואל בר יהודה אהר שכלתה עבודת צבור כהן שעשתה לו אמו כתונת לובשה ועובד בה עבודת יחיד ובלבד שימסרנה לצבור פשיטא מהו דתימא ניחוש שלא ימסרנה

פחיות ופרס עריבה: לסדור שני גזירין. במסדרין על מערכה גדולה וכולהו מפרש טעמא לקמן: לדם התמיד. להתיפתו ולזריקתו: קטורת. על המזבח הפנימי: קודמת לאברים. להקטיר אברי התמיד על מזבח החיצון: למנחה. מנחת נסכים של תמיד דכתיב ועשירית האיפה סולת למנחה: לנסכים. לנסוך יינו דתמיד: ונסכים למוספין. אם שבת הוא: שנאמר והקטיר עליה חלבי השלמים. ודריש ליה לבין השלמים: עליה. על העולה דתמיד של שחר האמורה בראש המקרא שנאמר וערך עליה והקטיר ה סף והשלם עליה כל הקרבנות ולא על של בין הערבים למד על תמיד של בין הערבים שהוא אחרון לכל הקרבנות:

עבודת יחיד. כותנת כהן ומתחה שאינה לצרכה צבור אלא למי שמוטלת עליו לפנות את המקום לפיכך קורא לה עבודת יחיד: ובלבד שימסרנה לצבור. דכוף כוף מעבודת צבור היא כך נראה בעיני. ואהי דמעתי עבודת יחיד מקרא פרשה דסגן התם קורא כאי מלתא לבן מכלו וקשיא לי נגוס דלא הכן התם ובלבד שימסרנה לצבור: פשיטא. דעובד בה כיון דאמרינן דמוסרה לצבור

---

גענומען די אש פון אינוויינגסטען מזבח. דער נאך האט מען ריין געמאכט פינף ליכט פון די מנורה. דער נאך האט מען געשאכטען דעם תמיד און מען האט געשפריצט די בלוט אויף דעם מזבח. דער נאך האט מען ריין געמאכט די אנדערע צוויי ליכט. דער נאך האט מען געריכערט די קטרת. דער נאך האט מען מקריב געווען די שטיקער פון תמיד אויף דעם אויסערווייניגסטען מזבח. דער נאך האט מען מקריב געווען די מנחה פון תמיד. דער נאך האט מען מקריב געווען די מנחה פון כהן גדול. דער נאך האט מען געגאסען אויף דעם מזבח די וויין פון תמיד: דער נאך האט מען מקריב געווען דעם קרבן מוסף (אויב יום איז געווען שבת אדער יום טוב). דער נאך האט מען געריכערט די קטרת פון לחם הפנים. ודער נאך האט מען מקריב געווען אנדערע קרבנות) פאר נאכט האט מען מקריב געווען דעם תמיד פון פאר נאכט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אויף דעם פייאר וואס ער האט געמאכט אין דער פריא. זאל ער ארויף לייגען די עולה (דעם תמיד) פון דער פריא. דער נאך זאל מען לייגען אויף דעם פייאר די חלב פון אלע אנדערע קרבנות. נאך דעם תמיד פון דער פריא זאל מען מקריב זיין אלע קרבנות. דער נאך איז מען מקריב דעם תמיד פון פאר נאכט. און נאך דעם תמיד פון פארין נאכט טאר מען שוין ניט מקריב זיין קיין קרבן:

ז תני. רב הונא בר יהודה און אנדערע זאגין רב שמואל בר יהודה האבין גילערינט: דער נאך ווי דער כהן גדול האט אפ גיטאהן יום כפור די אלע עבודות וואס פר יום כפור פר אלע יודינס וועגין. אויב די מוטער האט גימאכט פאר איהם א העמדיל. האט ער זיא גינומענט אן טאהן און טאהן אזוי א עבודה וואס ער טוהט זי פון זיינעט וועגין. ניט פון אלע יודינס וועגין. דם מיינט מען ארויס צו נעמען פון קדשי קדשים די לעפיל פון די קטורת און די פייאר פאן. נאר איידער ער טוהט אן די העמדיל. זאל ער זי שיינקען צו אלע יודין: פרעגט די גמרא אז דער כהן גדול שיינקט די העמדיל צו אלע יודין. איז דאך געווים אז ער מעג זי אן טאהן ארוס צו נעמען פון קדשי קדשים די לעפיל מיט די פייאר פאן. ענטפערט די גמרא איך וואלט וועלין מיינען טאמער שיינקט ער זי ניט ווי דער דין איז פון שיינקען זאגט אונז רב הונא אדער רב שמואל אז מיר האבען דער פר קיין מורא ניט. געווים וויים דער כהן גדול דיא דינים פון שיינקען. און ער האט די העמדיל אוועק גישיינקט ווי דער דין איז. און ער מעג גיין אין איר ארויס צו נעמען פון קדשי קדשים די לעפיל מיט די פייאר פאן מען האט גזאגט אויף

כסרנה יפה קמ"ל. אמרו עליו על ר' ישמעאל בן פאבי שעשתה לו אמו כתונת של מאה מנה ולבשה עבד בה עבודת יחיד ומסרה לצבור אמרו עליו על ר' אלעזר בן חרסום שעשתה לו אמו כתונת של שתי רבוא ולא הניחוהו אחיו הכהנים ללבשה מפני שנראה כערום ומי מתחזי והא אמר מר חוטן כפול ששה אמר אביי כחמרא במזגא:

דלצבור היא: משני רבוא. מנה: שאמר מר חוטן. של בגדי כהונה: כפול ששה: לקמן בפרק בא לו: כחמרא במזגא. כיין הנראה מחוץ לכלי זכוכית ואע"פ שבכלי זכוכית עבה כך היה הכתונת דק ונראה בשרו מתוכה:

לעני אומרים לו וכו'. כלומר אם באו ב"ד של מעלה לחייב עניים ע"י הלל ועשירים ע"י רבי אלעזר בן חרסום ורשעים טרודין ביצרן ע"י יוסף הצדיק יש פתחון פה לבעל דין לחייבם: טרפעיק. סלע מדינה שהוא חצי דינר כך מפורש

ח ת"ר עני ועשיר ורשע באו לדין לעני אומרים לו מפני מה לא עסקת בתורה אם יאמר עני היה וטרוד במזונותיו היה אומרים לו כלום אתה עני יותר מהלל אמרו עליו על הלל הזקן שבכל יום ויום היה עושה ומשתכר בטרפעיק חציו נתן לשומר בית המדרש וחציו לפרנסתו ופרנסת אנשי ביתו פעם אחת לא מצא להשתכר ולא הניחו שומר בית המדרש ליכנס עלה ונתלה וישב על פי ארובה כדי שישמע דברי אלהים חיים מפי שמעיה ואבטליון אמרו אותו היום ע"ש היה ותקופת טבת היה וירד עליו שלג מן השמים וכסהו כיון שעלה עמוד השחר אמר ליה שמעיה לאבטליון אבטליון אחי בכל יום הבית מאיר והיום אפל שמא

יום

---

דעם כהן גדול רבי ישמעאל בן פאבי אז די מוטער האט איהם גימאכט א העמדיל פון הונדערט מאהל הונדערט גילדין. אונ ער האט גישיינקט די העמדיל צו אלע יודין. אונ ער האט איך אן גיטאהן. אונ ער האט ארויס גינומען פון קדשי קדשים די לעפיל מיט די פייאר פאן. מען האט גזאגט אויף דעם כהן גדול רבי אלעזר בן חרסום אז די מוטער האט איהם גימאכט א העמדיל פון צוויי רבוא ופון צוויי מאהל צעהן טויזענד גילדין. האבין די כהנים איהם ניט גילאזט אן טאהן. ווייל ער האט אויס גיזעהן ווי נאקעט. פרעגט די גמרא ווי אזוי האט ער אויס גיזעהן ווי נאקעט דער תנא האט דאך גזאגט אז פון זעקס פעדים האט מען גיפלאכטען אונ גימאכט איין פאדים. אונ פון אזעלכע פעדים איז גיוועבט גיווארין דיא העמדיל. איז דאך די העמדיל גיוועזען גראב. האט אביי גזאגט אזוי ווי מען גיסט אריין ווין אין א גראבע גלאז. זעהט מען דאך די ווין דורך די גלאז אויס וויינינג. אזוי איז גיוועזען די ליינוואנד פון די העמדיל. אזוי ווי גלאז. אונ מען האט דורך גיזעהן דם גאנצע לייב:

ח תנו רבנן: די רבנן האבען גילערונט אז אן ארעם מאן אונ א רייכער אונ א רשע קומען אויף דעם הימעל פאר בית דין צום משפט. צום ארעם מאן זאגט מען פאר וואס האסטו ניט גילערנט תורה. אויב ער זאגט איך בין גיוועזען ארעם. אונ האב שווער גיארבעט אויף מיין עסין. זאגט מען צו איהם ביסטו דען גיוועזען אן ערגערער ארעם מאן ווי הלל. מען האט גזאגט אויף הלל הזקן ער האט אלע טאג גיארבעט אונ האט פאר דינט א האלבין גילדין. א העלפט פון דעם האלבען גילדען האט ער גיגעבען צו דעם וואס היט דעם בית המדרש ער זאל איהם אריין לאזען אין בית המדרש לערנען. אונ פון די אנדערע העלפט האלבען גילדען האט ער גיגעסען אונ זיין ווייב אונ אלע קינדער: אמאהל האט הלל ניט גיהאט וואו צו פאר דינען. האט ער ניט גיהאט צו געבין דעם וואס היט דעם בית המדרש. אונ דער וואס היט דעם בית המדרש האט איהם ניט גיוואלט אריין לאזען אין בית המדרש. איז הלל ארויף גיגאנגען אויף דעם דאך פון בית המדרש אונ האט זיך גיזעצט ביי דעם פענסטער וואס איז גיוועזען פון דאך אין בית המדרש אריין. ער זאל הערין די געטליכע רייד (די תורה) וואס שמעיה מיט אבטליון וועלען לערנען. מען האט גזאגט דער טאג איז גיוועזען ערב שבת. אונ דעם טאג איז גיוועזען דיא תקופה פון טבת. אונ שניי פון הימעל איז גיפאלען אויף הלל ביז עס האט איהם אין גאנצען בדעקט. ווי דער מארגין שטערין איז אויף גיגאנגען האט שמעיה גזאגט צו אבטליון מיין ברודער. אלע טאג איז די שטוב ליכטיג אונ היינט איז פינסטער. טאמער איז א וואלקענדיגער טאג. האבען

ווי

כפשוטו: פלקוהו. פירקו מעליו השלג מעליו: לעבירה. עבודת בר העיר ועבודת עלמו היתה והם אינם מכירים [כן] כתבוריס שהוא מיושבי עיירות שלו בעבודת אדוני כה״ן מוטלת עליו: והבדלתו. מפתה אותו כי יפתה אינו מתרגמין אותי ישגל: שלבשה לו. שלבשה בשבילו:

יום מעונן הוא הציצו עיניהם וראו דמות אדם בארובה עלו ומצאו עליו רום ג׳ אמות שלג פרקוהו והרחיצוהו וסכוהו והושיבוהו כנגד המדורה אמרו ראוי זה לחלל עליו את השבת. לעשיר אומרים לו מפני מה לא עסקת בתורה אם אמר עשיר היה וטרוד בממון היה אומרים לו כלום היה עשיר יותר מר״א בן חרסום אמרו עליו על ר״א בן חרסום שהניח לו אביו אלף עיירות ביבשה וכנגדן אלף ספינות בים בכל יום ויום היה נוטל משאוי ומהלך מעיר לעיר וממדינה למדינה ללמוד תורה פעם אחת מצאוהו עבדיו ועשו בו אנגריא אמר להם בבקשה מכם הניחוני שאלך ואלמוד תורה. אמרו לו חיי רבי אלעזר בן חרסום שאין אנו מניחים לך (הלך ונתן להם ממון הרבה כדי שיניחו אותו) ומימיו לא ראה אותם אלא יושב ועוסק בתורה כל היום וכל הלילה. רשע אומרים לו מפני מה לא עסקת בתורה אם אמר נאה היה וטרוד ביצרו היה אומרים לו כלום [נאה] היה (טרוד ביצרו) יותר מיוסף הצדיק אמרו עליו על יוסף הצדיק בכל יום היתה אשת פוטיפר משדלתו בדברים בגדים שלבשה לו שחרית לא לבשה ערבית שחרית אמרה לו חשמע לי אמר לה לא אמרה לו הריני חובשך בבית האסורין אמר לה (תהלים קמו) ה׳ מתיר אסורים אמרה לו הריני כופף קומתך ה׳ זוקף כפופים הריני מסמא עיניך ה׳ פוקח עורים.
נתנה

---

זיי גיקוקט אויף דעם פענסטער האבען זיי גיזעהן אגישטאלט פון אמענטש אין פענסטער. זענען זיי ארויף גיגאנגען אויף דעם דאך אונ האבען גיפונען אויף הקל שניי דריי איילען הויך: האבען זיי אראפ גינומען פון הקל די שניי אונ האבען איהם גיבראכט אין בית המדרש אונ האבען איהם ארום גיוואשען אונ געשמירט מיט אייל. אונ האבען איהם גיזעצט נעבין פייער. מען הט גזאגט מען האט גימעגט מחלל שבת זיין צו באטמען הקל. צו ארייכען זאגט מען פאר וואס האסטו ניט גילערונט. אויב ער זאגט וויל ער איז רייך גיוועזן איז ער גיוועזן בשעפטיגט האט ער ניט צייט גיהאט צו לערנען. זאגט מען צו איהם ביסטו דען גיוועזן רייכער ווי רבי אלעזר בן חרסום. מען הט גזאגט אויף רבי אלעזר בן חרסום דער פאטער האט איהם גילאזען טויזענד שטעט אויף דער ערד. אונ טויזענד שיפען אויף דעם ים. אלע טאג האט רבי אלעזר אויף זיך גיטראגין ברויט אונ אנדערע עסינווארג אונ איז גיגאנגען פון שטאט צו שטאט אונ פון מדינה צו מדינה ער זאל לערנען תורה. אמאהל האבין איהם גיטראפין זיינע קנעכט. אונ זיי האבין איהם ניט גיקענט. האבין זיי איהם גינומען צו זיין איינענע ארבעט. הט ער צו זיי גזאגט איך בעט אייך לאזט מיך גיין לערנען תורה. האבין זיי גזאגט צו איהם מיר שווערין ביי דעם לעבין פון רבי אלעזר בן חרסום אז מיר וועלין דיך ניט אוועק לאזין. הט ער זיי גיגעבין פיל געלט אונ זיי האבין איהם אוועק גילאזין. אונ ער הט זיי שוין קיין מאהל ניט מער גיזעהן נאר ער הט גילערנט תורה טאג אונ נאכט. צום רשע זאגט מען פאר וואס האסטו ניט גילערנט תורה. אויב ער זאגט וויל ער איז גיוועזן שיין הט איהם דער יצר הרע אן גירעט צו טאהן עבירות. זאגט מען צו איהם ביסטו דען גיוועזן שענער ווי יוסף הצדיק. מען הט גזאגט אויף יוסף הצדיק אלע טאג פלעגט פוטיפרס ווייב צו איהם רעדין מיט גוטע רייד. די קליידער וואס זי האט אן גיטאהן פון זייגער וועגין אין דער פריה. הט זי זיי ניט אן גיטאהן פארין נאכט. אונ די קליידער וואס זי האט אן גיטאהן פארין נאכט הט זי ניט אן גיטאהן אין דער פריה. זי הט גזאגט צו איהם הער מיך צו. האט ער גזאגט צו איר. ניין. הט זי גזאגט צו איהם איך וועל דיך בינדען אין תפיסה. האט יוסף גזאגט גאט בינדט אויף די געבונדענע. הט זי גזאגט צו איהם איך וועל איינבייגין דיין הייך. הט ער גזאגט גאט שטעלט אויף די איינגיבויגינע. הט זי גזאגט צו איהם איך וועל בלינד
מאכע

נתנה לו אלף ככר כסף ולא בא אליה לשכב אצלה היינו דכתיב (בראשית לט) ולא שמע אליה לשכב אצלה להיות עמה לשכב אצלה בעולם הזה להיות עמה בעוה"ב. נמצא הלל מחייב את העניים. רבי אלעזר בן חרסום מחייב את העשירים. יוסף הצדיק מחייב את הרשעים:

וכן בשעיר המשתלח. הוא אומר עונות ואח"כ פשעים ואח"כ חטאים: המרדים. כשהם להכעיס: מלך מואב פשע בי. מרד בי: אז תפשע לבנה. מרדה יושבי לבנה על מלך יהודה: חוזר ומתודה וכו'. כתמיה אם על הזדון יתודה

**מ ת"ר** כיצד מתודה אומר עויתי פשעתי חטאתי וכן בשעיר המשתלח הוא אומר (ויקרא יז) והתודה עליו את כל עונות בני ישראל ואת כל פשעיהם לכל חטאתם וכן במשה הוא אומר (שמות לד) נושא עון ופשע וחטאה ונקה דברי ר"מ וחכמים אומרים עונות אלו זדונות וכן הוא אומר (במדבר טו) הכרת תכרת הנפש ההיא עונה בה פשעים אלו המרדים וכן הוא אומר (מ"ב ג) מלך מואב פשע בי ואומר (שם ח) אז תפשע לבנה בעת ההיא חטאות אלו שגגות וכן הוא אומר (ויקרא ד) נפש כי תחטא בשגגה. ומאחר שהתודה על הזדונות ועל המרדים חוזר ומתודה על השגגות אלא אומר חטאתי עויתי פשעתי וכן בדוד הוא אומר (תהלים קו) חטאנו עם אבותינו העוינו הרשענו וכן בשלמה הוא אומר (מ"א ח וד"ה ב ו) חטאנו והעוינו רשענו וכן בדניאל הוא אומר (דניאל ט) חטאנו ועוינו והרשענו ומרדנו אלא מהו שאמר משה (שמות לד) נושא עון ופשע וחטאה ונקה אמר משה לפני המקום רבונו של עולם בשעה שחוטאין ישראל ועושין תשובה עשה להם זדונות

---

מאכן דיינע אויגן. האט ער גזאגט נאט עפנט די אויגן פון די בלינדע. האט זי אים געגעבן טויזענד צענטנער זילבער. און ער האט ניט געוואלט מזנה זיין מיט איר. אזוי ווי דער פסוק זאגט יוסף האט ניט צו געהערט צו איר צו ליגען ביי איר און צו זיין ביי איר. ער האט ניט געוואלט ליגען ביי איר אויף די וועלט. און ער האט ניט געוואלט זיין מיט איר אויף יענע וועלט. ווען סיר אז הלל בשולדיגט די אָרעמע לייט. רבי אלעזר בן חרסום בשולדיגט די רייכע. יוסף בשולדיגט די רשעים:

**מ** תנו רבנן. די רבנן האבן גירעדט ווי אזוי האט זיך דער כהן גדול מתודה געווען. ער האט געזאגט עויתי פשעתי חטאתי און ביי דעם שעיר המשתלח שטייט אויך אזוי. דער כהן גדול האט זיך מתודה געווען די עונות און די פשעים און די חטאות. משה רבינו האט אויך אזוי געזאגט נאט טראגט די עונות און די פשעים און די חטאות. אזוי זאגט רבי מאיר. די חכמים זאגן עונות מיינט מען אז מען ווייס דאס איז עבירה און מען טוהט די עבירה ווייל ער גלוסט צו איר. אבער ער מיינט ניט צו דער צערענען גאט. און אזוי שטייט אין פסוק דער נפש וועט פאר שניטען ווערן דיא עבירה איז אויף איר. פשעים מיינט מען אז ער טוהט א עבירה צו דער צערענען גאט. און אזוי שטייט אין פסוק מלך מואב פשע בי. דער מלך פון מואב האט מורד געווען אן מיר. נאך זאגט דער פסוק דיא איינוואוהנער פון לבנה האבן מורד געווען אן דעם מלך פון יהודה אין די צייט. חטאות מיינט מען אז ער טוהט א עבירה אומגעדין. ער האט ניט געוואוסט אז דאס איז א עבירה. און אזוי שטייט אין פסוק אז א נפש וועט זינדיגען אומגעדין. איז דאך די קשיא ווי אזוי קען ער זאגן עויתי פשעתי חטאתי. אז מען האט איהם מוחל זיין די עונות און די פשעים וועט מען דאך איהם די חטאות געוויס מוחל זיין. צו וואס דארף ער זאגן חטאות נאך פשעים. נאר אזוי זאל ער זאגן חטאתי עויתי פשעתי. דוד המלך האט אויך אזוי געזאגט חטאנו עם אבותינו העוינו הרשענו. שלמה המלך האט אויך אזוי געזאגט חטאנו והעוינו רשענו. דניאל האט אויך אזוי געזאגט חטאנו ועוינו והרשענו ומרדנו. נאר פאר וואס האט משה געזאגט נושא עון ופשע וחטאה. אזוי האט משה געזאגט פאר גאט רבונו של עולם ווען די יודין וועלין זינדיגען און וועלין תשובה טאהן זאלסטו

אין צריך לבקש טוב על השוגג: עבה להם זדונות כשגגות. וכ"ק נושא עון ופשע כחטאה של שוגג: דקא מסייע ליה קרא. דודוי יוה"כ גופיה: ומנין שבאנא. יבא וודוי זה: נאמר כפרה בחורב. במעשה עגל אולי אכפרה וגו': ומנין בשם: אנא ה': בעגלה ערופה: כפר לעמך ישראל אשר פדית ה':

נברשת. מנורה ודומה לו כבספר דניאל לקבל נברשתא במעשה בלשאצר: כפרשת סוטה היתה כתובה עליה. ולא היה צריך להביא תורה לכתוב ממנו מגלת סוטה במקדש: ניקנור נעשו נסים לדלתותיו.

זדונות כשגגות. אמר רבה בר שמואל אמר רב הלכה כדברי חכמים פשיטא יחיד ורבים הלכה כרבים מהו דתימא מסתבר טעמא דר"מ דקמסייע ליה ק"א דמשה קמ"ל ומנין שבאנא נאמר כאן כפרה ונאמר להלן בחורב כפרה מה להלן באנא אף כאן באנא ומנין שבשם נאמר כאן כפרה ונאמר בעגלה ערופה כפרה מה להלן בשם אף כאן בשם:

י **תניא** רבי אומר (דברים לב) כי שם ה' אקרא הבו גודל לאלהינו אמר להם משה לישראל בשעה שאני מזכיר שמו של הקב"ה אתם הבו גודל לאלהינו. חנניה בן אחי רבי יהושע אומר (משלי י) זכר צדיק לברכה אמר להם משה לישראל בשעה שאני מזכיר זכר צדיק עולמים אתם תנו ברכה:

יא **משנה** מונבז המלך עשה כל ידות הכלים של יוה"כ של זהב הילני אמו עשתה נברשת של זהב על פתחו של היכל אף היא עשתה טבלא של זהב שפרשת סוטה כתובה עליה. ניקנור נעשו נסים לדלתותיו ומזכירין אותן לשבח:

---

זיי רעכענען די עונות מיט די פשעים גלייך ווי דאס וואלט געווען חטאות און זאלסט זיי מוחל זיין. רבה בר שמואל האט געזאגט פון רבס וועגן דער דין איז ווי דיא חכמים. מען זאל זאגן חטאים עונות ופשעים. פרעגט די גמרא געוויס איז דער דין ווי די חכמים. אז איינער קריגט מיט פיל. איז דאך דער דין ווי די פיל זאגן. אז רבי מאיר קריגט מיט פיל חכמים. איז דאך דער דין ווי די פיל חכמים. ענטפערט די גמרא איך וואלט מיינען אז דא איז דער דין ווי רבי מאיר. מען זאל זאגן עויתי פשעתי חטאתי. ווייל דער פסוק פון משה רבינו איז אראיה צו איהם. משה רבינו האט אויך געזאגט עון פשע וחטאה. דריבער זאגט רבה בר שמואל אז דא איז אויך דער דין ווי די חכמים. פון וואנען ווייסן מיר אז דער כהן גדול דארף זאגן דעם ווארט אנא. דא ביי יום כפור שטייט דער ווארט כפרה. און דארט ביי דעם בארג סיני ווען די יודין האבן געמאכט דעם עגל שטייט אויך דער ווארט כפרה [אולי אכפרה]. אזוי ווי ביי דעם בארג סיני האט משה רבינו געזאגט דעם ווארט אנא [אנא חטא העם הזה]. אזוי דא יום כפור דארף אויך דער כהן גדול זאגן דעם ווארט אנא [אנא השם]. און פון וואנען ווייסן מיר אז דער כהן גדול דארף זאגן דעם ווארט השם. דא ביי יום כפור שטייט דער ווארט כפרה. און ביי די עגלה ערופה [אין די סדרה שופטים] שטייט אויך דער ווארט כפרה. אזוי ווי ביי דיא עגלה ערופה ווערט דער מאגט דער נאמען פון גאט [אשר פדית ה'] אזוי דא יום כפור דארף ער אויך דער מאנען דעם נאמען פון גאט [אנא השם]:

• תניא. מיר האבן געלערנט רבי זאגט אין פסוק שטייט כי שם יי' אקרא הבו גודל לאלהינו. משה רבינו האט געזאגט צו די יודין ווען איך וועל דער מאנען דעם נאמען פון גאט. זאלט איר געבין גרויסקייט צו גאט. חנניה בן אחי רבי יהושע זאגט אין פסוק שטייט זכר צדיק לברכה. משה רבינו האט געזאגט צו די יודין ווען איך וועל דער מאנען דעם צדיק פון אלע וועלטין [דס איז גאט]. זאלט איר געבין צו איהם אלויב:

יא משנה. מונבז המלך האט געמאכט די הענטלאך פון אלע כלים וואס מען ניצט יום כפור אין בית המקדש פון גאלד. זיין מוטער הילני האט געמאכט אגאלדענע מנורה און האט איר געשטעלט ביי די טיר פון היכל. און זיא האט געמאכט אגאלדענע ברעט און אויף דיא ברעט איז געווען געשריבען די פרשה פון אסוטה. נקנור האט געבראכט קופערנע טירען צום בית המקדש און מיט זיינע טירען איז געמאכט געווארין נסים. און די מענטשין האט מען דער מאנט צו גוטען:

**יב אמר** רב ירודה המהלך לימין רבו הרי זה בור תנן הסגן בימינו וראש בית אב בשמאלו ועוד תניא שלשה שהיו כהלכין בדרך הרב באמצע גדול מימינו וקטן כשמאלו וכן מצינו בג' מלאכי השרת שבאו אצל אברהם מיכאל באמצע גבריאל בימינו רפאל בשמאלו תרגמה רב שמואל בר פפא קמיה דרב אדא כדי שיתכסה בו רבו והתניא המהלך כנגד רבו הרי זה בור אחורי רבו הרי זה מגסי הרוח דמצדד אצדודי:

**יג תנא** בשעה שהחמה זורחת ניצוצות יוצאות מכנה ויודעים שהגיע זמן קריאת שמע מיתבי הקורא ק"ש שחרית עם אנשי משמר ואנשי מעמד לא יצא שאנשי משמר משכימין ואנשי מעמד מאחרין אמר אביי לשאר עמא דבירושלים:

תנו

שם האיש ניקנור וגם שלו מפרש בגמ' : הרי זה בור . אפילו בדרך ארץ אינו בקי : שלשה שהיו מהלכין בדרך . לא ילכו זה אחר זה אלא בשורה אחת : וכן מצינו במלאכי השרת . מדקתני ג' נגביה עליו מהלך שבשורה אחת הוו קיימי זה אצל זה דאי זה אחר זה קיימי אין זה נגביה עליו אלא לראשון : כדי שיתכסה בו רבו . לא דקתני מימינו לא שילך אצלו אלא מאחוריו ומיהו גדול לימין וקטן לצד שמאל אלא גדול ובמיהם לאחורי הרב ממש : ה"ג והתניא המהלך כנגד רבו הרי זה בור אחורי רבו ה"ז מגסי הרוח : דמצדד אצדודי . לא אצל ממש ולא אחורי ממש אלא שיכסה בו רבו מקצת צד רבו :

ניצוצות. זהרורית שהחמה זורחת מן המזרח ומכה על פתח היכל שהוא לצד מערבי : משהגיע זמן ק"ש . כדתניא מלינה עם הנץ החמה : שאנשי משמר . הכהנים שהעבודה מוטלת עליהם : מקדימים . לקרותה קודם היום שמא תמשך עליהם העבודה וימנעו לקרות : ואנשי מעמד . ישראל שהעבודה מוטלת עליהם בשליחות לעמוד על הקרבן שנא' תשמרו להקריב לי במועדו וגו' מלמד שיהו משמרים ועומדים על קרבנותיהם והכי דריש לה בספרי ובמסכת תענית : מאחרים . לקרות עד כלות עבודת התמיד : לשאר העם . הבאים בעזרה הוא סי' להודיע זמן ק"ש :

לנביא

---

**יב** אמר · רב יהודה האט גזאגט דער וואס גייט ביי די רעכטע זייט פון זיין רבי איז ער אבור וואס ווייס ניט קיין תורה אונ ניט קיין דרך ארץ · פרעגט די גמרא מיר האבען דאך גילערנט אז דער סגן איז גיגאנגען ביי די רעכטע זייט פון כהן גדול אונ דער גרעסטער פון דעם משמר איז גיגאנגען ביי די לינקע זייט פון כהן גדול · אונ נאך האבען מיר גילערנט אז דריי מענטשין גייען אין וועג ואדער אין גאס זאל דער רבי גיין אין מיטען · אונ דער גרעסערער ביי די רעכטע זייט · אונ דער קלענערער ביי די לינקע זייט · אונ אזוי געפינען מיר ביי די דריי מלאכים וואס זענען גיקומען צו אברהם אבינו · מיכאל איז גיוועזן אין מיטען · גבריאל איז גיוועזן ביי זיין רעכטע זייט ; רפאל איז גיוועזן ביי זיין לינקע זייט · וועהן מיר דאך אז מען מעג גיין ביי די רעכטע זייט פון זיין רבי · האט רב שמואל בר פפא גזאגט פאר רב אדא ביי דער זייט פון רבי טאר מען טאקי ניט גיין · נאר די צוויי תלמידים גייען אינטער דעם רבי איינער נעבען אנדערין אונ זיי פארדעקין די פלייצע פון רבי · דער גרעסערער ביי די רעכטע זייט דער קלענערער ביי די לינקע זייט · פרעגט די גמרא מיר האבין דאך גילערנט דער וואס גייט גענין זיין רבי איז ער אבור · אונ דער וואס גייט אינטער זיין רבי דער הייסט אבעל גאוה · ענפערט דיא גמרא וויא דארפין אזוי גיין · ניט גאנץ פון אינטען · אונ ניט גאנץ ביי דער זייט · נאר דער גרעסערער זאל גיין ביי דעם רעכטין אקסיל · אונ דער קלענערער זאל גיין ביי דעם לינקען אקסיל וואס איז אפ גירוקט פון דער זייט צום אינטען אונ ניט גאנץ פון אינטען :

**יג** תנא · מיר האבין גילערנט ווען דיא זוהן האט גישיינט זענען אר זיס גיגאנגען שטראלין פון די זוהן אויף דיא טיר פון היכל · האט מען גיוואוסט אז עס איז שוין צייט צוא לייענען קריאת שמע · פרעגט די גמרא מיר האבען דאך גילערנט דער וואס לייענט קריאת שמע אין דער פריה צו זאמען מיט די כהנים וואס דארפין טאהן דעם טאג די עבודה · אדער ער לייענט צו זאמען מיט די ישראלים וואס דארפין שטיין ביי דעם קרבן תמיד ווען מען איז אים מקריב · איז ער ניט יוצא ווארום די כהנים וואס דארפין טאהן דעם טאג די עבודה לייענען קריאת שמע פאר טאג · אונ דיא ישראלים וואס שטייען ביי דעם תמיד ווען מען איז איהם מקרב · לייענען קריאת שמע גאנץ שפעט · פון וועמעס וועגין איז גיוועזן דער צייכין פון די זוהן וואס האט גישיינט אויף דיא טיר פון היכל · האט אביי גזאגט דער צייכען איז גיוועזן פ

דיא

**יד ת"ר** מה נסים נעשו לדלתותיו אמרו כשהלך נקנור להביא דלתות מאלכסנדריא של מצרים בחזרתו עמד עליו נחשול שבים לטבעו ונטלו אחת מהן והטילוה לים ועדיין לא נח הים מזעפו בקשו לדטיל את חברתה עמד הוא וכרכה אמר להם הטילוני עמה מיד נח הים מזעפו היה מצטער על חברתה כיון שהגיע לנמלה של עכו היתה מבצבצת ויוצאת מתחת דופני הספינה. וי"א בריה שבים בלעתה והקיאתה ליבשה ועליה אמר שלמה (ש"ה א) קורות בתינו ארזים רהיטנו ברותים אל תקרי ברותים אלא ברית ים לפיכך כל שערים שבמקדש נשתנו להיות של זהב חוץ משערי נקנור מפני שנעשו בהם נסים וי"א מפני שנחושתן מוצהבת היתה רבי אליעזר בן יעקב אומר נחושת קלוניתא היתה והיתה מאירה כשל זהב:

**טו משנה** ואלו לגנאי בית גרמו לא רצו ללמד על מעשה לחם הפנים בית אבטינס לא רצו ללמד על מעשה הקטרת הוגרס בן לוי היה יודע פרק בשיר ולא רצה ללמד בן קמצר לא רצה ללמד על מעשה הכתב על הראשונים נאמר (משלי י) זכר צדיק לברכה ועל אלו נאמר ושם רשעים ירקב.

להביא דלתות. לשער מזרחי של עזרה ושל נחושת היו: נחשול שבים. סער: והטילוה לים. לנקל הספינה: לנמלה. פורט"ו מקום שהספינות מתעכבות שם ליכנס: רהיטנו. לשון דלת שהולך ופותח רץ ונועל: אלא ברותים. כאלו כרתו בריה זו עם זו. וי"א בריה ים: נשתנו. כשהעשירו: קלוניתא. מזהרה וכן שם מין נחושת [וזהו נחושה] קלל:

בן לוי. כלומר מן הלוים: פרק הכרעה קול נעימה: על מעשה הכתב. קושר ארבע קולמסים בארבע אצבעותיו וכותב שם בן ד'

תנו

---

די מענטשן פון ירושלים וואס זענען געקומען אין די עזרה זיי זאלן וויסען ווען צו לייענען קריאת שמע:

**יד** תנו רבנן: די רבנן האבען געלערנט וועלכע נסים זענען געשאהן געווארן צו די טירען פון נקנור. מען האט געזאגט ווען נקנור איז געגאנגען ברייגנען די טירען פון אלכסנדריא וואס אין מצרים. ווען ער איז מיט די טירען צוריק געפארען אין אשיף אויף דעם ים. איז געווארן אשטורעם ווינד אויף דעם ים און האט געוואלט דער טרייגקען דיא שיף. האט מען גענומען איין טיר און מען האט איר אריין געווארפען אין ים. דיא שיף זאל גרינגער ווערין. און דער ים איז נאך ניט שטיל געווארין פון דעם שטורעם. האט מען געוואלט אריין ווארפען דיא אנדערע טיר אויך אין ים, האט נקנור ארום גענומען די טיר און האט געזאגט ווארפט אריין מיך מיט די טיר אין ים. איז באלד שטיל געווארין דער ווינט פון ים. האט נקנור צער געהאט אויף די אנדערע טיר וואס איז דער טרונקען געווארין. ווי די שיף איז געקומען צום פארט פון עכו. אונ זי האט זיך דארט געשטעלט. איז די טיר ארויס געגאנגען פון אונטער די שיף. אנדערע זאגען אבעשעפעניש פון ים האט איין געשלונגען די טיר און האט איר אויס געשפיגען אויף די טריקעניש. אויף די טירען פון נקנור האט שלמה המלך געזאגט קורות בתינו ארזים. די בעלקעס פון אונזער שטוב (פון בית המקדש) זענען פון טענען בוימער. רהיטנו ברותים. די טירען וואלטין כביכול ברית געווען זאלסט ניט לייענען ברותים. נאר ברית ים. גלייך ווי די טירען וואלטין מיט דעם ים א זיי זאלין ניט דער טרונקען ווערין אין איהם. אדער דאס מאכט ברית ים. די בשעפעניש פון ים האט איין געשלונגען די טירען און האט זיי צוריק אפ געגעבין אויף די טריקעניש. דריבער ווען דיא יודען זענען רייך געווארין און האבען געמאכט אלע טויערין פון גאלד: אבער דיא טויערין פון נקנור זענען געבליבען די זעלבינע. ווייל מיט זייא איז געשאהן נסים: אנדערע זאגען ווייל דיא קופער פון נקנורס טויערין האבען געגלאנצט אזוי וויא גאלד דריבער זענען זייא געבליבען פון קופער. רבי אליעזר בן יעקב זאגט דיא טויערין פון נקנור זענען געווען פון קופער וואס הייסט קלוניתא. און דאס האט געלויכטען אזוי וויא גאלד:

גמ' תנו רבנן בית גרמו היו בקיאין במעשה לחם הפנים ולא רצו ללמד שלחו חכמים והביאו אומנין מאלכסנדריא של מצרים והיו יודעין לאפות כמותן ולא היו יודעין לרדות כמותן שהללו מסיקין מבחוץ ואופין מבחוץ והללו מסיקין מבפנים ואופין מבפנים הללו פתן מתעפשת והללו אין פתן מתעפשת כששמעו חכמים בדבר אמרו כל מה שברא הקב"ה בעולמו לכבודו בראו שנאמר (ישעיה מג) כל הנקרא בשמי ולכבודי וגו' וחזרו בית גרמו למקומן שלחו להם חכמים ולא באו כפלו להם שכרם ובאו. בכל יום היו נוטלין י"ב מנה והיום כ"ד (דברי ר"מ). רבי יהודה אומר בכל יום כ"ד והיום מ"ח. אמרו להם חכמים מה ראיתם שלא ללמד אמרו להם יודעים היו בית אבא שבית המקדש עתיד ליחרב ושמא ילמד אדם שאינו הגון וילך ויעבוד ע"א בכך ועל דבר זה מזכירין אותם לשבח שמעולם לא נמצאת פת נקיה ביד בניהם שלא יאמרו מלחם הפנים הם נהגים לקיים מה שנאמר (במדבר ל"ב) והייתם נקיים מה' ומישראל:

ת"ר

אותיות כאחד: לרדות. מן התנור: שהללו. שבאו מן אלכסנדריאה לא היו יודעים לרדות מן התנור: לפי שהי' עשוי כמין תיבה פרוצה או כמין ספינה (רוקדת) והיו יראים לדבק מבפנים לתנור ואופין אותו מבחוץ: כפלו להם שכרן. מתרומת הלשכה ופל

---

גמרא. תנו רבנן. די רבנן האבין געלערנט בית גרמו האבין געוואסט ווי צו מאכין דעם לחם הפנים אונ האבין קיינעם ניט געוואלט לערנען. האבין די חכמים געשיקט אונ האבין געבראכט בעלי מלאכות (בעקערס) פון אלכסנדריא וואס אין מצרים. אונ די בעלי מלאכות האבין געוואסט צו באקין דעם לחם הפנים אזוי וויא בית גרמו. זייא האבין אבער ניט געקענט ארויס נעמען דעם לחם הפנים גאנץ פון הויבין אזו וויא די בית גרמו האבין ארויס גינומען. די בעלי מלאכות פון אלכסנדריה אז זיי האבען ארויס גינומען דעם לחם הפנים פון הויבין איז ער צובראכין געווארען. די בעלי מלאכות פון אלכסנדריה פלעגין הייצען דעם הויבין אויסוועניג. אונ האבין גיבאקט דעם לחם הפנים אויך אויסוועניג. אונ בית גרמו פלעגין הייצען דעם הויבין איננוועניג אונ פלעגין באקען אויך אינוועניג. דער לחם הפנים פון די בעלי מלאכות פון אלכסנדריה פלעגט פאר שימלט ווערין: אונ דער לחם הפנים פון בית גרמו פלעגט ניט פאר שימלט ווערין. אז די חכמים האבין דאס גיהערט האבין זיי גיזאגט אלץ וואס גאט האט בשאפין אויף דער וועלט. האט ער בשאפין פון זיין כבוד וועגין. אזו ווי עס שטייט אין פסוק אלץ וואס ווערט גירופען אויף מיין נאמען האב איך בשאפען פון מיין כבוד וועגין. אונ זייא האבין צוריק גינומען די בית גרמו אויף זייער ארט: זיי זאלין ווייטער מאכען דעם לחם הפנים. האבין די חכמים געשיקט צו בית גרמו זיי זאלען קומען מאכין דעם לחם הפנים. האבין זיי ניט גיוואלט קומען. האבין די חכמים צו גיזאגט צו געבין צוויי מאהל אזוי פיל שכירות וויא זיי האבען גינומען. זענען זייא גיקומען. ביז היינט האבין זיי גינומען צוועלף הונדערט גילדין. אונ פון היינט אן אונ ווייטער האבין זייא גינומען פיר אונ צוואנציג הונדערט גילדין. אזוי זאגט רבי מאיר. רבי יהודה זאגט ביז היינט האבין זיי גינומען פיר אונ צוואנציג הונדערט גילדין. אונ פון היינט אן אונ ווייטער האבין זייא גינומען אכט אונ פערציג הונדערט גילדין. די חכמים האבין גיזאגט צו בית גרמו פאר וואס ווילט* איר ניט לערנען קיינעם ווי אזוי מען מאכט דעם לחם הפנים: האבין בית גרמו גיזאגט צו די חכמים אונזערע עלטערין האבין געוואסט אז דער בית המקדש וועט חרוב ווערין. טאמער וועט זיך אויס לערנען מכין דעם לחם הפנים אמענטש וואס איז ניט פרום. וועט ער נאך מאכין אלחם הפנים פר די עבודה זרה. אונ אויף די זאך האט מען דער מאנט בית גרמו צו גוטען מען האט קיין מאהל ניט גיפונען זייערע קינדער זאלין האלטען אשטיקעל קלארע ברויט. מען זאל ניט זאגין אז דאס איז פון לחם הפנים. צו מקיים זיין וואס עס שטייט אין פסוק איר זאלט זיין ריין פון גאט אונ פון די יודין.

דבר זה מזכירין אותן לשבח שמעולם וכו' :
(פ"ג) לפטם . לכתוש את הסמנין ולערבן יפה כמו ובגא'ו ממולח : להעלות עשן . כלה היו מכירין כעשב שהוא מעלה עשן זקוף ומתמר

**טז** ת"ר בית אבטינס היו בקיאין במעשה הקטורת ולא רצו ללמד שלחו חכמים והביאו אומנין מאלכסנדריא של מצרים והיו יודעים לפטם כמותם ולא היו יודעין להעלות עשן כמותן של הללו מתמר ועולה כמקל ושל הללו מפצע לכאן ולכאן . וכששמעו חכמים בדבר אמרו כל מה שברא הקדוש ב"ה למענהו ברא שנאמר (משלי טז) כל פעל ה' למענהו וחזרו בית אבטינס למקומ' שלחו להם חכמים ולא באו כפלו להם שכרם ובאו בכל יום היו נוטלין י"ב מנה והיום כ"ד (דברי רבי מאיר) רבי יהודה אומר בכל יום כ"ד והיום מ"ח אמרו להם חכמים מה ראיתם שלא ללמד אמרו (להם) יודעים היו בית אבא שבית המקדש עתיד ליחרב ושמא ילמוד אדם שאינו הגון וילך ויעבוד ע"א בכך ועל דבר זה מזכירים אותם לשבח שמעולם לא יצאת כלה מבושמת מבתיהן וכשנושאין נשים ממקום אחר כתנין עמה שלא תתבשם שמא יאמרו ממעשה הקטורת הם מתבשמין לקיים מה שנאמר (במדבר לב) והייתם נקיים מה' ומישראל תניא אמר רבי ישמעאל פ"א מצאתי אחד מבני בניהם אמרתי לו אבותיך בקשו להרבות כבודם ולמעט כבוד המקום עכשיו כבוד מקום במקומו

---

**טז** תנו רבנן . די רבנן האבן גילערנט די בית אבטינס האבן געוואוסט ווי אזוי צו מאכן די קטרת . און זיי האבען קיינעם ניט געוואלט לערנען . האבן די חכמים געשיקט און האבן געבראכט בעלי מלאכות פון אלכסנדריה וואס אין מצרים . און די בעלי מלאכות האבן געקענט מאכן די קטרת אזוי וויא בית אבטינס די בעלי מלאכות האבן אבער ניט געקענט ארויף ברייגען דעם רויך פון די קטרת אזוי ווי בית אבטינס . דער רויך וואס איז ארויף געגאנגען פון די קטרת וואס בית אבטינס האבן געמאכט . איז ער געגאנגען ארויף גלייך וויא א שטעקין . און דער רויך וואס איז ארויף געגאנגען פון די קטרת וואס די בעלי מלאכות האבן געמאכט . איז ער געווען פאר שפרייט אין אלע זייטן . אז די חכמים האבן דאס געהערט האבען זייא געזאגט אלץ וואס גאט האט באשאפין האט ער באשאפען פון זיינעטוועגין . אזו וויא עס שטייט אין פסוק אלץ האט גאט געטאהן פון זיינעטוועגין . זענען די בית אבטינס צוריק געקומען אויף זייער ארט . די חכמים האבן געשיקט זיי זאלין קומען . האבן די חכמים צו געזאגט צו געבין צוויי מאהל אזוי פיל שכירות וויא זייא האבן גענומען . זענען זיי געקומען . ביז היינט האבן זייא גענומען צוועלף הונדערט גילדין . און פון היינט אן און ווייטער האבין זיי גענומען פיר און צוואנציג הונדערט גילדין . אזו זאגט רבי מאיר . רבי יהודה זאגט ביז היינט האבין זיי גענומען פיר און צוואנציג הונדערט גילדין , און פון היינט אן און ווייטער האבין זיי גענומען אכט און פערציג הונדערט גילדין . די חכמים האבן געזאגט צו בית אבטאס פאר וואס ווילט איר ניט לערנען קיינעם ווי אזוי מען מאכט די קטרת . האבין בית אבטינס געזאגט צו די חכמים : אונזערע עלטערין האבין געוואוסט אז דער בית המקדש וועט חרוב ווערין טאמער וועט זיך אוים לערנען מאכען די קטרת אמענטש וואס איז ניט פרום . וועט ער נאך מאכען אזעלכע קטרת פאר די עבודה זרה . און אויף די זאך האט מען דער מאנט בית אבטינס צו גוטען עס איז קיין מאל ניט ארוים געגאנגען פון זייער שטוב א כלה געצירט מיט בשמים . און אז איינער פון בית אבטינס האט גענומען א ווייב פון איין אנדער פאמיליע . האט מען מיט איר אוים געריט זי זאל זיך ניט צירען מיט בשמים . טאמער וועט מען זאגין אז די בשמים איז פון די קטרת פון בית המקדש . צו מקיים זיין דעם פסוק איר זאלט זיין ריין פון גאט און פון יודין :

תניא . מיר האבין געלערנט רבי ישמעאל האט געזאגט איך האב אמאהל געטראפען איינעם פון זייערע אייניקלאך . האב איך געזאגט צו אים דיינע עלטערין האבין געוואלט פר גרעסערין זייער כבוד און פארקלענערין דעם כבוד פון גאט . איצט איז געווארען . דער

כבוד

במקומו והמקום מיעט כבודם אמר רבי עקיבא (סח לי רבי שמעון בן גולה) [פעם אחת סח לי רבי ישמעאל בן לוגה] פעם אחת יצאתי אני ואחד מבני בניהם לשדה ללקוט עשבים ראיתיו שבכה ושחק אמרתי לו מפני מה בכית אמר לי כבוד אבותי נזכרתי ומפני מה שחקת אמר לי שעתיד הקב"ה להחזירו לנו ומה ראית אמר לי מעלה עשן כנגדי הראהו לי אמר ליה שבועה היא בידינו שאין מראין אותו לכל אדם. אמר רבי יוחנן בן נורי פעם אחד מצאתי זקן אחד ומגילת סממנין בידו אמרתי לו מאין אתה אמר לי מבית אבטינס אני ומה בידך אמר לי מגלת סמנין הראהו לי אמר לי כל זמן שבית אבא היו (צנועין) [קיימין] לא היו מוסרין אותם לכל אדם עכשיו הרי הוא לך הזהר בה וכשבאתי וסחתי דברים לפני רבי עקיבא אמר לי מעתה אסור לספר בגנותן של אלו מכאן אמר בן עזאי בשמך יקראוך ובמקומך יושיבוך (ע"ב) ומשלך יתנו לך ואין אדם נוגע במוכן

במקל: מיעט כבודן. נתורבן ביתו: מעלה עשן: עבד בהוא מעלה עשן דאיהי כנגדי: מגילת סממנין. הכתובין בה שמות כממני הקטורת: מכאן אמר בן עזאי. ממעשה בית גרמו ובית אבטינס שבקשו חכמים לדחותן ממקומן ולא יכלו: בשמך יקראוך. כלומר לא ידאג אדם לומר פלוני יקפח פרנסתי כי על כרחם בשמך יקראוך נבא וליסב במקומך: ומשלך יתנו לך. כלומר לא מסלהב יסם לך מהנה אלא ממזונות הקצובים לך מן השמים:

כבוד פון גאט אזוי וויא ער איז געוועזן. איז ער געבריבען ווייטער. אונ גאט פר קלענערט זייער כבוד. רבי עקיבא האט געזאגט רבי ישמעאל בן לוגה האט מיר אמאהל דער צייהלט. אמאל בין איך געגאנגען מיט איינעם פון זייערע איינעקלאך אין פעלד קלויבען גראז. האב איך געזעהן וויא דער איינעקעל וויינט אונ לאכט. האב איך געזאגט צום איינעקעל פאר וואס האסטו געוויינט. האט דער איינעקעל צו מיר געזאגט איך האב מיך דער מאנט דעם כבוד פון מיינע עלטערין. האב איך געזאגט צו דעם איינעקעל. אונ פאר וואס האסטו געלאכט. האט דער איינעקעל צו מיר געזאגט גאט וועט אונז אמאהל דעם כבוד צוריק געבען. האב איך געפרעגט צו דעם איינעקעל וואס האסטו געזעהן אין פעלד וואס דו האסט דיך דער מאנט אין דיינע עלטערין. האט דער איינעקעל צו מיר געזאגט דער גראז וואס מען פלעגט אים אריין לייגען אין די קטרת ער זאל אויף ברייגען דעם רויך גלייך וויא א שטעקין. שטייט פאר מיר דא אין פעלד. האב איך געזאגט צו דעם איינעקעל ווייז מיר דאס גראז. האט דער איינעקעל געזאגט צו מיר עס איז ביי אונז אשבועה אז דעם גראז זאל מען ניט ווייזן צו קיין מענטש. רבי יוחנן בן נורי האט געזאגט איך האב אמאהל געטראפען איין אלטען מאן אונ ער האט געהאלטען אין האנט אמגילה וואס אויף איר איז געוועזן פאר שריבען אלע נאהמען פון די געווירץ פון די קטרת. האב איך געזאגט צום אלטען פון וואנען ביסטו. האט דער אלטער צו מיר געזאגט איך בין פון בית אבטינס. אונ וואס האסטו אין האנט. האט דער אלטער צו מיר געזאגט איך האלט אמגלה וואס אויף איר איז פאר שריבען אלע נאהמען פון די געווירץ פון די קטרת. האב איך געזאגט צום אלטען ווייז מיר די מגלה. האט דער אלטער צו מיר געזאגט ווען מיינע עלטערין האבין געלעבט האבין זיי די מגלה ניט געוואלט געבין צו קיין מענטש. איצט נא דיר די מגלה. נאר דו זאלסט איר היטען זאגט רבי ישמעאל בן לוגה אז איך בין געקומען פאר רבי עקיבא אונ האב אים דער צייהלט די זאך. האט רבי עקיבא געזאגט פון היינט אן טאר מען שוין ניט שענדען די מענטשין פון בית אבטינס. פון דער זאך וואס דא האט געטראפען מיט בית גרמו אונ בית אבטינס וואס די חכמים האבין געוואלט זיי אוועק שטויסין פון דעם לחם הפנים אונ פון די קטרת. אונ האבען ניט געקענט. זאגט בן עזאי איצט וועהט מען אז איין מענטש ביי דעם אנדערען קען ניט אוועק נעמען פרנסה. אונ אמענטש זאל גאר ניט זארגען פון וואנען וועל איך לעבין. ווארום מיט דיין נאמען וועט מען דיך רופען דו זאלסט ניין נעמען די פרנסה וואס גאט האט דיר צו געזאגט. אונ אויף דיין ארט וואו דו דארפסט זיצען. וועט מען דיך זעצין. אונ אז איינער שיינקט דיר אמתנה זאלסטו וויסען אז דאס איז ניט אמתנה. נאר גאט האט

דורך

במוכן להבירו ואין מלכות נוגעת בחברתה אפילו כמלא נימא. הוגרס בן לוי וכו' הניא כשהיה נותן קול בנעימה מכנים גודלו לתוך פיו ומניח אצבעו בין הנימין עד שהיו אחיו הכהנים נזקרים בבת ראש לאחוריהם:

[ת"ר] בן קמצר לא רצה ללמד על מעשה הכתב אמרו שהיה נוטל ארבע קולמוסין בין (המש) אצבעותיו ואם היתה תיבה של ד' אותיות היה כותבה בבת אחת אמרו לו מה ראית שלא ללמד כולם מצאו תשובה לדבריהם בן קמצר לא מצא תשובה לדבריו על הראשונים אומרים זכר צדיק לברכה ועל בן קמצר וחבריו נאמר ושם רשעים ירקב אמר רבי אלעזר רקביבות תעלה בשמותיהם (מאי היא אמר רבינא) דלא מסקינן בשמייהו:

יז מתיב רבינא מעשה בדואג בן יוסף שהניחו אביו בן קטן לאמו בכל יום מודדת בטפחים ונותנת משקלו זהב לבית המקדש כיון שגבר אויב טבחתו ואכלתו ועליה

ואין מלכות נוגעת בחברתה. משהגיע זמן המלכות ליפול והעמוד אחרת לא יאחר הזמן כמלא נימא אלא מי שזמנה ליפול בלילה נופלת בלילה שנא' ביה בליליא קטיל - בלשאצר מלכא כשדאה ומי שזמנה ביום נופלת ביום שנאמר וניף לרי יומם והומר והפכהם תבך היום: בין הנימין. בין הלוקת נימי השפה עד מחילת החוטם: נזקרים בבת ראש. נרתעין מהכרעת קול: (לא רצה ללמד על מעשה הכתב. פי' שהיה קושר ד' קולמסין בין ד' אצבעותיו והיה כותב שם בן יו"ד ה"א וא"ו ה"א ביחד): רקביבות. תמדה הויא ככלי ברזל שאין משתמשים בו: דלא מסקינן בשמייהו. לא יקרא אדם לבנו שם אדם רשע: מודדתו. לידע כמה נוסף בו מיום אל יום: ונותנת במשקל. אומד

דורך אים געשיקט ער זאל דיר געבין וואס גאט האט דיר צו געזאגט. אונ איין מענטש קען ניט אן רירען וואס עס איז אן געבריים פאר דעם אנדערען. אונ איין מלוכה רירט ניט אן די אנדערע מלוכה אפילו איין האר אויך ניט. אז עס קומט די צייט איין מלוכה זאל פאלען אונ איין אנדער מלך זאל אפ נעמען דיא מדינה. קומט דאס צו דער מינוט ווען עס איז אויס געזעצט געווארען פון גאט. ביי טאג אדער ביי נאכט. תניא מיר האבין געלערנט ווען הוגרס בן לוי האט געזונגען האט ער אריין געשטעקט דעם גראבין פינגער אין מויל אונ דעם אנדערין פינגער וואס נעבין גראבין האט ער געהאלטען אונטער די ליפ נעבין דאס מיטעלסטע ווענטיל פון די נאז. אונ אז ער האט געגעבין אגעשריי זענען אלע כהנים אוועק געשפרונגען מיט איין מאהל פון זייער ארט אינטער זיך פאר שרעק:

תנו רבנן. די רבנן האבין געלערנט בן קמצר וואלט ניט געוואלט אויס לערנען דאס געשריפט. מען האט געזאגט בן קמצר פלעגט נעמען פיר פעדערין צווישען די פינגער אונ אז עס איז געווען אווארט פון פיר אותיות. האט ער דעם ווארט געשריבען מיט איין מאהל. אונ אז מען האט געזאגט צו בן קמצר פאר וואס ווילסטו קיינעם גיט אויס לערנען. אלע האבין געוואסט צו ענטפערין פאר וואס זיי ווילען ניט אויס לערנען בן קמצר האט ניט געוואסט צו ענטפערען פאר וואס ער וויל ניט אויס לערנען. אויף די ערשטע האט מען געזאגט זכר צדיק לברכה. אז מען דער מאנט אצדיק זאל מען איהם בענטשין. אונ אויף בן קמצר מיט זיינע חברים האט מען געזאגט דער נאמען פון דיא רשעים זאל פאר פוילט ווערען. וואס מיינט מען דער נאמען פון דיא רשעים זאל פאר פוילט ווערען. האט רבי אלעזר געזאגט אפארפוילונג זאל קומען אויף זייער נאמען. קיין מענטש זאל ניט רופען זיין זוהן מיט דעם נאמען פון ארשע:

יז מתיב. רבינא האט אקשיא געפרעגט. דואג בן יוסף איז געווען איתום. ווען דער פאטער איז געשטארבין איז ער געווען אקליין קינד. אונ די מוטער האט אים אלע טאג געמאסטין מיט די הענט. אונ ווי פיל ער איז גרעסער געווארען אלע טאג האט זי געגעבין אזו פיל גאלד אין בית המקדש. אונ אז דער שונא האט זיך געשטארקט אונ האט באלעגערט ירושלים אונ אין ירושלים איז געווען אהונגער. האט די מוטער אים געשאכטין אונ האט אים אויף געגעסין. אונ אויף איר האט געטרויערט ירמיה הנביא אויב עס האט אמאהל געטראפען אז ווייבער זאלין עסין זייער אייגענע קינדער. אונ ועלכע קינדער אזעלכע וואס די מוטערס פלעגין זיי מעסטין

ועליה קונן ירמיה (איכה ב) אם תאכלנה נשים פרים עוללי טפוחים משיבתו רוח הקודש ואמיה לו (שם ב) אם יהרג במקדש ה' כהן ונביא חזי מאי סליק ביה:

**יח אמר** רבי אלעזר צדיק כו' צוו ורשע מחבירו צדיק מעצמו דכתיב (משלי י) זכר צדיק לברכה רשע מחבירו דכתיב (שם) ושם רשעים ירקב. אמר ליה (רב המנונא) [רבינא] להוא מרבנן דהוה מסדר אגדתא קמיה מנא הא מילתא דאמור רבנן זכר צדיק לברכה אמר ליה הא כתיב זכר צדיק לברכה מדאורייתא מנא לן דכתיב (בראשית יח) וה' אמר המכסה אני מאברהם וגו' וכתיב ואברהם היו יהיה וגו' מנא הא מילתא דאמור רבנן ושם רשעים ירקב אמר ליה הא כתיב ושם רשעים ירקב מדאורייתא מנ"ל דכתיב (שם יג) ויאהל עד סדום וכתיב (שם) ואנשי סדום רעים וחטאים וגו' אמר רבי אלעזר צדיק דר בין שני רשעים ולא למד ממעשיהם רשע דר בין שני צדיקים ולא למד ממעשיהם צדיק דר וכו' עובדיה רשע דר כו' עשו. ואמר רבי אלעזר מברכתן של

כתוספת: כהן ונביא. זכריה בן יהוידע הכהן אלמא מסקיק בשמייהו דהא דואג אדומי רשע היה וקראו לזה התינוק בשמו: חזי מאי סליק. ראה מה עלתה בו שנשחט:

צדיק מעצמו. ע"י מעשיו אכר לטובה: רשע. אף ע"י חברו: זכר לרעה: ושם רשעים. ולא כתיב ושם רשע: המכסה אני מאברהם. וכתיב שהזכיר שמו ברכו וסמיך ליה ואברהם היה יהיה וגו': עובדיה. דר בין אחאב ואיזבל: מברכתן

---

אלע טאג אונ געבין זייער יוואו גאלד צום בית המקדש. אונ דער רוח הקדש האט גיענטפערט צו ירמיה זעה נאר אויב עס האט געטראפען מען זאל הרגנן אין בית המקדש אכהן מיט אנביא: פון דאנען זעהן מיר אז מען רופט יא אקינד אויף אנאמען פון ארשע. וואראום דואג האדומי איז דאך גיוועזען ארשע. אונ דעם קינד האט מען אויך גערופין דואג. ענטפערט דיא גמרא זעה וואס דער סוף פון דעם קינד איז גיוועזען. מען האט אים גישאכטי:

**יח אמר**. רבי אלעזר האט גיזאגט דער צדיק ווערט גיבענטשט פון זיך אליין. אונ דער רשע ווערט גיפלוכט אפילו פון אנדערע אויך. דער צדיק ווערט גיבענטשט פון זיך אליין אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אז מען דער מאנט דעם צדיק דארף מען אים בענטשין. דער רשע ווערט גיפלוכט אפילו פון אנדערע אויך. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דער נאמען פון די רשעים זאל פאר פוילט ווערען. אז מען דער מאנט איין רשע פלוכט מען אלע רשעים. רבינא האט גיזאגט צו אלמדן וואס האט גילערנט פאר אים אגדתות. פון וואנען ווייסען מיר די זאך וואס די רבנן האבין גיזאגט אז מען דער מאנט אצדיק דארף מען אים בענטשין: האט דער למדן גיזאגט צו רבינא עס שטייט דאך אין פסוק זכר צדיק לברכה. אז מען דער מאנט אצדיק דארף מען אים בענטשין. האט רבינא גיזאגט איך פרעג וואו שטייט דאס אין די תורה. האט דער למדן גיזאגט עס שטייט אין פסוק נאט האט גיזאגט וועל איך דען פאר דעקין פון אברהם וואס איך וויל טאהן אונ ווי נאט האט נאר דער מאנט דעם נאמען אברהם. האט ער איהם באלד גיבענטשט אונ האט גיזאגט אברהם וועט זיין צו אגרויסע פאלק. נאך האט רבינא גיפרעגט דעם למדן פון וואנען ווייסען מיר די זאך וואס די רבנן האבען גיזאגט אז מען דער מאנט ארשע זאל מען אים פלוכען אונ מען זאל זאגען דער נאמען פון די רשעים זאל פאר פוילט ווערען. האט דער למדן גיזאגט צו רבינא עס שטייט אין פסוק ושם רשעים ירקב. דער נאמען פון די רשעים זאל פאר פוילט ווערין. האט רבינא גיזאגט איך פרעג וואו שטייט דאס אין די תורה. האט דער למדן גיזאגט עס שטייט אין פסוק לוט האט גימאכט זיינע גיצעלטין ביז סדום. אונ וויא דער פסוק האט דער מאנט דעם נאמען סדום זאגט ער באלד די מענטשין פון סדום זענען שלעכטע אונ זינדיגע אונ גאט האט זייא פאר לענדט פון דער וועלט. רבי אלעזר האט גיזאגט אצדיק האט געוואוינט צווישען צוויי רשעים אונ האט ניט אפ גילערנט זייערע שלעכטע מעשים. דאס איז גיוועזען עובדיה. ער האט גיוואוינט מיט אחאב אונ איזבל. ארשע האט גיוואוינט צווישען צוויי צדיקים אונ איז גיבליבען ארשע.

איז

של צדיקים . (במקום) בהקב"ה מברך את הצדיקים גם מקלל את הרשעים : וירא אלהים את האור וגו' . ראה בדעתו לקיים את האור של עולם בשביל

של צדיקים את"ה למד קללה של רשעים מקללת; של רשעים אתה למד ברכה של צדיקים מברכתן של צדיקים וכו' דכתיב (בראשית יח) כי ידעתיו למען אשר יצוה את בניו וגו' (וכתיב בהריה) ויאמר ה' זעקת סדום ועמורה וגו' ומקללתן של רשעים אתה למד ברכה של צדיקים דכתיב (שם יג) ואנשי סדום רעים וחטאים וגומר (שם) וה' אמר אל אברם אחרי הפ"ד לוט מעמו וגו':

**יט ואמר** רבי אלעזר אפילו בשביל צדיק אחד עולם נברא דכתיב (בראשית א) וירא אלהים את האור כי טוב ואין טוב אלא צדיק שנאמר (ישעיה ג) אמרו צדיק כי טוב ואמר רבי אלעזר כל המשכח דבר (אחד) כתלמודו גורם גלות לבניו שנאמר (הושע ד) ותשכח תורת אלהיך אשכח בניך גם אני . רבי אבהו אמר מורידין אותו מגדולתו שנאמ' (שם) (נדמו עמי מבלי הדעת) כי אתה הדעת מאסתה ואמאסך מכהן לי . אמר רבי חייא בר אבא אמר ר"י אין צדיק נפטר מן העולם עד שנברא צדיק כמותו שנאמר (קהלת א) וזרח השמש ובא השמש עד שלא כבתה שמשו של עלי זרחה שמשו של שמואל הרמתי . ואמר רבי חייא בר אבא אמר רבי יוחנן ראה הקדוש ברוך הוא שצדיקים מועטין עמד ושתלן

---

און האט ניט אפ גיקערט זייערע גוטע מעשים . דאס איז גיוועזן עשו . ער האט דאך גיוואוינט מיט יצחק און רבקה . און איז געבליבן א רשע ; נאך האט רבי אלעזר גיזאגט פון די ברכה פון די צדיקים לערונט מען אפ צקללה צו די רשעים ווען נאר בענשט די צדיקים פלוכט ער באלד די רשעים) . ווארום ביי אברהם אבינו שטייט גאט האט גיזאגט איך האב אים ליב ווייל ער וועט געבאטען זיינע קינדער זייא זאלען פרום זיין . באלד דער נאך שטייט די קללה פון די רשעים . גאט האט גיזאגט די גישרייא פון סדום ועמורה איז גרוים און איך וועל זיי פאר לענדין . און פון די קללה פון די רשעים לערונט מען אפ אברכה צו די צדיקים (און ווען גאט פלוכט די רשעים בענשט ער באלד די צדיקים) . ווארום עס שטייט אין פסוק די מענטשין פון סדום זענען גיוועזן שלעכט און זינדיג . באלד דער נאך שטייט און גאט האט גיזאגט צו אברם דער נאך ווי לוט איז פון אים אוועק גיגאנגען הייב אויף דיינע אויגן און זעה די לאנד וואס איך וועל דיר געבין :

**יט ואמר** : נאך האט רבי אלעזר גזאגט אפילו פון וועגין איין צדיק וואלט אויך גאט בשאפען די וועלט אזוי ווי עס שטייט אין פסוק גאט האט גיזעהן אז די ליכטיגקייט איז גוט . גוט איז נאר אצדיק . מיינט אזוי דער פסוק גאט האט גיזעהן צו האלטען די ליכטיגקייט אויף דער וועלט פון וועגין דעם צדיק וואס ער איז גוט : אזוי וויא עס שטייט אין פסוק זאגט צום צדיק ער איז גוט . נאך האט רבי אלעזר גזאגט דער וואס פאר געסט איין זאך פון זיין לערנען . דורך דעם ווערין זיינע קינדער פאר טריבען ווערין פון זייער ארט . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק גאט האט גזאגט חייל דו האסט פאר געסין די תורה פון דיין גאט וועל איך פאר געסין דיינע קינדער ; רבי אבהו זאגט דער וואס פאר געסט איין זאך פון זיין לערנען נידערט מען איהם אראפ פון זיין גרויסקייט . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט האט גזאגט ווייל דו האסט פאר מיאוסט די ווישענשאפט (די תורה . דוא האסט איר ניט גיוואלט חזרין דו זאלסט איר גידיינקין . דריבער האסטו איר פאר געסין) וועל איך דיך פאר מיאוסין פון צו בדינען צו מיר . רבי חייא בר אבא האט גזאגט פון רבי יוחנן וועגין אצדיק גייט ניט אוועק פון דער וועלט ביז עס ווערט בשאפען איין . אנדער צדיק אזוי וויא ער איז גיוועזן . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק די זונה שיינט אויף און דיא זונה גייט אונטער : איידער עס איז פאר לאשען גיווארין די זונה פון עלי (איידער עלי איז גישטארבען) האט אויף גישיינט די זון פון שמואל הרמתי (איז שמואל הנביא גיבארין גיווארין) . נאך האט רבי חייא בר אבא גזאגט פון רבי יוחנן וועגין גאט האט גיזעהן אז דיא

ושתלן בכל דור ודור שנאמר (שמואל א ב) כי לה' מצוקי ארץ וישת עליהם תבל. ואמר רבי חייא בר אבא אמר רבי יוחנן אפילו בשביל צדיק אחד עולם נתקיים שנאמר (משלי י) וצדיק יסוד עולם. רבי חייא בר אבא דידיה אמר מהכא (ש"א ב) רגלי חסידיו ישמור חסידיו תרתי משמע אמר רב נחמן בר יצחק חסידו כתיב. ואמר רבי חייא בר אבא אמר רבי יוחנן כיון שיצאו רוב שנותיו של אדם ולא חטא שוב אינו חוטא שנאמר רגלי חסידיו ישמור. דבי רבי שילא אמרי כיון שבא לאדם דבר עבירה לידו פעם ראשונה ושניה ולא חטא שוב אינו חוטא שנאמר רגלי חסידיו ישמור:

צדיק שהוא טוב: וישת עליהם תבל. פיזרן בכל הדורות להיות שתות וקיום ויסוד להיות הבל: רגלי חסידיו. בשביל חסידיו כמו ויברך ה' אותך לרגלי: שוב אינו חוטא שנא' רגלי חסידיו ישמור. סופי חסידיו ישמור: פעם ראשונה ושניה וכו' רגלי חסידיו. משמע בחסד ב' רגלים כמו שלש רגלים פעמים ישמור אותו מן החטא: אם ללצים הוא יליץ. אם ללצים הוא בא להתחבר הוא יליץ לא ימנעוהו ולא יעזרוהו: ואם לענוים. בא להתחבר יתן לו חן מי שבידו ליתן חן: בא. אדם: ליטמא. ולהיות רשע: פותחין לו. פתח בטומאה ליכנס בה כלומר מספיקין בידו ואין מונעין אותו מן השמים לעכבו: בא. הלוקח למדוד נפט מפני שריחו רע אומר לו שמוכר מדוד

**ב אמר** (רבי שמעון בן לוי) [ריש לקיש] מאי דכתיב (משלי ג) אם ללצים הוא יליץ ולענוים יתן חן בא ליטמא פותחין לו בא ליטהר מסייעין אותו תני דבי רבי ישמעאל משל לאדם שהיה מוכר נפט ואפרסמון (דף לט) בא למכור נפט אומר לו מדוד אתה לעצמך בא למכור אפרסמון

---

צדיקים זענען ווייניג; האט ער איין גיפלאנצט אין יעדער דור אביסול צדיקים. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק צו גאט זענען די שטארקע פון די ערד [די צדיקים] און אויף זיי האט ער גימאכט די וועלט. אין יעדער דור האט גאט איין גיפלאנצט אביסול צדיקים. דיא וועלט זאל קענען בלייבען שטיין. נאך הט רבי חייא בר אבא גזאגט פון רבי יוחנן וועגין אפילו פון וועגין איין צדיק [אויף דער וועלט וועט נאר זיין]. וועט אויך די וועלט בלייבן שטיין. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק וצדיק יסוד עולם: איין צדיק איז דער פונדאמענט פון דער וועלט. רבי חייא בר אבא זאגט פון זיינעט וועגין פון דעם פסוק קענען מיר אפ לערנען אז איין צדיק האלט אויף דיא וועלט. אין פסוק שטייט רגלי חסידיו ישמור. פון וועגין דיא חסידים וועט גאט היטען דיא וועלט. פרעגט די גמרא חסידיו מיינט מען דאך פיל חסידים. אבער ניט ווייניגער ווי צוויי. האט רב נחמן בר יצחק גזאגט אין פסוק שטייט חסידו. זיין איין חסיד. פון וועגין איין חסיד וועט גאט היטען די וועלט. נאך הט רבי חייא בר אבא גזאגט פון רבי יוחנן וועגין. אז א מענטש האט אפ גילעבט מעהר ווי העלפט יאהרין [ער האט ג ילעבט זעקס און דרייסיג יאהר] און ער האט ניט גזינדיגט. וועט ער שוין מער ניט זינדיגען. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק רגלי חסידיו ישמור. דעם סוף פון די חסידים. די לעצטע יאהרין זייערע. וועט שוין גאט היטען זיי זאלען ניט זינדיגען. דבי רבי שילא האבען גזאגט אז עס איז גיקומען צוא א מענטשין א עבירה איין מאהל און ער האט זיא ניט גימאכן. און נאך אמאהל און ער הט זיא אויך ניט גיטאהן. וועט ער שוין מער ניט טאהן דיא עבירה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק רגלי חסידיו ישמור. רגלי איז טייטש צוויי מאהל: [אזוי וויא עס שטייט שלש רגלים. דריי מאהל]. אז ער הט זיך אליין געהיט צוויי מאהל ער זאל ניט טאהן די עבירה. ווייטער וועט אים שוין גאט היטען ער זאל ניט טאהן די עבירה:

**ב אמר.** ריש לקיש האט גזאגט וואס מיינט דער פסוק אם ללצים הוא יליץ. אויב דער מענטש וויל זיך בהעפטען צו רשעים. לאזט מען איהם. ניט מען פאר מיידט איהם: און ניט מען העלפט איהם. ולענוים יתן חן. אבער אז דער מענטש וויל זיך בהעפטען צו צדיקים. וועט מען אים געבין חן אין זייערע אויגען. זייא זאלען איהם בהעפטען צו זיך. אז איינער וויל זיך מטמא זיין מיט א עבירה. העפנט מען איהם דיא טיר. וויא ער וויל. אויב ער וויל טוהט ער די עבירה. און אויב ער וויל ניט טוהט ער ניט. ניט מען פאר מיידט איהם. און ניט מען העלפט איהם. אבער אז איינער קומט תשובה טאהן. העלפט מען איהם פון הימעל ער

זאל

אפרסמון אומר לו המתן עד שאמדוד לך כדי שאתבשם גם אני ואתה. תנא דבי רבי ישמעאל עבירה מטמטמת לבו של אדם שנאמר (ויקרא יא) ולא תטמאו בהם ונטמתם בם אל תקרי ונטמתם אלא ונטמטם. ת"ר ולא תטמאו בהם ונטמתם בם אדם מטמא עצמו מעט מטמאין אותו הרבה מלמטה מטמאין אותו מלמעלה בעולם הזה מטמאין אותו לעולם הבא. תנו רבנן והתקדשתם והייתם קדושים אדם מקדש עצמו מעט מקדשין אותו הרבה מלמטה מקדשין אותו מלמעלה בעולם הזה מקדשין אותו לעולם הבא:

אתה לעצמך: מטמטמת. אוטמת וסותמת מכל חכמה: ונטמתם. חסר אל"ף: מטמאין אותו הרבה. מניחין אותו ליטמא הרבה וה"ק קרא אל תטמאו בהם ואם תטמאו סוף ונטמתם בם: והתקדשתם. מעט: והייתם קדושים הרבה. כלו' ליטהר מסייעין אותו:

אלא יכוין. שלא יתכוין להכיר במחשבתו איזה של שם ויעלנו בימין: ושל חול היתה. אינה מקודשת:

## טרף בקלפי פרק רביעי

**א למה לי טרף בקלפי** כי היכי דלא ניכוין, ול' שקול. **אמר רבא קלפי של עץ היתה ושל חול היתה**

---

זאל קענען תשובה טאהן. דבי רבי ישמעאל האבען גילערנט דאס איז גלייך צוא א מענטשין וואס האט צוא פאר קויפען נפט [שלעכטע אייל וואס שטינקט] אונ אפרסמון [גוטע אייל וואס שמעקט]. אז איינער קומט אין קראם מען זאל איהם פאר קויפען נפט. זאגט דער קרעמער צו איהם מעסט דיר אליין. אונ אז איינער קומט מען זאל איהם פאר קויפען אפרסמון. זאגט דער קרעמער צו איהם ווארט איך וועל דיר באלד מעסטען. וועלען מיר ביידע שמעקן דעם גוטען ריח. דבי רבי ישמעאל האבען גילערנט דיא עבירה פאר שטאפט די הארץ פון מענטשין. ער זאל ניט קענען לערנען תורה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק איר זאלט אייך ניט מטמא זיין מיט עבירות. ונטמתם בם. דוא זאלסט ניט לייענען ונטמאתם. איר וועט טמא ווערין. נאר דוא זאלסט לייענען ונטמטם. איר וועט פאר שטאפט ווערין:

תנו רבנן. די רבנן האבען גילערנט עס שטייט אין פסוק איר זאלט ניט טמא ווערין מיט זייא ווארום איר וועט טמא ווערין מיט זייא: אזוי מיינט דער פסוק אז א מענטש איז זיך מטמא אביסול מיט עבירות. לאזט מען איהם ער זאל פיל טמא ווערין. ער איז זיך מטמא אונטען אויף דיא ערד. איז מען איהם מטמא הויבין אין הימעל. אז ער זיך מטמא אויף די וועלט. איז מען אים מטמא צו עולם הבא:

תנו רבנן: די רבנן האבען גילערנט עס שטייט אין פסוק והתקדשתם והייתם קדושים. איר זאלט אייך הייליגען וועט איר זיין הייליג. אז א מענטש הייליגט זיך אביסול. הייליגט מען איהם פון הימעל פיל. אז דער מענטש הייליגט זיך אינטען אויף דער ערד. הייליגט מען איהם אויבין אויף דעם הימל. אז דער מענטש הייליגט זיך אויף דער וועלט. הייליגט מען איהם צו עולם הבא:

## פרק רביעי

**א** די גמרא זאגט אום יום כפור האט דער כהן גדול גישטעלט צוויי שעירים [ציגען]. איינעם זאל ער מקריב זיין צו גאט אונ איינעם זאל ער שיקען אין דער מדבר. די ציגען זענען גישטאנען איינער בייא דער רעכטע האנט פון כהן גדול. אונ איינער ביי זיין לינקע האנט. אונ ער האט גינומען צוויי קוויטלאך. אויף איינעם איז גיוועזן גישריבען ליי חטאת. אונ אויף דעם אנדערען איז גיוועזן געשריבען לעזאזל. דער כהן גדול האט אריין גילייגט די צווייא קוויטלאך אין א קעסטיל. אונ האט זיי אוים גמישט. דער נאך האט ער אריין גישטעקט ביידע הענט אין קעסטיל. אונ ער האט גינומען איין קוויטיל אין די רעכטע האנט אונ איין קוויטיל אין די לינקע האנט. דעם קוויטיל וואס ער האט גינומען אין די

רעכטע

היתה ואינה מחוקת אלא שתי ידים מתקיף לה רבינא בשלמא אינה מחוקת אלא שתי ידים כי היכי דלא ליכוין ולישקול אלא של חול ניקדשוה א"כ הוה ליה כלי שרת של עץ וכלי שרת של עץ לא עבדינן ונעבדיה דכסף ונעבדיה דזהב התורה חסה על ממונם של ישראל :

ב ת"ר ארבעים שנה ששמש שמעון הצדיק היה גורל עולה בימין מכאן ואילך פעמים עולה בימין פעמים עולה בשמאל . והיה לשון של זהורית מלבין . מכאן ואילך פעמים מלבין פעמים אינו מלבין . והיה נר מערבי דולק מכאן ואילך פעמים דולק ופעמים כבה.

והיתה

התורה חסה וכו' . שנא' ונוה הכהן ופנו את הבית וגו' על מה חסה תורה על פכין של כלי ח"ס שאין להם טהרה במקוה א"כ חסה על ממון קל כ"ש על ממון חשוב א"כ חסה על ממונו של רשעים כ"ש על ממונן של צדיקים : לשון של זהורית . קשר סרוק ומשוך כמין לשון ולגוע חדוס יקושרין אותו בראש בעיר המשתלח והיה מלבין מאליו והוא סימן שמחל הקב"ה לישראל שנא' אם יהיו חטאיכם כשנים כשלג ילבינו וגו' : והיה נר מערבי דולק . לאחר שכבו שאר הנרות ואע"פ שממנו מתחיל להדליק ערבית בו היה מסיים הטבת הנרות שחרית והוא עדות שהשכינה שורה בישראל כדכתיב יתהין לפרוכת העדות ואמרינן במסכת שבת עדות היא לכל באי עולם שהשכינה שורה בישראל ואמרינן מאי עדות זה נר מערבי שנותן בה שמן כמדת חברותיה וממנה היה מתחיל ובה היה מסיים . ואיזהו נר מערבי למ"ד שבעת הנרות סדורין מזרח ומערב (הוי) [קרי נר מערבי] נר שני הסמוך לראשון במזרח כדתנן בתמיד נכנס (אחד) ומצא שתי נרות מזרחיות דולקות וכו' ולמ"ד לצפון ודרום סדורין הוי אמצעי פניו מסובין כלפי מערב והוא קרוי מערבי ושאר הנרות מצדדין פניהם כלפי אמצעי דכתיב אל מול פני המנורה היא והאמצעית יאירו נרות של שבעת הקנים

---

רעכטע האנט האט ער גיזייגט אויף די ציג וואס ביי די רעכטע האנט . אונ דעם אנדערן קוויטיל וואס ער האט גינומען אין די לינקע האנט האט ער גיזייגט אויף די ציג וואס ביי דיא לינקע האנט . די ציג וואס אויף איר איז גיוועזן דער קוויטיל לה' חטאת . האט מען איהם מקריב גיוועזן אקרבן צו גאט . אונ די אנדערע ציג וואס אויף איר איז גיוועזן דער קוויטיל לעזאזל , הט מען איר געשיקט אין דער מדבר : פרעגט די גמרא צו וואס הט ער גידארפט אויס מישען די קוויטלאך וואס אין קעסטעל . ענפערט די גמרא ער זאל ניט וויסען וועלכען קוויטיל ער נעמט אין די רעכטע האנט אונ וועלכען אין די לינקע האנט . אונ אויב דער קוויטיל לה' איז איהם גיקומען אין די רעכטע האנט איז גיוועזן אגוטער סימן . רבא הט גזאגט די קעסטעל איז גיוועזן אהילצענע . אונ איז ניט גיוועזן הייליג : אין דער קעסטעל הט מען ניט מער גיקענט אריין שטעקין נאר צוויי הענט . הט רבינא גיפרעגט וואס אין דיא קעסטעל האט מען ניט מער גיקענט אריין שטעקין נאר צוויי הענט : דאס איז רעכט : ווארום אין קעסטעל איז איינג וועט דער כהן ניט דער קענען אין האנט וועלכער קוויטול איז לה' ער זאל איהם נעמען אין די רעכטע האנט . ער וועט נאר נעמען איין קוויטול אין די רעכטע האנט אונ איין קוויטול אין די לינקע האנט : אונ ער וועט אליין ניט וויסען אין וועלכע האנט ליגט דער קוויטול וואס לה' . נאר אבער פאר וואס איז ניט גיוועזן אהייליגע קעסטעל . ענפערט דיא גמרא איז בית המקדש האט מען ניט גימאכט הילצענע כלים . פרעגט די גמרא זאל מען מאכן אזילבערנע קעסטעל אדער אגאלדענע קעסטעל . ענפערט די גמרא דיא תורה האט רחמנות גיהאט אויף יודישע געלט :

ב תנו רבנן . דיא רבנן האבען גילערנט דיא פערציג יאהר וואס שמעון הצדיק איז גיוועזן אכהן גדול פלעגט דער קוויטול לה' קומען אין זיין רעכטע האנט . אונ דיא כהנים גדולים וואס נאך שמעון הצדיק אמאהל פלעגט דער קוויטול לה' קומען אין די רעכטע האנט . אונ אמאהל פלעגט ער קומען אין דיא לינקע האנט . אונ ווען שמעון הצדיק איז גיוועזן אכהן גדול פלעגט זעלע מאהל ווייס ווערין דיא רויטע וואל וואס איז גיוועזן אוים גיבארשטען אונ לאנג וויא אצונג אונ עס איז גיוועזן א גיבונדענע אויף דעם קאפ פון דיא ציג וואס מען האט איר געשיקט אין דער מדבר . דאס איז גיוועזן אסימן אז גאט הט מוחל גיווען דיא יודען זייערע עבירות . אונ די כהנים גדולים וואס נאך שמעון הצדיק אמאל פלעגט די וואל ווייס ווערין . אונ אמאל פלעגט ניט ווייס ווערין אונ ווען שמעון הצדיק איז גיוועזן אכהן גדול דיא ליכט פון דיא מנורה וואס אין מערב זייט פלעגט ברענען אגאנצען מעת לעת . דורך אנס ווארום מען הט אין די ליכט אריין גיגאסען בוימאייל אזוי פיל ווי אלע אנדערע . ניט מער . אונ אז שמעון הצדיק איז גישטארבען . אמאהל

פלעגט

והיתה אש של מערכה מתגברת ולא היו כהנים צריכין להביא עצים למערכה חוץ משני גזרי עצים כדי לקיים מצות עצים מכאן ואילך (תשש כחה של מערכה) פעמים מתגברת פעמים אינה מתגברת ולא היו כהנים נמנעים להביא עצים למערכה כל היום כלו. ונשתלחה ברכה בעומר ובשתי הלחם ובלחם הפנים וכל כהן שמגיעו כזית יש אוכל ושבע יש שבע ומותיר מכאן ואילך נשתלחה מארה בעומר ובשתי הלחם ובלחם הפנים וכל כהן שמגיעו כפול (כ״צרי) הצנועין מושכין ידיהם והגרגרין נוטלין ואוכלין. ומעשה באחד שנטל חלקו וחלק חברו והיו קוראין אותו בן (דף ס ע״ב) חמצן עד יום מותו. אמר רבה בר רב שילא מאי קראה (תהלים עא) אלהי פלטני מיד רשע מכף מעול וחומץ רבא אמר מהכא (ישעיה א) למדו היטב דרשו משפט אשרו חמוץ ואל תאשרו חומץ. תניא אותה שנה שמת שמעון הצדיק אמר להן בשנה זו הוא מת אמרו לו מנין אתה יודע אמר להם בכל י״ה היה מזדמן לי זקן אחד לבוש לבנים ומעוטף לבנים נכנס עמי ויצא עמי שנה זו נזדמן לי זקן אחד לבוש שחורים ומעוטף שחורים נכנס עמי ולא יצא עמי לאחר הרגל חלה

הקניס: והיה אש המערכה (מתגבר). דולק מאליו בלא תוספת עצים: ולא היו צריכין להביא עצים למערכה. מאחר שכדורה בתרים: חוץ משני גזירין של בין הערבים שהם חובה כדאמרינן בפירקין דלעיל: נשתלחה מארה. שליני משניע: וכל כהן שמגיעו כפול. שאינו כזית מאחר שרוא שאינו מהביע היו הצנועים מושכים את ידיהן (יאם יותר לא היו מושכין את ידיהם) ובימי שמעון את מי שמגיע כפול לא היו מושכין את ידיהם: חמצן. גזלן: אחרי המין. החזיקו כח הגזל ונא חומץ. לא שייך הכא תלא (נב״ק) [בסנהדרין]

פְרֶענְט יָא בְּרֶענֶען דִי מַעֲרָב לִיכְט. אוּנ אַמָאהל פְלֶעגְט זִי פַאר לָאשֶׁען וֶוערִין. וֶוען שִׁמְעוֹן הַצַדִיק הָאט גִילֶעבְּט הָאט זִיךְ דֶער פַייֶער פוּן מִזְבֵּחַ גִישְׁטַארְקְט פוּן זִיךְ אַלֵיין אָן הָאלְץ. אוּנ דִיא כֹּהֲנִים הָאבֶּען נִיט גִידַארְפְט בְּרֵיינְגֶען הָאלְץ צוּם פַייֶער פוּן מִזְבֵּחַ. נָאר צְוֵויי שְׁטִיקְלאךְ. צוּ מְקַיֵים זַיין דִי מִצְוָה וָוס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק מֶען זָאל גֶעבֶּין הָאלְץ אוֹיף דֶעם פַייֶער. אַז שִׁמְעוֹן הַצַדִיק אִיז גִישְׁטָארְבֶּן אַמָאהל הָט זִיךְ דֶער פַייֶער גִישְׁטַארְקְט פוּן זִיךְ אַלֵיין. אוּנ אַמָאהל נִיט. דְרִיבֶּער פְלֶעגִין דִיא כֹּהֲנִים בְּרֵיינְגֶען הָאלְץ צוּם פַייֶער פוּן מִזְבֵּחַ אַגַאנְצֶען טָאג. טָאמֶער וֶועט דֶער פַייֶער פַרלָאשֶׁען וֶוערִין. וֶוען שִׁמְעוֹן הַצַדִיק הָט גִילֶעבְּט אִיז גִיוֶוען אַבְּרָכָה אִין דֶעם עוֹמֶר וָוס מֶען הָאט מַקְרִיב גִיוֶוען דֶעם אַנְדֶערִין טָאג פֶּסַח. אוּנ אִין דִי צְוֵויי בְּרוֹיט פוּן שָׁבוּעוֹת. אוּנ אִין דֶעם לֶחֶם הַפָּנִים פוּן אַלֶע שַׁבָּת. אוּנ דֶער כֹּהֵן וָואס אִים אִיז אָן גִיקוּמֶען פוּן עוֹמֶר אָדֶער פוּן דִיא צְוֵויי בְּרוֹיט אָדֶער פוּן לֶחֶם הַפָּנִים אַשְׁטִיקוֹל גְרוֹים וִויא אַאֵיילְבִּירְט. אַנְדֶערֶע הָאבֶּען גִיגֶעסֶען אוּנ זַאט גִיוָוארִין. אוּנ אַנְדֶערֶע זֶענֶען זַאט גִיוָוארִין אוּנ הָאבֶּען נָאךְ אִיבֶּער גִילָאזְט. אוּנ אַז שִׁמְעוֹן הַצַדִיק אִיז גִישְׁטָארְבֶּען אִיז גִיוָוארֶען אַקְלָלָה אִין דֶעם עוֹמֶר אוּנ אִין דִי צְוֵויי בְּרוֹיט אוּנ אִין לֶחֶם הַפָּנִים. אוּנ דֶער כֹּהֵן וָואס אִיהם אִיז אָן גִיקוּמֶען אַשְׁטִיקוֹל גְרוֹים וִוי אַבָּאב. דִי פְרוּמֶע כֹּהֲנִים הָאבֶּין דָאס גָאר נִיט גִיוָואלְט נֶעמֶען. אוּנ דִי פְרֶעסֶערְס הָאבֶּען דָאס גִינוּמֶען אוּנ גִיגֶעסֶן. עֶס הָט אַמָאהל גִיטְרָאפֶען אַיין כֹּהֵן הָט גִינוּמֶען זַיין חֵלֶק אוּנ הָט גִיכַאפְּט דֶעם חַבֵרְס חֵלֶק אוֹיךְ. הָט מֶען אִיהם גִירוּפֶען בֶּן חַמְצָן (גַזְלָן) בִּיז עֶר אִיז גִישְׁטָארְבֶּען. רַבָּה בַּר רַב שִׁילָא הָאט גִזָאגְט פוּן וַואנֶען וֵוייסֶען מִיר אַז חַמְצָן אִיז טַייטְשׁ אַגַזְלָן. וָוארוּם דָוִד הַמֶלֶךְ הָאט גִזָאגְט אֱלֹהַי פַּלְטֵנִי מִיַד רָשָׁע. מַיין גָאט מַאךְ מִיךְ אַנְטְרִינֶען פוּן דֶעם רָשָׁע. מִכַּף מְעַוֵל וְחוֹמֵץ. אוּנ פוּן דִי הַאנְט פוּן דֶעם גַזְלָן. אִיז חוֹמֵץ דֶער טַייטְשׁ גַזְלָן. רָבָא זָאגְט פוּן דַאנֶען וֵוייסֶען מִיר אַז חוֹמֵץ אִיז טַייטְשׁ גַזְלָן עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק יְשַׁעְיָה הַנָּבִיא הָאט גִזָאגְט צוּ דִיא יוּדֶען לֶערוּנְט אַייךְ גוּטְס צוּ טָאהן. פָארְשְׁט צוּ טָאהן יֶעדֶער זַאךְ וִוי דֶער דִין אִיז. אַשְׁרוּ חָמוֹץ שְׁטַארְקְט דֶעם גִירוּבְּטֶען. אוּנ שְׁטַארְקְט נִיט דֶעם חוֹמֵץ דֶעם רוֹיבֶּר:

תַּנְיָא: מִיר הָאבֶּען גִילֶערוּנְט דֶעם יָאהר וָואס שִׁמְעוֹן הַצַדִיק אִיז גִישְׁטָארְבֶּען. הָט שִׁמְעוֹן הַצַדִיק גִזָאגְט דֶעם יָאהר וֶועל אִיךְ שְׁטַארְבִּין. הָאט מֶען גִזָאגְט צוּ אִיהם פוּן וַואנֶען וֵוייסְטוּ. הָאט שִׁמְעוֹן הַצַדִיק גִזָאגְט אַלֶע יוֹם כִּפּוּר פְלֶעגְט צוּ מִיר קוּמֶען אַאַלְטֶער מַאן גִיקְלֵיידְט אִין וַוייסֶע קְלֵיידֶער אוּנ עֶר אִיז אַרַיין גִיגַאנְגֶען מִיט מִיר אִין בֵּית הַמִקְדָשׁ אוּנ אִיז אַרוֹיס

גיגאנגען

ו' ימים ומת ונמנעו אחיו הכהנים מלברך בשם בשעת פטירתו א"ל חוניו בני ישמש תחתי נתקנא בו שמעי אחיו שהיה גדול ממנו שתי שנים ומחצה אמר לו בא ואלמדך סדר עבודה הלבישו באונקלי וחגרו בצלצול והעמידו אצל מזבח אמר להם לאחיו הכהנים ראו מה נדר וקיים זה לאהובתו אותו היום שאשמש בכהונה גדולה אלביש באונקלי שליכי ואחגור בצלצול שליכי בקשו אחיו הכהנים להרגו רץ מפניהם והלך לאלכסנדריא של מצרים ובנה מזבח והעלה עליו לשם עכו"ם וכששמעו חכמים אמרו מה זה שלא ירד לה כך היורד לה על אחת כמה וכמה דברי רבי מאיר אמר ליה רבי יהודה לא כך היה מעשה אלא לא קבל עליו חוניו שהיה שמעי אחיו גדול ממנו ב' שנים ומחצה ואעפ"כ נתקנא בו חוניו בשמעי אחיו אמר בא ואלמדך סדר עבודה הלבישו באונקלי וחגרו בצלצול והעמידו אצל מזבח אמר להם לאחיו הכהנים ראו מה נדר זה וקיים לאהובתו אותו היום שאשמש בכהונה גדולה אלביש באונקלי שליכי ואחגור בצלצול שליכי בקשו אחיו הכהנים להרגו כח להם כל המאורע בקשו להרוג את

בלשון : כאן במקדש לחובע האלה : מלברך בשם . מלברך ברכת כהנים את העם בשם המפורש כמו שאלה היו כהנים : נכנס שמעי . לפני ולפנים : אמר ליה . שמעי לחוניו בא ואלמדך : אונקלי . מלבוש של עור : צלצול . אזור : לאהובתו . לאהבתו :

---

גינאנגען מיט מיר פון בית המקדש. דעם יאהר איז גיקומען צו מיר אַאלטער מאן גיקליידט אין שווארצע קליידער. אונ ער איז אריין גיגאנגען מיט מיר אין בית המקדש. אונ איז ניט ארויס גיגאנגען מיט מיר פון בית המקדש. נאך סוכות איז שמעון הצדיק קראנק גיווארין זיבן טעג אונ איז גישטארבען. פון דעם טאג האבען דיא כהנים אויף גיהערט צו דוכנען מיט דעם שם המפורש. ווען שמעון הצדיק איז גישטארבען האט ער גזאגט מיין זוהן חוניו זאל זיין אכהן גדול אויף מיין ארט. חוניו הט גיהאט אברודער שמעי וואס ער איז גיוועזן עלטער וויא חוניו מיט צוויי אונ אהאלב יאהר. איז שמעי אין כעס גיוועזן פאר וואס חוניו איז גיווארין אכהן גדול. האט שמעי גזאגט צו חוניו קום איך וועל דיך לערנען דיא עבודה. האט שמעי אן גיקליידט צו חוניו אשיינע קלייד. אונ האט איהם ארום גינארטעלט מיט אשיינעם גארטיל אונ האט איהם גישטעלט ביי דעם מזבח. דער נאך האט שמעי גזאגט צו די כהנים זעהט דעם נדר וואס חוניו האט אנדר גיטאהן צו זיין געליבטע אונ ער האט מקיים גיוועזן דעם נדר. ער הט איר צו גזאגט דעם טאג וואס איך וועל ווערין אכהן גדול זאל איך אן קליידין דיין קלייד אונ דיין גארטיל וואס דוא האסט מיר גיגעבען. האבען די כהנים גיוואלט הרגנן חוניו. איז חוניו אנטלאפען אונ איז גיקומען אין אלכסנדריא פון מצרים אונ האט דארט גימאכט אמזבח אונ הט מקריב גיוועזן אויף דעם מזבח קרבנות צו די עבודה זרה: אז דיא חכמים האבען דאס גיהערט האבען זייא גזאגט מאדאך שמעי וואס ער איז נאך ניט גיוועזן קיין כהן גדול איז ער אזוי אין כעס גיוועזן אויף זיין ברודער וועגין די כהונה גדולה. דער וואס איז שוין גיוועזן אכהן גדול אונ מען וועט איהם פון איר אראפ נידערין וועט ווייס וויא גרויס זיין כעס וועט זיין. אזוי זאגט רבי מאיר. רבי יהודה זאגט ניט אזוי איז גיוועזן די מעשה. חוניו האט ניט גיוואלט זיין אכהן גדול. ווייל זיין ברודער שמעי איז גיוועזן עלטער פון איהם מיט צוויי אונ אהאלב יאהר. פון דעסטוועגין איז חוניו אין כעס גיוועזן אויף זיין ברודער שמעי פאר וואס ער איז אכהן גדול אונ חוניו הט גזאגט צוא שמעי קום איך וועל דיך לערנען דיא עבודה. האט חוניו אן גיקליידט צו שמעי אשיינע קלייד. אונ האט איהם ארום גינארטעלט מיט אשיינעם גארטול. אונ הט איהם גישטעלט ביי דעם מזבח. דער נאך הט חוניו גזאגט צו די כהנים זעהט דעם נדר וואס שמעי הט אנדר גיטאהן צו זיין געליבטע אונ ער הט מקיים גיוועזן דעם נדר. ער הט איר צו גזאגט דעם טאג וואס איך וועל ווערין אכהן גדול זאל איך אן קליידען דיין קלייד אונ דיין גארטעל וואס דו האסט מיר גיגעבען: האבען די כהנים גיוואלט הרגנן שמעי. הט שמעי דער ציילט די כהנים אלץ וואס אים הט גיטראפען מיט זיין ברודער חוניו. ווי אזוי ער האט איהם

גינארט

את חוניו רץ מפניהם ורצו אחריו רץ לבית המלך ורצו אחריו כל הרואה אותו אומר זה הוא הלך לאלכסנדריא של מצרים ובנה מזבח והעלה עליו לשם שמים שנא' (ישעיה יט) והיה ביום ההוא יהיה מזבח לה' בתוך ארץ מצרים וכששמעו חכמים בדבר אמרו ומה זה שברח ממנה כך המבקש לירד לה עאכ"ו:

זה שלא ירד לה. תמהי שלא ירד לה לגדולה: כך. נתקנא באחיו: כיורד לה עאכ"ו. שאין מורידין אותו שלא יקלקל עצמו: בא והלמדך. דהוניו היה הכם מתמעי: שברח ממנה. שלא רצה לקבלה: כך. הזר ונתקנא בה: רבי מאיר. שאמר דבית חוניו היה לשם עכו"ם מאי עביד להאי קרא דכתיב מזבח לה' וגו' מדברות שפת כנען בפת ישראל כוהנים כארץ כנען וכיפיה דקרא וכנבא

ג אמר ליה מר קשישא בריה דרב חסדא לרב אשי ר"מ האי קרא דרבי יהודה מאי עביד ליה לכדתניא אחר מפלתו של סנחרב יצא חזקיהו ומצא בני מלכים שהיו יושבין בקרנות של זהב הדירן שלא לעבוד ע"א שנאמר (ישעיה יט) ביום ההוא יהיו חמש ערים בארץ מצרים מדברות שפת כנען הלכו לאלכסנדריא של מצרים ובנו מזבח והעלו עליו לשם שמים שנאמר (שם) ביום ההוא יהיה מזבח לה' בתוך ארץ מצרים מאי (שם) עיר ההרס יאמר לאחת כדמתרגם רב יוסף קרתא דבית שמש דעתידה למחרב יתאמר דהיא חדא מנהון. ומאי משמע דהאי חרס לישנא דשמשא היא שנאמר (איוב ט) האומר לחרס ולא יזרח ובעד כוכבים יחתום (ע"כ במנחות):

---

זענען די כהנים גילאפן נאך איהם אונ האבען איהם געיאגט. איז חוניו אריין געלאפען צום מלך אין שטוב. זענען די כהנים אויך אריין געלאפען צום מלך אין שטוב. ווער עס האט געזעהן חוניו גייט האט מען געשריגען אויף איהם דאס איז ער. מען זאל איהם חאפען אונ הרגענען. איז חוניו אנטלאפען אין אלכסנדריה פון מצרים. אונ האט דארט געמאכט המזבח אונ האט מקריב געווען קרבנות אויף דעם מזבח צו גאט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק עס וועט אמאהל זיין א מזבח צו גאט אין די לאנד מצרים. אז די חכמים האבען געהערט די זאך. האבען זיי געזאגט. מארא: דער וואס האט ניט געוואלט די כהונה גדולה. האט דער נאך אזוי פיל מקנא געווען אויף איהר. דער וואס האט געוואלט די כהונה גדולה אונ מען האט איהם ניט געגעבען איז געוויס אז ער וועט מקנא זיין אויף איהר:

ג אמר ליה: מר קשישא דער זוהן פון רב חסדא האט געזאגט צו רב אשי רבי מאיר וואס ער האט געזאגט אז חוניו האט מקריב געווען אויף דעם מזבח וואס אין מצרים צו דיא עבודה זרה. וואס טוהט ער מיט דעם פסוק פון רבי יהודה אז אין מצרים וועט זיין א מזבח צו גאט. האט רב אשי געזאגט אזוי וויא מיר האבען געלערנט. דער נאך וויא סנחריב איז געהרגעת געווארען נעבען ירושלים. איז חזקיהו ארויס געגאנגען פון ירושלים אונ האט געפונען קעניגליכע קינדער זיצען אין גאלדענע וועגין. האט ער זיי בשווארין זיי זאלען ניט דינען עבודה זרה. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק עס וועט אמאהל זיין פינף שטעט אין דיא לאנד מצרים וואס זיי וועלען ריידען די שפראכע פון די יודען וואס זענען אין לאנד כנען. די קעניגליכע קינדער זענען געגאנגען אין אלכסנדריה פון מצרים אונ האבען דארט געמאכט א מזבח אונ האבען מקריב געווען קרבנות אויף דעם מזבח צו גאט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק עס וועט אמאהל זיין א מזבח צו גאט אין לאנד מצרים. וואס מיינט דער פסוק עיר ההרס יאמר לאחת. צו איין שטאט וועט געזאגט ווערין זי איז א צערשטערטע שטאט. אזוי ווי רב יוסף האט בשיידט. די שטאט בית שמש וואס וועט ווייסט ווערין וועט געזאגט ווערין אויף איהר אז זיא איז איינע פון די פינף שטעט. ווארום דערווארט ההרס מיט א ה' איז טייטש צערשטערט. אונ מיר לייענען החרס מיט א חי"ת. חרס איז טייטש שמש. די זוהן. דאס מיינט מען די שטאט בית שמש. פון וואנען ווייסען מיר אז חרס איז טייטש די זוהן. ווארום עס שטייט אין פסוק גאט האט געזאגט צום חרס (צו דער זוהן) ער זאל ניט שיינען. אונ האט פאר בתתמת פאר די שטערין זייא זאלין ניט לייכטען:

**ד תנו** רבנן ארבעים שנה קודם חורבן הבית לא היה גורל עולה בימין ולא היה לשון של זהורית מלבין ולא היה נר מערבי דולק והיו דלתות ההיכל נפתחות מאליהן עד שגער בהן רבן יוחנן בן זכאי ואמר היכל היכל מפני מה אתה מבעית את עצמך יודע אני בך שסופך ליחרב וכבר נתנבא עליך זכריה בן עדו (זכריה יא) פתח לבנון דלתיך ותאכל אש בארזיך. א"ר יצחק בר טבלאי למה נקרא שמו לבנון שמלבין עונותיהם של ישראל א"ר זוטרא בר טוביה (א"ר) למה נקרא שמו יער כדכתיב (מ"א י) בית יער הלבנון לומר לך מה יער מלבלב אף בית המקדש מלבלב דאמר רב אושעיא בשעה שבנה שלמה בית המקדש נטע בו כל מיני מגדים של זהב והיו מוציאים פירותיהן בזמניהן וכיון שרוח מנשבת בהן משירים את פירותיהם שנאמר (תהלים עב) ירעש כלבנון פריו ומהם היתה פרנסה לכהונה וכיון שנכנסו עכו"ם להיכל יבש שנאמר (נחום א) ופרח לבנון אומלל ועתיד הקב"ה להחזירו לנו שנאמר (ישעיה לה) פרוח תפרח ותגל אף גילת ורנן כבוד הלבנון ינתן לה. תנו רבנן עשרה פעמים מזכיר כהן גדול את השם בו ביום שלשה בוידוי ראשון ושלשה בוידוי שני ושלשה בשעיר המשתלח ואחד בגורלות וכבר אמר [אנא] השם ונשמע קולו

נה׳ לבאות (ע"כ במסכת מנחות): כשהיות מאליהן. סימן לאויבים לבא ולכנס: וכבר נתנבא עליך. שבפתיחתה הוא סימן לחורבן: ג׳ בוידוי ראשון. של פר אנא השם חטאתי אנא כפר נא. לפני ה׳ תטהרו: ואחד בגורלות. לה׳ חטאת: וכבר אמר. כלומר כבר היה מעשה שהלך קולו עד

---

ד תנו רבנן. די רבנן האבען געלערנט פערציג יאהר איידער דעם בית המקדש איז חרוב געווארין איז דער גורל לה׳ ניט געקומען אין די רעכטע האנט פון כהן גדול וועין סימן או. אונ דיא רויטע וואל וואס איז געווען אויף דעם קאפ פון שעיר המשתלח איז ניט וייס געווארין. אונ די ליכט וואס אין מערב זייט פון די מנורה הט ניט געברענט לייננער ווי אלע ליכט. אונ די טירען פון היכל פלעגין זיך אליין עפענען. דאס איז געוועזן אצייכען אז דיא שונאים מעגין אריין קומען. ביז רבן יוחנן בן זכאי הט אגישריי געגעבען אונ הט געזאגט היכל היכל פר וואס עפינסטו דיך אליין אונז צו דער שרעקין. איך וויים אז דוא וועסט חרוב ווערין. דער נביא זכריה בן עדו האט שוין לאנג נביאות געזאגט אויף דיר אז דוא וועסט חרוב ווערין אזוי ווי עס שטייט אין פסוק דו לבנון [בית המקדש] העפען דיינע טירען אונ אפייער וועט ברענען אין דיינע טענען בוימער. רבי יצחק בר טבלאי הט געזאגט פאר וואס רופט מען דעם בית המקדש לבנון. וייל דער בית המקדש מאכט וייס די זינד פון די יודען. רב זוטרא בר טוביה האט געזאגט פאר וואס רופט מען דעם בית המקדש וואלד. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק בית יער הלבנון. די שטוב וואס הייסט יער אונ לבנון. דאס מיינט מען דעם בית המקדש. נאר אזוי ווי אין וואלד בליהען בוימער. אזוי האט געבליהט בוימער אין בית המקדש. וואָרום רבי אושעיא האט געזאגט ווען שלמה המלך הט געבאהט דעם בית המקדש האט ער געפלאנצט אין בית המקדש אלע ערליי בוימער פון גאלד. אונ אויף דיא גאלדענע בוימער האט געוואקסען פירות צו דער צייט. אונ אז אווינט האט געבלאזען אויף דיא בוימער פלעגין אראפ פאלען די פירות. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ווען דער ווינט הט געבלאזן אויף די פירות וואס אין בית המקדש האבען זיי גירוישט. אזוי ווי די בוימער אין וואלד. אונ פון די פירות האבען די כהנים גיהאט פרנסה. אונ אז די עכו"ם זענען אריין גיגאנגען אין בית המקדש זענען די בוימער פאר טריקנט געווארין אונ עס האט שוין ניט געוואקסען אויף זייא פירות. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק די בליהונג פון בית המקדש איז פאר שניטען געווארין. אונ גאט וועט דאס אונז צוריק געבין: אזוי ווי עס שטייט אין פסוק זי וועט בליהען אונ וועט זיך פרייען מיט אפרייליך געזאנג וואָרום דער כבוד וואס דער בית המקדש הט גיהאט וועט צוריק גיגעבען ווערין אין בית המקדש:

תנו רבנן. די רבנן האבען גילערנט צעהן מאהל הט דער כהן גדול דער מאנט דעם שם

קולו ביריחו. אמר רבה בר בר חנה מירושלים ליריחו עשרה פרסאות ציר דלתות היכל היה נשמע בשמונה תחומי שבת עזים שביריחו היו מתעטשות מריח קטורת נשים שביריחו אינן צריכות להתבשם מריח קטורת כלה שבירושלים אינה צריכה להתבשם מריח הקטורת.

א"ר חייא בר אבין אמר ריב"ק כח לי זקן אחד פעם אחת הלכתי לשילה והרחתי ריח קטורת מבין כותליה:

(מג ע"ב) **הבא** לו אצל פרו שניה וכו' מאי שנא בוידוי ראשון דלא אמר ובני אהרן עם קדושיך ומאי שנא בוידוי שני דאמר ובני אהרן עם קדושיך תנא דבי רבי ישמעאל כך היא מדת הדין נותנת מוטב יבא זכאי ויכפר על החייב ואל יבא חייב ויכפר על החייב:

(מד ע"ב) **ז אמר** רב חסדא ז' זהבים הם זהב וזהב טוב וזהב אופיר וזהב מופז וזהב שחוט וזהב סגור וזהב פרוים זהב וזהב טוב שנאמר (בראשית ב) וזהב הארץ ההיא טוב זהב אופיר דאתי מאופיר זהב מופז (ד' מכ) שדומה לפז זהב שחוט שנטוה כחוט זהב סגור בשעה שנפתח כל החניות נסגרות זהב פרוים שדומה לדם הפרים רב אשי אמר

ירחו: כלה. דרכה להתקשט בבשמים הרבה: מדת הדין נותנת. כלומר כך יפה לומר שאהר ביהודה על עלמו ויהא זכאי ראוי לכפר על אחרים: וזהב האלן סגיה טוב. מכלל דאיכא זהב בהמא: שדומה לפז. מלסיב כמרגלית: שנטוה כחוט. חסני שבוה כך: כל החנויות נסגרות. שאין מכר

---

אום יום כפור. דריי מאהל ביי דעם ערשטן וידוי. אונ דריי מאהל ביי דעם אנדערן וידוי. אונ דריי מאהל ביי דעם שעיר המשתלח. אונ איין מאהל ביי דעם גורל: אמאהל האט דער כהן גדול גזאגט אנא השם האט מען גיהערט זיין קול אין יריחו. אונ רבה בר בר חנה האט גזאגט פון ירושלים ביז יריחו איז צעהן מייל: ווען מען האט גיעפענט די טירע פון היכל האט מען גיהערט דעם קול פון די זאווערטעם ביז אכט תחום שבת. די ציגען וואס אין יריחו פלעגען גיסען פון דעם ריח פון די קטרת וואס מען האט גירייכערט אין בית המקדש. די ווייבער וואס אין יריחו פלעגין ניט דארפען זיין בשמים אויף דעם האלדז ווארום עס האט גישמעקט פון זיי דער ריח פון די קטרת וואס אין ירושלים. אפילו אין ירושלים פלעגט ניט דארפען זיין בשמים אויף דעם האלדז. ווארום עס האט גישמעקט פון איר דער ריח פון דיא קטרת. רבי חייא בר אבין האט גזאגט רבי יהושע בן קרחה האט גזאגט אאלטער מאן האט מיר דער ציילט איך בין אמאהל גיגאנגען אין שילה האב איך גישמעקט פון די ווענט דעם ריח פון דיא קטרת:

**ה** בא. דער כהן גדול איז גיקומען נאך אמאהל צו זיין פר אונ האט גזאגט אנא השם. פרעגט די גמרא פאר וואס ביי דעם ערשטען וידוי האט ער ניט גזאגט ובני אהרן עם קדושיך. ער האט זיך נאר מתודה גיוועזן פאר זיך אליין. אונ פאר וואס ביי דעם אנדערן וידוי האט ער גזאגט ובני אהרן עם קדושיך. האט ער זיך מתודה גיוועזן פאר זיך אונ פאר אלע כהנים. דבי רבי ישמעאל האבען גילערנט אזוי דארף זיין. פריער זאל דער כהן גדול אליין ווערען ריין פון עבירות זיינע דער נאך וועט ער בעטין פאר פרעמדע עבירות. אבער ווען ער אליין איז נאך זינדיג קען ער ניט בעטין פאר פרעמדע עבירות:

**ז** אמר. רב חסדא האט גזאגט זיבען ערליי גאלד איז דא. זהב. זהב טהור. זהב אופיר. זהב מופז. זהב שחוט. זהב סגור. זהב פרוים. פון וואנען ווייסען מיר אז עס איז דא גאלד אונ גוט גאלד. ווארום עס שטייט אין פסוק די גאלד פון די לאנד איז גוטע. אבער אין אנדערע לענדער איז אויך דא גאלד נאר ניט גוטע. פאר וואס רופט מען זהב אופיר. וויל עס קומט פון דיא שטאט אופיר. פאר וואס רופט מען זהב מופז. וויל דאס גלאנצט אזוי ווי פז. פעריל. פאר וואס רופט מען זהב שחוט. וויל מען קען איהם שפינען אזוי ווי פאדעם. פאר וואס רופט מען זהב סגור. וויל ווען מען עפענט די קראם מיט דיא גאלד. מעג מען אלע קראמען

אמר חמשה הן וכל חד וחד אית ביה זהב וזהב טוב תניא נמי הכי בכל יום היה זהבה ירוק והיום אדום והיינו זהב פרוים שדומה לדם הפרים :

## הוציאו לו פרק חמישי

(דף מ) **א אמרו** עליו על רבי ישמעאל בן קמחית שהיה חופן ארבעת קבין במלא חפניו ואומר כל הנשים זרד״ו וזרד אימא עלה לגג א״ד בערסן וכדרבה בר יונתן א״ר יחיאל ערסן יפה לחולה ואיכא דאמרי בש״ז אמרו עליו על ר׳ ישמעאל בן קמחית פעם אחת יצא וספר עם ערבי אחד בשוק ונתזה צנורא מפיו על בגדו ונכנס ישבב אחיו ושמש תחתיו וראתה אמן שני בניה כהנים גדולים ביום אחד. ת״ר ז׳ בנים היו לה לקמחית וכלן שמשו בכהונה גדולה אמרו לה חכמים מה עשית שזכית לכך אמרה להם מימי לא ראו קורות ביתי קלעי שערי אמרו לה

מסג אחר משני זה : הניא נמי הכי . פסל שם שדומה לדם כפרים נקרא זהב פרוים בדברי הימים: א״ד . כאי זרד : בערסן . קאמר דיפה היא לחולה ושהם נשים מעוברות חולה ואוכלות ז״יד וערסן שהם מיני מאכל חטין כדאמרינן במסכת ברכות חילקא חטי דמתברי בתביתא לתרי תרי טרגים לההיא הלא זריד לר׳ ד׳ ערסן לא כ׳ וכ״ק כל הנשים מעוברות תקנו להן זריד וערסן להכרות אותן והעוברים ולזהן של אמי גבר על כולן : א״ד בש״ז . קאמר זרד לשון תבילי אדים כלומר ברוך ספה שקלטה אמי האדך גדל וע״ס עגנ : ערבי אחד . יום הכפורים היה : נמלח . רוק : לא ראו

---

קראמען מיט גאלד פאר שליסען . ווארום מען וועט קיין אנדערע גאלד ניט קויפען נאר דיא פאר וואס רופט מען זהב פרוים . ווייל ער איז רויט אזוי וויא דיא בלוט פון אאקס . רב אשי זאגט קינף ערליי גאלד איז נאר דא . זהב אופיר . און זהב טופז . און זהב שחוט . און זהב סגור . און זהב פרוים . און יעדער מין גאלד איז צוויי ערליי . פראסטע גאלד און גוטע גאלד : מיר האבען אויך אזוי גילערנט אז זהב פרוים איז רויטע גאלד . די כלים וואס מען האט גענוצט אלע טאג זענען גיוועזען פון געלע גאלד . און די כלים פון יום כפור זענען גיוועזען פון רויטע גאלד . דס איז זהב פרוים . ווייל די גאלד איז רויט אזוי ווי די בלוט פון אקסין :

## פרק חמישי

**א** אמרו . מען האט גיזאגט אויף רבי ישמעאל בן קמחית אז ער פלעגט אריין נעמען אום יום כפור פיר קבין קטרת אין זיינע הענט . און ער פלעגט זאגין אלע ווייבער האבין זרד און דער זרד פון מיין מוטער איז ארויף גיגאנגען ביז צום דאך . זי האט גיהאט מער זרד פון אלע ווייבער . אנדערע זאגען זרד איז ערסן . און אזוי וויא רבה בר יונתן האט גיזאגט פון רבי יחיאל ווען ערסן איז גוט פאר אקראנקין . און גיוויינליך איז א מעוברת קראנק . פלעגט רבי ישמעאל זאגין אלע ווייבער וואס זענען מעוברת עסין זרד דיא זאלין גיזונד זיין און דער קינד זאל שטארק זיין . און מיין מוטער האט גיגעסין זרד מער וויא אלע ווייבער וזאגט ער אמשל . ביז צום דאך . דריבער בין איך אזו שטארק גיבארען גיווארין . און אנדערע זאגין זרד איז שכבת זרע . פלעגט רבי ישמעאל זאגין אלע ווייבער ווערע מעוברת פון דעם בעסטין טראפין זרע . און דער טראפין זרע פון מיין מוטער איז גיוועזען דער בעסטער און דער גרעסטער וזאגט ער אמשל גרויס ביז צום דאך : דריבער בין איך גיבארין גיווארען גרויס און שטארק . מען האט גיזאגט אויף רבי ישמעאל בן קמחית אמאהל האט ער גישמועסט אום יום כפור מיט איין עכו״ם אין נאס האט אשפריץ גיטאהן שפייעכץ פון דעם עכו״ם מול אויף די קליידער פון רבי ישמעאל . האט רבי ישמעאל דעם יום כפור שוין ניט גיוואלט טאהן די עבודה . איז אריין גיגאנגען זיין ברודער ישבב און האט גיטאהן די עבודה . האט די מוטער גיזעהן צוויי קינדער אירע זענען כהנים גדולים אין איין טאג : תנו רבנן . די רבנן האבין גילערנט זיבען זיהן האט קמחית גיהאט און אלע זענען גיוועזען כהנים גדולים . די חכמים האבין גיזאגט צו קמחית וואס פאר א מצוה האסטו גיטאהן וואס דו האסט זוכה גיוועזען צו די גרויסקייט . האט קמחית גיזאגט צו די חכמים די באלקענס פון מיין שטוב האבין קיין מאל ניט

לה הרבה נשים עשו כן ולא הועילו :

(דף מ"ט) **ב מ"ש** ר' חנינא משום דבקי ברפואות הוה דא"ר חנינא מעולם לא שאלני אדם על מכת פרדה לבנה וחיה והא קא חזינן דחיה איסא וחיתה והא קחזינא דמיתפי׳ בסומקן אינהו וחיורן ריש כרעייהו קאמ׳ינן :

**ג משנה** נטל את המחתה בימינו ואת הכף בשמאלו (דף נ"ב ע"ב) היה מהלך בהיכל עד שהוא מגיע לבין שתי פרוכת המבדילו׳ בין הקדש ובין קדש הקדשים וביניהם אמה . ר' יוסי אומר לא היתה אלא פרוכת אחת בלבד שנאמר (שמות כו) והבדילה הפרוכת וגו' (נ"ב ע"ב) החיצונה פרופה מן הדרום והפנימית מן הצפון מהלך ביניהם עד שמגיע לצפון הגיע לצפון הופך פניו לדרום מהלך לשמאלו עם הפרוכת עד שהוא מגיע לארון הגיע לארון נתן את המחתה בין ב' הבדים צבר את הקטורת על גבי הגחלים ונתמלא כל הבית עשן ויצא ובא לו דרך בית כניסתו ומתפלל תפלה קצרה בבית

פירוש

קומץ כיסו וכו' : ראיתי גם מזה ירושלמי כל כבודה בת מלך פנימה ממשפחה זכה לכהונה אלא צנועה ראויה לצאת ממנה כהן גדול כלנוה משפחות זכה : איסא וחיותא . שם :
מהלך בהיכל . נכנס ומהלך להוכו למערב : שתי פרוכת . פירוש מן הצפון לד וס אחת חיצונה והאחרת פנימית : וביניהן . אויר : אמה . טרקסין לא נקט אלא כותל מחיצה המפסיק במקדש ואמרו : החיצונה פרופה מן הדרום . רבנן קאמרי לה : פרופה . האחת כפולה לצד ההיכל ואחוזה בקרס של זהב להיות פתוחה ועומדת : מהלך ביניהם . נכנס בפריפת הדרום ומהלך ביניהם עד שמגיע לפריפה בצפון : הגיע לצפון . ומשנכנס לבין הבדים כבר הפך פניו לדרום . הולך עד בין הבדים בכותל נהמלא ההלל כדאמר מר ארון שעשה משה היה לו אויר עשר אמות בבית קדשי הקדשים לכל רוח ידוע : מהלך לשמאלו עם הפרוכת . שמהלך מצפון לדרום שמאלו למזרח והפרוכת היתה במזרח ההיכל בין בני הבדים והבדים היו ארוכים עד הפרוכת ראשו אחד למערב והשני לו במזרח אחד בראש ארון לצפון ואחד בראשו לדרום והולך האמ׳ים ותלי על הארון ביניהם : דרך כניסתו . כשם שנכנס כשהלך לדרום עד שהגיע לארון פניו כלפי דרום כן כשיצא לא הפך את פניו לצאת אלא יצא דרך אחוריו ופניו לארון : בבית החיצון .

---

גיט גיזעהן מינע האר פון קאפ . האבין די חכמים גיזאגט צו קמחית פיל ווייבער האבין אזוי גיטאהן ווי דו אונ עס האט זיי ניט גיהאלפען :

**ב** מאי שנא . פאר וואס נאר רבי חנינא . ווייל רבי חנינא האט גיוואסט צו היילן מיט מעדיצין . וואדום רבי חנינא האט גיזאגט עס האט מיך קיין מאהל ניט גיפרעגט אמענטש אויף אקלאפ פון אווייסען אייזיל אונ ער זאל בלייבין לעבין . פרעגט די גמרא מיר זעהן דאך אז מען בלייבט יא לעבין . ענטפערט די גמרא לעבין קען מען . נאר די מכה ווערט קיין מאהל ניט פאר היילט . פרעגט די גמרא מיר זעהן דאך אז די מכה ווערט פאר היילט . ענטפערט די גמרא די אייזלען וואס זענען רויט אונ די שפיצען פון זייערע פיס זענען וויים . אז זיי גיבען אקלאפ אמענטשין קען ניט געהיילט ווערין די מכה :

**ג** משנה . דער כהן גדול האט גינומען די פאן מיט קוילין אין די רעכטע האנט . אונ די לעפיל מיט קטרת אין די לינקע האנט . אונ ער איז גיגאנגען אין היכל ביז ער איז גיקומען צווישען די צוויי פרוכתין וואס האבין אפ גיטיילט צווישען היכל אונ קדשי קדשים אונ צווישען די צוויי פרוכתין איז גיוועזען ברייט אאייל . רבי יוסי זאגט עס איז נאר גיוועזען איין פרוכת . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק דער פרוכת זאל אפ טיילען צווישען היכל אונ קדשי קדשים . די חכמים וואס זאגין עס איז גיוועזען צוויי פרוכת . דער אויסערליכסטער פרוכת איז גיוועזען פאר שפילעט אין דרום זייט . אונ דער אינוועניגסטער פרוכת איז גיוועזען פאר שפילעט אין צפון זייט . דער כהן גדול איז אריין גיגאנגען דורך דרום זייט . אונ איז גיגאנגען צווישען די פרוכתין ביז ער איז גיקומען צו די צפון זייט . אז ער איז גיקומען צו די צפון זייט איז ער אריין גיגאנגען אין קדשי קדשים אונ האט אומגיקערט דעם פנים צו דרום זייט אונ איז גיגאנגען מיט זיין לינקע זייט ביי דעם פרוכת ביז ער איז גיקומען צום ארון . אז ער איז גיקומען צום ארון . האט ער גישטעלט די פאן מיט קוילען צווישען די צוויי שטעקינס וואס זענען ארויס פון ארון . אונ האט ארויף גישאטען די קטרת אויף די קוילין . איז פול גיווארען דער גאנצער קדשי קדשים מיט רויך . אונ ער איז ארויס גיגאנגען פון קדשי קדשים אזוי ווי ער איז אריין גיגאנגען . ער האט גיהאלטען דעם פנים צום ארון אונ איז ארויס גיגאנגען אינמיטען

ויך

בבית החיצון ולא היה מאריך בתפלתו שלא להבעית את ישראל (ג"נ פ"ב) ומשניטל הארון אבן היתה שם מימות הנביאים הראשונים ושתיה היתה נקראת וגבוהה מן הארץ ג' אצבעות ועליה היה נותן את המחתה:

בהיכל: שלא הצריך הכתוב לשליח. אלא כל מתו ולאו מתפלל על עצמו כשאמר אשר ידעון איש נגע לבבו ופרש כפיו אל הבית הזה:

(נ"ג ע"ב) **גמרא** במאי עסקינן אילימא במקדש ראשון מי הוה פרוכת ואלא במקדש שני מי הוה ארון והתניא משנגנז ארון נגנז עמו צנצנת המן וצלוחית שמן המשחה ומקלו של אהרן בשקדיה ופרחיה וארגז ששלחו פלשתים דורון לה' אלהי ישראל שנאמר (שמואל א ו) ולקחתם את ארון ה' ונתתם אותו אל העגלה ואת כלי הזהב אשר השבותם לו אשם תשימו בארגז מצדו ושלחתם אותו והלך. ומי גנזו יאשיהו מלך יהודה מה ראה שגנזו מצא כתוב בו (דברים כח) יולך ה' אותך ואת מלכך אשר תקים עליך אל גוי אשר לא ידעת וגו' עמד וגנזו שנאמר (ד"ה ב לה) ויאמר ללוים המבינים לכל ישראל הקדושים תנו את ארון הקדש בבית אשר בנה שלמה בן דוד מלך ישראל אין לכם משא בכתף עתה עבדו את ה' אלהיכם ואת עמו ישראל וא"ר אלעזר אתיא שמה שמה אתיא דורות דורות אתיא משמרת משמרת לעולם במקדש שני ומאי הגיע לארון מקום ארון והא

---

זיה. אונ אין היכל האט ער מתפלל געוועזן א קורצע תפלה. ער האט ניט לאנג געבעטן ער זאל ניט דער שרעקן די יודין. אונ אז דער ארון איז צו גענומען געווארין. איז געלעגין א שטיין אין קדשי קדשים אויף דעם ארט פון ארון. פון דער צייט ווען די ערשטע נביאים זענען נאך געוועזן. דעם שטיין האט מען גירופין שתיה. ער איז געוועזן הויך דריי פינגער פון די ערד. אונ אויף דעם שטיין האט ער גישטעלט די פאן מיט קטרת:

גמרא. במאי עסקינן. ביי וואס שמועסן מיר שמועסן מיר פון ערשטין בית המקדש. אין ערשטין בית המקדש איז דאך ניט געוועזן קיין פרוכת. נאר א וואנט איז געשטאנען צווישען היכל אונ קדשי קדשים. שמועסן מיר פון אנדערין בית המקדש. אין אנדערין בית המקדש איז דאך ניט געוועזן דער ארון. ווארום מיר האבין גילערנט ווען דער ארון איז בעהאלטין געווארין. איז מיט אים בעהאלטען געווארען דער קריגעל מיט דעם מן. אונ דער קריגעל מיט אייל. אונ דער שטעקין פון אהרן מיט איהרע מאנדלען אונ בלימען. אונ דער קאסטען וואס די פלשתים האבין געשיקט א מתנה צו גאט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק די כומרים אונ די מכשפים האבין גיזאגט צו די פלשתים איהר זאלט נעמען דעם ארון פון גאט איר זאלט איהם ארויף שטעלין אויף א וואגין. אונ די גאלדענע כלים וואס איר וועט געבין א מתנה פאר אייער עבירה זאלט איר אריין לייגין אין א קאסטען אונ איר זאלט שטעלין דעם קאסטען אויף דעם וואגין נעבין ארון. אונ איר זאלט אוועק שיקען דעם וואגין ער זאל גיין. פרעגט די גמרא ווער האט בעהאלטען דעם ארון מיט די אלע זאכען. זאגט די גמרא יאשיהו דער מלך פון יהודה האט בעהאלטען. פאר וואס האט ער בעהאלטען. ווארום ער האט געפונען אין פסוק שטייט משה רבינו האט גיזאגט צו די יודין גאט וועט אוועק פירען דיך מיט דיין מלך וואס דו וועסט אויף שטעלין אויף דיר צו אזוי א פאלק וואס דו קענסט זיי גאר ניט. דריבער האט ער בעהאלטען די אלע הייליגע זאכען זיי זאלען ניט קומען אין די גוישע הענט. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק יאשיהו המלך האט גיזאגט צו די לוים וואס גיבען צו פארשטיין די תורה צו די יודין. וואס זענען הייליג צו גאט שטעלט אריין דעם הייליגען ארון אין דער שטוב וואס שלמה בן דוד מלך ישראל האט גיבויט איר זאלט שוין ניט מער טראגין אויף דעם אקסיל נאר דינט גאט אונ זיין פאלק ישראל. אונ רבי אלעזר האט גיזאגט איך לערין א גזרה שוה שמה שמה. אונ דורות דורות. אונ משמרת משמרת. אז דער קריגעל מן אונ דער קריגעל אייל אונ דער שטעקין פון אהרן אונ דער קאסטען פון די פלשתים איז אויך בעהאלטין געווארין

כים

כי בענן. לא יכנס כי אם בעת של עלת הקטורת: מעלה עשן. שם עשב שגורם לעשן לעלות זקוף כמקל:

ויבא שלמה וגו'. והיה לו לכתוב מן הבמה אשר בגבעון לירושלים או אל במה אשר בגבעון מירושלים. בגבעון היתה קובה שבה מזבח העולה והיה הולך ומקריב שם: מקיש יציאתו מגבעון לירושלים לביאתו מירושלים לגבעון. והכי משמע קרא ויבא שלמה לבמה אשר בגבעון דרך

והא קתני נתן המחתה בין שני הבדים אימא כבין שני הבדים:

ד רבי יוסי אומר חביבין ישראל שלא הצריכן הכתוב לשליח:

ה תניא איסי בן יהודה אומר חמשה מקראות בתורה אין להם הכרע שאת משוקדים מחר ארור וקם. ת"ר ונתן את הקטורת וגו' להוציא מלבן של צדוקים שאומרים יתקן מבחוץ ויכנים מאי דרוש (ויקרא טז) כי בענן אראה על הכפורת אמרו להם חכמים והלא כבר נאמר ונתן את הקטורת וגו' אם כן מה תלמוד לומר כי בענן וגו' מלמד שניתן בה מעלה עשן:

ו פיסקא יצא ובא לו דרך כניסתו מנא הני מילי אמר רבי שמואל בר נחמני אמר רבי יונתן אמר קרא (ד"ה ב א) ויבא שלמה לבמה אשר בגבעון ירושלים. וכי מה ענין גבעון אצל ירושלים אלא מקיש יציאתו מגבעון לירושלים לביאתו מירושלים לגבעון

---

מיט דעם ארון. ענטפערט די גמרא מען שמועסט טאקי פון אנדערע בית המקדש. אונ דאס וואס עס שטייט ער איז געקומען צום ארון. מיינט מען ער איז געקומען צו דעם ארט וואס דער ארון איז אמאהל געשטאנען. פרעגט די גמרא עס שטייט דאך ער האט נישטערט די פאן מיט קוילין צווישען די צוויא שטעקינס פון ארון. ענטפערט די גמרא מען מיינט אויף דעם ארט וואס דאס איז אמאהל געווען צווישען די שטעקינס פון ארון:

ד רבי יוסי זאגט די יודין זענען ליב ביי גאט אז זייא דארפען ניט שיקען קיינעם מען זאל בעטין פאר זייא. נאר יעדער יוד בעט אליין פאר זיך צו גאט:

ה תניא. מיר האבין געלערנט איסי בן יהודה זאגט פינף פסוקים איז דא אין דיא תורה וואס מיר ווייסין ניט וויא אזוי מען זאל זייא לערנען. דאס זענען די פינף פסוקים. שאת משוקדים. מחר. ארור. וקם. (ועיין בגמרא):

תנו רבנן. די רבנן האבין געלערנט עס שטייט אין פסוק ער זאל געבין די קטרת אויף דעם פייער פאר גאט. דאס מיינט מען ער זאל ארויף שיטען די קטרת אויף די קוילין אין קדשי קדשים. ניט ווי די אפיקורסים זאגען מען זאל ארויף שיטען די קטרת אויף די קוילין אין היכל. אונ מען זאל אביין טראגען אין קדשי קדשים. וואס דרשנן די אפיקורסים. עס שטייט אין פסוק כי בענן אראה על הכפרת. אז דער כהן גדול וועט אביין קומען אין קדשי קדשים מיט דעם רויך פון די קטרת וועל איך געזעהן ווערין אויף דעם כפרת. האבין די חכמים געזאגט צו די אפיקורסים עס שטייט דאך אין פסוק מען זאל געבין די קטרת אויף דעם פייער פאר גאט. אין קדשי קדשים. נאר וואס דען מיינט מען מיט דעם וואלקין (מיט דעם רויך) וועל איך געזעהן ווערין אויף דעם כפרת. דאס מיינט מען ער זאל אביין געבין אין די קטרת אזוי א גראז וואס דער רויך גייט גלייך ארויף אזוי וויא א שטעקין:

ו פיסקא. דער כהן גדול איז ארויס געגאנגען פון קדשי קדשים אזוי ווי ער איז אריין געגאנגען. ער האט געהאלטען דעם פנים צום ארון אונ איז ארויס געגאנגען אינטער זיך. זאגט די גמרא פון וואנען ווייסען מיר אז מען דארף אזוי גיין. ווארום רבי שמואל בר נחמני האט געזאגט פון רבי יונתן ווייל עס שטייט אין פסוק שלמה איז געקומען צו דער במה וואס אין גבעון ירושלים. פרעגט די גמרא וויא קומט גבעון צו ירושלים. נאר מיר גלייכען זיין ארויס גיין פון גבעון צו ירושלים צו זיין קומען פון ירושלים צו גבעון. אזוי וויא זיין קומען פון ירושלים צו גבעון איז דאך געווען זיין פנים צו דער במה וואס אין גבעון. אזוי וויא מען קומט. אזוי אז ער איז ארויס געגאנגען פון גבעון צו ירושלים איז אויך געווען זיין פנים

צדוקים

ביאתו מירושלים לגבעון פניו כלפי במה כדרך ביאתו אף יציאתו מגבעון לירושלים פניו כלפי במה כדרך ביאתו וכן כהנים בעבודתם ולוים בדוכנם וישראל במעמדם כשהם נפטרים לא היו מחזירין פניהם והולכים אלא מצדדין פניהם והולכין וכן תלמיד הנפטר מרבו לא יחזיר פניו ויצא אלא יצדד פניו ויצא כי הא דרבי אליעזר כי הוה מיפטר מיניה דרבי יוחנן כי הוה בעי רבי יוחנן לסגויי הוה גחין וקאים רבי אלעזר אדוכתיה עד דהוה מכסי רבי יוחנן מיניה וכי הוה בעי רבי אלעזר לסגויי הוה אזיל לאחוריה עד דהוה מכסי מיניה דרבי יוחנן. רבא כי הוה מיפטר מיניה דרב יוסף הוה אזיל לאחוריה עד דהוו מנגפן כרעיה ומתווסן אסקופתא דבי רב יוסף דמא (שם ע"ב) אמרו ליה לרב יוסף הכי קא עביד רבא אמר ליה יהא רעוא דתרום רישך אבולא כרכא:

ז אמר רבי אלכסנדרי אמר רבי יהושע בן לוי המתפלל צריך שיפסיע שלש פסיעות לאחוריו ואחר כך יתן שלום אמר ליה רב מרדכי כיון שפסע שלש פסיעות לאחריו התם איבעי ליה למיקם משל לתלמיד הנפטר מרבו אם חוזר לאלתר דומה לכלב ששב על קיאו תניא נמי הכי המתפלל צריך שיפסיע שלש פסיעות לאחוריו ואח"כ יתן שלום ואם לא עשה כן ראוי לו שלא התפלל ומשום (ר') שמעיה אמרו שנותן שלום

כליכתו וכו' לירושלים כשהוא מגבעון היתה כביאתו לשם: וישראל במעמדם. העומדים במקום כל ישראל על קרבן התמיד דכתיב תשמרו להקריב לי שהיו עומדים ומשמרים על קרבנם: עד דהוה מכסי מיניה רבי יוחנן שאין רבי אלעזר רואהו: מיניה דרבי יוחנן. שאין ר"י רואהו מחזיר פניו: אמרו ליה לרב יוסף. שהיה מאור עינים ואינו מכיר בדבר: תרום רישך. תהיה ראש ישיבת הכרך:

התם מיבעי ליה למיקם. במקום שהפסיעות כלום ולא לחזור לאלתר: ואם לא עשה כן. נראה כמי שלא נטל רשות ליפטר: וראוי לו שלא התפלל.

צו דער במה וואס אין גבעון. אזוי וויא מען קומט. אונ ער איז גינאנגען אינטער זיך. אונ אזוי די כהנים נאך דער עבודה. אונ די לוים נאך זייער זינגען; אונ די יודין וואס זענען גישטאנען ביי דעם תמיד ווען מען האט אים מקריב גיוועזן. אז זיי גייען אוועק פון זייער ארט האבין זייא ניט אומגיקערט דעם פנים אונ גינאנגען. נאר זיי זענען גינאנגען מיט א זייט, אונ א תלמיד אז ער גייט אוועק פון זיין רבי. זאל ער ניט אומקערין דעם פנים אונ ארויס גיין, נאר ער זאל ארויס גיין מיט א זייט. אזוי ווי רבי אלעזר מיט זיין רבי רבי יוחנן. אז רבי יוחנן פלעגט דארפען אוועק גיין פון רבי אלעזר פלעגט רבי אלעזר שטיין אויף זיין ארט איין גיבויגען ביז ער האט שוין ניט גיזעהן ווא רבי יוחנן איז. אונ אז רבי אלעזר פלעגט אוועק גיין פון רבי יוחנן פלעגט ער גיין אינטער זיך ביז רבי יוחנן האט אים שוין ניט גיזעהן ווא ער איז. אז רבא פלעגט אוועק גיין פון רב יוסף פלעגט ער גיין אינטער זיך ביז ער פלעגט צו קלאפען זיינע פיס. אונ דער שוועלל פון רב יוסף פלעגט זיין בעשמירט מיט בלוט. אונ רב יוסף איז גיוועזן בלינד אונ ער האט דאס נאר ניט גיזעהן. האט מען גיזאגט צו רב יוסף אז טוהט רבא. האט רב יוסף גיזאגט צו רבא עס זאל זיין דער ווילען פון גאט אז דו זאלסט זיין דער גרעסטער פון די ישיבה פון שטאט:

ז אמר. רבי אלכסנדרי האט גיזאגט פון רבי יהושע בן לוים וועגין דער וואס דאווינט שמנה עשרה דארף ער אפ טרעטען דריי טריט אינטער זיך. דער נאך זאל ער זאגין עושה שלום במרומיו. רב מרדכי זאגט אויף דעם ארט וואס די דריי טריט האבין זיך אים גילאזט דארף ער אביסעל שטיין אונ ניט צו גיין באלד צוריק. דאס איז גלייך אזוי ווי א תלמיד וואס גייט אוועק פון זיין רבי. אונ אויב ער גייט באלד צוריק איז ער גלייך אזוי וויא א הונט וואס גייט צוריק צו דעם ארט ווא ער האט אויס גיבראכען דאס עסין. זאגט די גמרא מיר האבין אויך אזו גילערנט דער וואס דאווינט שמנה עשרה דארף ער אפ טרעטין דריי טריט אינטער זיך. דער נאך זאל ער זאגין עושה שלום במרומיו. אונ אויב ער האט ניט אזו גיטאהן מאלט בעסער גיוועזן ער וואלט נאר ניט גידאווינט. פון רבי שמעיהס וועגין האט מען גיזאגט ווען ער זאגט עושה שלום זאל ער זיך איין בייגען פריער צו די רעכטע זייט דער

נאך

לימין ואח"כ לשמאל שנא' (דברים לג) מימינו אש דת למו ואומר (תלים צא) יפול מצדך אלף ורבבה מימינך מאי ואי וב"ת אורחא דמלהא היא למיהב בימין ת"ש יפול מצדך אלף ורבבה מימינך רבא חזיי לאביי דיהיב שלמא לימינא ברישא א"ל מי סברת לימין דידך לשמאל דידך קא אמינ' שהוא ימינו של הקב"ה א"ר חייא בריה דרב הונא חזינא להו לאביי ורבא דפסעי להו שלש פסיעות בכריעה אחת:

**ח ומתפלל** תפלה קצרה בבית החיצון מאי מצלי רבא בר רב אדא ורבין בר רב אדא הרווייהו משמיה דרב אמרי יהי רצון מלפניך ה' אלהינו שתהא שנה זו נשומה ושחונה. שחונה מעליותא היא אלא אימא אם שחונה תהא נשומה רב אחא בריה דרבא מסיים בה משמיה דרב יהודה לא יעדי עביד שולטן מדבית יהודה ולא יהיו עמך ישראל צריכין להתפרנס זה מזה ולא תכנס לפניך תפלת עוברי דרכים. רבי חנינא בן דוסא הוה קאזיל באורחא שדא מטרא עליה אמר לפניו רבון העולם כל העולם כלו בנחת וחנינא

**פירוש**

**אע"פ** כלומר מה היה לו אם לא כתפלל כמו זה י**לו** שלא בא לעולם: מימינו אש דת. אלמא ימין **עדיפא**: ורבבה מימיך. הימין סובלת רבבה **מזיקין**: וכי הימא אורחא הוא. שהימין מוכנת לכבהמש בה ולכך ניהבו הליתות בימין ולאו חביבותא דימין היא: כשמאל דידך שהוא ימינו של הקב"ה. שהמתפלל רואה עצמו כאילו שכינה למול פניו שנאמר שויתי ה' לנגדי תמיד:

**שחונה**. חמה: עביד שולטן. עוברה ממשלה: עוברי דרכים. מתפללים שלא ירדו

---

נָאך צו דִי לִינְקֶע זַייט. אַזוֹ וויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק מִיט זַיין רֶעכְטֶע הַאנְט הָאט עֶר גִיגֶעבִּין אַפַייעֶרְדִיגֶע תּוֹרָה צוּ דִי יוּדִין. זֶעהֶן מִיר אַז דִי רֶעכְטֶע הַאנְט אִיז בֶּעסֶער וויא דִי לִינְקֶע נָאך אַפָּסוּק שְׁטֵייט עֶס וֶועט פַאלִין פוּן דַיין לִינְקֶע זַייט טוֹיזֶענְד מַזִיקִים. אוּנ צֶעהֶן טוֹיזֶענְד וֶועלִין פַאלֶען פוּן דַיין רֶעכְטֶע זַייט. זֶעהֶן מִיר אוֹיךְ אַז דִי רֶעכְטֶע זַייט אִיז בֶּעסֶער ווי דיא לִינְקֶע. וָוארוּם דִי רֶעכְטֶע זַייט קֶען פַאר טְרָאגֶען צֶעהֶן טוֹיזֶענְד מַזִיקִים. אוּנ דִי לִינְקֶע זַייט נָאר טוֹיזֶענְד. צוּ וָואס דַארְף דִי גְמָרָא בְּרֵיינְגֶען צְווֵיי פְּסוּקִים. נָאר פוּן עֶרְשְׁטִין פָּסוּק אִיז נִיט קֵיין בֶּעווַייז אַז דִי רֶעכְטֶע הַאנְט אִיז בֶּעסֶער ווי דִי לִינְקֶע. וָוארוּם דֶער שְׁטֵייגֶער אִיז אַז מֶען גִיט אַזַאךְ נִיט מֶער מִיט דִי רֶעכְטֶע הַאנְט. דְרִיבֶּער אִיז דִי תּוֹרָה אוֹיךְ גִיגֶעבִּין גִיוָוארְעֶן מִיט דִיא רֶעכְטֶע הַאנְט. דְרִיבֶּער בְּרֵיינְגְט מֶען דֶעם אַנְדֶערֶען פָּסוּק דָארְט זֶעהֶן מִיר אַז דיא רֶעכְטֶע זַייט אִיז בֶּעסֶער ווי דִי לִינְקֶע. וַוייל דִי רֶעכְטֶע זַייט קֶען פַארְטְרָאגֶען צֶעהֶן טוֹיזֶענְד מַזִיקִים אוּנ דִי לִינְקֶע זַייט נָאר טוֹיזֶענְד. רָבָא הָאט גִיזֶעהֶן וויא אַבַּיֵי בֵּייגְט זִיךְ פְרִיעֶר צוּ זַיין רֶעכְטֶע זַייט דֶער נָאךְ צוּ זַיין לִינְקֶע זַייט. הָאט רָבָא גִיזָאגְט צוּ אַבַּיֵי דוּ מֵיינְסְט צוּ דַיין רֶעכְטֶע זַייט זָאלְסְטוּ דִיךְ פְרִיעֶר בּוֹיגֶען: צוּ דַיין לִינְקֶע זַייט זָאלְסְטוּ דִיךְ פְרִיעֶר בּוֹיגִין וָואס דָאס אִיז דִיא רֶעכְטֶע זַייט פוּן גָאט. וָוארוּם דֶער וָואס דַאוֶוענְט שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה דַארְף עֶר טְרַאכְטֶען אַז גָאט שְׁטֵייט גֶעגִין זִיְם. אִיז דָאךְ דִי לִינְקֶע זַייט פוּן מֶענְטְשׁ גֶעגִין דִי רֶעכְטֶע זַייט פוּן גָאט. רַבִּי חִייָא בְּרֵיה דְרַב הוּנָא הָאט גִיזָאגְט אִיךְ הָאבּ גִיזֶעהֶן אַבַּיֵי אוּנ רָבָא נָאךְ שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה פְלֶעגֶען זֵיי אֵיין בּוֹיגֶען דֶעם קָאפּ גְלֵייךְ גֶעגִין דֶעם אָרְט וְוא זֵיי הָאבִּין גִידַאוֶוענְט אוּנ פְלֶעגִין אָפּ טְרֶעטֶען דְרַיי טְרִיט אִינְטֶער זִיךְ:

**ח** וּמִתְפַּלֵּל. דֶער כֹּהֵן גָדוֹל הָאט מִתְפַּלֵּל גִיוֶוען אַקוּרְצֶע תְּפִלָּה אִין הֵיכָל. וָואס הָאט עֶר גִיבֶּעטִין. רָבָא בַּר רַב אַדָא אוּנ רָבִין בַּר רַב אַדָא בֵּיידֶע הָאבִּין גִיזָאגְט פוּן רַבְ'ס וֶועגֶען. אַזוֹי הָאט עֶר גִיבֶּעטִין. עֶס זָאל זַיין דֶער ווילֶען פַאר דִיר גָאט אוּנְזֶער גָאט דֶער יָאהר זָאל זַיין אַרֶעגֶענְדִיגֶער אוּנ אַהֵייסֶער. פְרֶעגְט דִי גְמָרָא אִיז דֶען גוּט אַהֵייסֶער יָאהר. נָאר אַזוֹי הָאט עֶר גִיבֶּעטִין. אוֹיבּ דֶער יָאהר דַארְף זַיין אַהֵייסֶער זָאל גָאט עֶנְדֶערִין דִי נַאטוּר אוּנ עֶס זָאל זַיין אַרֶעגֶענְדִיגֶער יָאהר. רַב אַחָא בְּרֵיה דְרָבָא זָאגְט פוּן רַב יְהוּדָה'ס וֶועגִין דֶער כֹּהֵן גָדוֹל הָאט נָאךְ גִיבֶּעטִין עֶס זָאל נִיט אָפּ גִיטָאהן וֶוערִין דִי מְלוּכָה פוּן שֵׁבֶט יְהוּדָה. אוּנ דִי יוּדִין זָאלֶען נִיט דַארְפֶען גִישְׁפֵּייזְט וֶוערֶען אֵיינֶער פוּן אַנְדֶערִין. אוּנ דוּ זָאלְסְט נִיט צוּ הֶערִין דִי תְּפִלָּה פוּן דִי מֶענְטְשִׁין וָואס גֵייעֶן אִין וֶועג וָוארוּם דִי מֶענְטְשִׁין וָואס גֵייעֶן אִין וֶועג בֶּעטִין עֶס זָאל נִיט רֶעגֶענֶען. רַבִּי חֲנִינָא בֶּן דוֹסָא אִיז אַמָאהל גִיגַאנְגֶען אִין וֶועג. הָאט גִירֶעגְנְט אוֹיף אִים. הָאט

וחנינא בצער פסק מטרא כי אתא לביתיה אמר רבון העולמים כל העולם בצער וחנינא בנחת אתא מטרא אמר רב יוסף מאי אהניא ליה צלותיה דכהנא רבא לגבי רבי חנינא בן דוסא :

גמ' : וחנינא בנחת . שאין לו איעה כבדוס : ויביאהו בבלה . ליהויכין : עם כלי חמדת . הוא שלהו : וידיכו הבדים וגו' . סיפיה

**ט תנו** רבנן מעשה בכהן גדול אחד שהאריך בתפלתו ונמנו אחיו הכהנים ליכנס אחריו התחילו הן נכנסין והוא יוצא אמרו לו מפני מה הארכת בתפלתך אמר להם קשה בעיניכם שהתפללתי עליכם ועל בית המקדש שלא יחרב אמר להם אל תהי רגיל לעשות כן שהרי שנינו לא היה מאריך בתפלתו כדי שלא להבעית את ישראל :

**י פיסקא** משניטל הארון וכו' משנגנז לא קתני אלא משניטל תנן כמ"ד ארון גלה לבבל דתניא רבי אליעזר אומר ארון גלה לבבל שנאמר (ד"ה ב לו) ולתשובת השנה שלח המלך נבוכדנצר ויביאהו בבלה עם כלי חמדת בית ה' וימלך את צדקיהו אחיו על יהודה וירושלים רבי שמעון בן יוחאי אומר ארון גלה לבבל שנאמר (מלכים ב כ) לא יותר דבר אמר ה' אלו עשרת הדברות שבו רבי יהודה בן לקיש אומר ארון במקומו נגנז שנאמר (שם ח ח) וי..דיכו הבדים ויראו

ראשי

---

רבי חנינא גיזאגט פאר גאט רבון העולם (האר פון די וועלט) די גאנצע וועלט האבען נחת פון דעם רעגען . (ווי האבען פעלדער) , אונ חנינא האט צער פון דעם רעגען . ואיך קען ניט גיין אין וועגן . האט אויפגיהערט דער רעגען . אז רבי חנינא איז געקומען אהיים האט ער גיזאגט פאר גאט רבון העולמים (האר פון די וועלטין) די גאנצע וועלט האבין צער ווייל עס גייט ניט רעגען ווייל זיי האבין פעלדער) . אונ חנינא האט נחת ווייל איך האב ניט קיין פעלדער) איז גיקומען רעגין . האט רב יוסף גיזאגט וואס האט גיהאלפען די תפלה פון כהן גדול ביי רבי חנינא בן דוסא . גאט האט בעסער גיהערט די תפלה פון רבי חנינא בן דוסא ווי די תפלה פון כהן גדול :

**ט** תנו רבנן . די רבנן האבין גילערנט עס האט אמאהל געטראפען אכהן גדול האט לאנג גיבעטען אין היכל . האבען די כהנים גיוואלט אריין גיין אין היכל זעהן וואס ער טוהט דארט אזוי לאנג . ווי זיי האבען אנגיהויבען אריין צו גיין איז ער ארוים גיגאנגען . האבען די כהנים גיזאגט צום כהן גדול פאר וואס האסטו אזו לאנג גיבעטען . האט דער כהן גדול גיזאגט צו די כהנים עס פר דריסט אייך וואס איך האב גיבעטען אויף אייך אונ אויף דעם בית המקדש ער זאל ניט חרוב ווערען . האבען די כהנים גיזאגט צום כהן גדול דו זאלסט ווייטער ניט טאן אזו . ווארום מיר האבען גילערנט דער כהן גדול האט ניט לאנג גיבעטין ער זאל ניט דער שרעקין די יודין :

**י** פיסקא . אין דער משנה שטייט וויא דער ארון איז צו גינומען געווארען . זאגט די גמרא עס שטייט ניט ווי דער ארון איז בעהאלטען גיווארען . נאר עס שטייט וויא ער איז צו גינומען געווארען . האבין מיר דאך גילערנט וויא דער וואס זאגט דער ארון איז פארטריבען גיווארען אין בבל . ווארום מיר האבין גילערנט רבי אליעזר זאגט דער ארון איז פאר טריבען געווארען אין בבל . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אויף דעם אנדערען יאהר האט געשיקט דער מלך נבוכדנצר אונ מען האט איהם (יהויכין) גיבראכט אין בבל מיט אלע טייערסטע כלים ומיט דעם ארון) פון בית המקדש אונ ער האט גימאכט קיניגען זיין ברודער צדקיהו אויף יהודה אונ ירושלים . רבי שמעון בן יוחאי זאגט דער ארון איז פאר טריבען גיווארען פון ירושלים אין בבל . אזוי וו א עס שטייט אין פסוק גאט האט גיזאגט איין זאך וועט ניט בלייבין אין ירושלים . אפילו די עשרת הדברות וואס אין ארון מיט דעם ארון ווערין אויך קומען אין בבל . רבי יהודה בן לקיש זאגט דער ארון איז בעהאלטען גיווארען אויף זיין ארט אין קדשי קדשים . ווארום עס שטייט אין פסוק די שטעקנס פון ארון זענען ארוים גיגאנגען לייגגער

יויא

יקרא ויהיו שם עד סוף הפ׳ : ופליגא דעולא . הא דתניא רבי שמעון אומר ארון גלה לבבל : ראשונה ושניה . כלומר משני מקראות : כל הדרה חדרה . כגון בהדרי חדרים : נ״ב שם . היו מחרבות ירושלים נגלה לדקים עד פקידת כורש שעלו לבנות הבית בבבי לסוף ע׳

ראשי הבדים מן הקדש על פני הדביר ולא יראו החוצה ויהיו שם עד היום הזה ופליגא דעולא דאמר עולא שאל רבי מתיא בן חרש לרבי שמעון בן יוחאי ברומי וכי מאחר שרבי אלעזר מלמדנו פעם ראשונה ושניה ארון גלה לבבל ראשונה הא דאמרן ויביאהו בבלה עם כלי חמדת בית ה׳. שניה מאי היא דכתיב (איכה א) ויצא מן בת ציון כל הדרה. (דף מד) מאי כל הדרה חדרה. אתה מה אתה אומר אמר לו שאני אומר ארון במקומו הוא נגנז שנאמר ויאריכו הבדים ויראו ראשי הבדים מן הקדש על פני הדביר ולא יראו החוצה ויהיו שם עד היום הזה (ירושלמי ורבנן אמרי בלשכת דיר העצים נגנז) :

יא כתיב (מלכים א ח) ויאריכו הבדים ויראו ראשי הבדים וגו׳ מכאן שארון במקומו נגנז אמר ליה (רבא) [רבה] לעולא מאי משמע אמר ליה דכתיב עד היום הזה. וכל היכא דכתיב עד היום הזה לעולם הוא והא כתיב (שופטים א) ואת היבוסי יושב ירושלים לא הורישו בני בנימין וישב היבוסי את בני בנימין בירושלים עד היום הזה הכי נמי דלא גלו והא תניא רבי יהודה אומר שתים וחמשים שנה לא עבר



---

וויא דער ארון . די שפיצען פון די שטעקינס זענען געזעהן געווארען פון קדשי קדשים אויף דעם דביר דאס איז די וואנט אדער דער פרוכת וואס איז געווען צווישען קדשי קדשים אונ היכל . די שטעקינס זענען ניט געזעהן געווארען אין היכל . נאר מען האט געזעהן ווי זייא שטעקען אין פרוכת . אונ זיי זענען דארט געווען געבליבען ביז דעם היינטיגען טאג . ווייל דער ארון מיט די שטעקינס זענען דארט בעהאלטען געווארען . אונ רבי שמעון וואס ער זאגט דער ארון איז פארטריבען געווארען אין בבל קריגט ער אויף עולא . וואדום עולא האט געזאגט רבי מתיא בן חרש האט געפרעגט רבי שמעון בן יוחאי אין רום ווייל רבי אלעזר האט אונז געלערנט איין מאהל אונ צוויי מאהל. אז דער ארון איז פאר טריבען געווארען אין בבל . איין מאהל האט ער אונז געלערנט פון דעם פסוק מען האט געבראכט יהויכין אין בבל צו זאמען מיט די גרויסטיגע כלים פון בית המקדש . דאס מיינט מען דעם ארון . אזוי וויא עס שטייט פריער . נאך אמאהל האט ער אונז געלערנט פון דעם פסוק ויצא מן בת ציון כל הדרה . ואלסט ניט לייענען הדרה נאר חדרה . עס איז ארויס געגאנגען פון ציון אלע בעהאלטענע זאכען . דאס מיינט מען דעם ארון וואס ער איז געווען בעהאלטען אין קדשי קדשים איז ער געקומען אין בבל . וויא זאגסטו . האט רבי שמעון געזאגט איך זאג דער ארון איז בעהאלטען געווארען אויף זיין ארט אין קדשי קדשים . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק זייא זענען דארט געווען געבליבען ביז דעם היינטיגען טאג . אזוי ווי רבי יהודה בן לקיש האט פריער געזאגט . אונ די רבנן זאגען דער ארון איז בעהאלטען געווארען אין דעם שפייכלער וואו די האלץ איז געלעגען :

יא כתיב . עס שטייט אין פסוק די שטעקינס פון ארון זענען ארויס געגאנגען לייגנער ווי דער ארון . אונ די שפיצען פון די שטעקינס זענען געזעהן געווארען פון קדשי קדשים אויף דעם דביר . פון דאנען ווייסען מיר אז דער ארון איז בעהאלטען געווארען אויף זיין ארט אין קדשי קדשים . האט רבה געזאגט צו עולא ווי אזוי לערנען מיר דאס אפ פון דעם פסוק אז דער ארון איז בעהאלטען געווארען . האט עולא געזאגט ווייל עס שטייט אין פסוק זייא זענען דארט געווען געבליבען ביז היינטיגען טאג . אזוי וויא רבי יהודה בן לקיש האט פריער געזאגט פרעגט די גמרא אונ וואו עס שטייט ביז היינטיגען טאג מיינט מען דאס אייביג . עס שטייט דאך אין פסוק דעם יבוסי וואס איז געזעסען אין ירושלים האבען דיא בני בנימין ניט פאר טריבען . איז געזעסען דער יבוסי מיט דיא קינדער בנימין אין ירושלים ביז היינטיגען טאג . דעסטו אויך זאגען אז זיי זענען ניט פאר טריבען געווארען . מיר האבען דאך געלערנט רבי

איש ביהודה שנאמר (ירמיה ט) על ההרים אשא בכי ונהי ועל נאות מדבר קינה כי נצתו מבלי איש עובר ולא שמעו קול מקנה מעוף השמים ועד בהמה נדדו הלכו בהמה בגימטריא הכי הוו ותניא רבי יוסי אומר שבעה שנים נתקיימה בארץ ישראל גפרית ומלח. ואמר רבי יוחנן מאי טעמא דרבי יוסי דאתיא ברית ברית כתיב הכא (דניאל ט) והגביר ברית לרבים שבוע אחד וכתיב התם (דברים כט) ואמרו על אשר עזבו את ברית ה' אלהי אבותם (מה התם שבוע אחד אף הכא שבוע אחד) אמר ליה התם כתיב שם הכא לא כתיב שם וכל היכא דכתיב שם לעולם הוא (והאמר רב יוסף מ"ד) [מיתיבי] (ד"ה א ד) ומהם מן בני שמעון אשר הלכו להר שעיר אנשים חמש מאות ופלטיה ונעריה ורפיה ועזיאל בני ישעי בראשם ויכו את שארית הפליטה לעמלק וישבו שם עד היום הזה (הכי נמי דלא גלו והא אמר מר דגלו) וכבר עלה סנהרב ובלבל את כל האומות שנאמר (ישעיה י) ואסיר גבולות עמים תיובתא:

אמר

שנה למלכות יהויקים היתה הפקודה כמו שכתוב במגילה וי"ח שנה היה מלכות יהויקים עד חרבות ירושלים. דאמר מר גלו (לבבל) בז' גלו בח' גלו בי"ח גלו בי"ט ופי' גל' יכניה בשבעה לגלות כיבוש יהויקים בהוא שמנה לנבוכדנאצר גלה צדקיהו וגלותו לחרבות ירושלים בי"ח למלכות יהויקים שהוא י"ט לנבוכדנאצר דאמר מר שנה ראשונה כיבש נינוה שניה עלה וכיבש יהויקים: עד בהמה. בהמה בגימטריא נ"ב הוו: והגביר ברית לרבים. בספר דניאל כתיב וסכי מפרש ליה רבי יוחנן אותו ברית האמור בגפרית ומלח שנאמר בו על אשר עזבו את ברית ה' הגבירו בו כתוב על ישראל שבוע אחד: לרבים. לשרים כמו וכל רבי מלך



יהודה זאגט צווייא און פופציג יאהר איז קיין מענטש ניט דורך גיגאנגען אין יהודה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ירמיה הנביא האט גזאגט אויף דיא בערג וועל איך אויף הייבען אגיוויין און אקלאג. און אויף די וואהנונג פון דער מדבר וועל איך קלאגען. ווארום זיי זענען פאר וויסט גיווארען אז קיין מענטש גייט ניט דורך. און מען הערט ניט קיין קול פון בהמות. פון פייגלען ביז בהמה זענען אוועק גיגאנגען פון דעם ארט. דער ווארט בהמה בטרעפט צווייא און פופציג. מיר האבען גילערנט רבי יוסי זאגט זיבען יאהר איז גיוועזן דיא ערד פון ארץ ישראל שוועביל און זאלץ. און רבי יוחנן האט גזאגט פון וואגען וויים דאס רבי יוסי. ווארום מען לערנט אגזרה שוה ברית ברית. דא שטייט והגביר ברית לרבים שבוע אחד. ער האט גישטארקט דעם ברית וואס שטייט ביי שוועביל און זאלץ צו פיל מענטשין. איין שמטה זיבען יאהר. און דארטען שטייט זיי וועלען זאגען ווייל זיי האבען פאר לאזט דעם ברית פון גאט פון זייערע עלטערין דריבער איז גיווארין זייער ערד שוועביל און זאלץ. אזוי וויא דארט שטייט איין שמטה זיבען יאהר. אזוי דא איז אויך גיוועזן די ערד שוועביל און זאלץ איין שמטה זיבען יאהר. זעהן מיר דאך פון דאנען אז זיי זענען פאר טריבען גיווארען. דא עולא גיענטפערט דארטין ביי דעם ארון שטייט שם. ויהיו שם עד היום הזה. דער ארון איז געבליבען דארט אין קדשי קדשים בעהאלטען אויף אייביג. אבער דא ביי דעם יבוסי שטייט ניט שם. עס שטייט נאר עד היום הזה. זיי זענען גיוועזן ביז דעם היינטיגען טאג. אבער מיר וויסען ניט וואו זיי זענען גיוועזן. פרעגט די גמרא און וואו עס שטייט שם. מיינט מען זייא זענען דארט גיוועזן אייביג. רב יוסף האט דאך גזאגט עס שטייט אין פסוק. פון זייא פון דיא קינדער שמעון וואס זענען גיגאנגען צום בארג שעיר איז גיוועזן פינף הונדערט מענטשין. און פלטיה און נעריה און רפיה און עזיאל די קינדער פון ישעי זענען גיגאנגען פאר אוים. און זיי האבען גישלאגען דאס איבעריגע אנטרינונג פון עמלק און זייא זענען דארט גיזעסען ביז היינטיגען טאג. וועלין מיר אויך זאגען אז זיי זענען ניט פאר טריבען גיווארען. סנחריב האט דאך צו מישט אלע פעלקער. און ער האט זיי ארוים געטריבען פון זייערע לענדער. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק בנחריב הט גזאגט איך וועל אפ טאהן די גרענעצין פון די פעלקער. זאגט דיא גמרא עס בלייבט טאקי אקשיא:

בגל: מתעסק. בטיל ובחוק: הרצפה משונה. אחת מן הטבלאות של שיש שבה נפה ראה גבוה מחברותיה והבין דסלקוה מאחר שנסדרה שם: ביחוד. בבירור: מתליעין בעצים. דהנך כל עץ שיש בו תולעת פסול למזבח: בעלי מומין. שאינן ראויין לעבודה אחרת:

אלא נראין. כדמפרש ומזיל בברייתא שהיו דוחקין ובולטין בפרוכת ונראין כבדי דדי אשה שבולטין מתחת חלוקה: ויוצאין בפרוכת. בפרוכה כנגד ספתה שבמחילת אמה טרקסין והפתח היה

**יב אמר** רב נחמן תנא וחכמים אומרים ארון בלשכת דיר העצים הוא נגנז. אמר רב נחמן בר יצחק אף אנן נמי תנינא מעשה בכהן אחד שהיה מתעסק וראה הרצפה שהיא משונה מחברותיה בא להודיע את חביריו ולא הספיק לגמור את הדבר עד שיצאה נשמתו וידעו ביחוד ששם הארון נגנז שמע מינה. מאי הוה קא עביד אמר רבי חלבו מתעסק בקרדומו היה. תנא דבי רבי ישמעאל שני כהנים בעלי מומין היו שהיו מתליעין בעצים ונשכטה קרדומו של אחד מהן ונפלה שם ונצתה אור [ויצתה אש] ואכלתו:

**יג רב** יהודה רמי כתיב (מלכים א ח) ויאריכו הבדים ויראו ראשי הבדים וכתיב ולא יראו החוצה הא כיצד (דוחקין ובולטין בפרוכת) נראין ואינן נראין. תניא נמי הכי ויאריכו הבדים יכול לא יהיו זזין ממקומן תלמוד לומר ויראו ראשי הבדים אי ויראו ראשי הבדים יכול יהו מקרעין ויוצאין בפרוכת תלמוד לומר ולא יראו החוצה אי ולא יראו החוצה יכול לא יהו נוגעין תלמוד לומר ויראו הא כיצד דוחקין ובולטין ויוצאין בפרוכת ונראין

---

**יב** אמר. רב נחמן האט געזאגט מיר האבען געלערנט די חכמים זאגען דער ארון איז בעהאלטען געווארען אין דעם שפייכלער וואו דיא האלץ איז געלעגען. רב נחמן בר יצחק זאגט מיר האבען אויך אזוי געלערנט עס האט אמאהל געטראפען אכהן איז געוועזען אין דעם שפייכלער וואו די האלץ איז געלעגען. אונ האט געלאכט. דער וויל האט ער דער זעהן אז איין מארמאר שטיין פון די פאדלאגע ליגט ניט גלייך מיט אלע שטיינער. נאר אביסעל העבער. האט ער פאר שטאנען אז דער שטיין איז ארויס גענומען געווארען אונ צוריק אריין געלייגט געווארען. אונ געוויס האט מען עפעס בעהאלטען אונטער דעם שטיין. איז ער געגאנגען זאגען זיינע חברים מען זאל גיין זעהן וואס אונטער דעם שטיין ליגט. אונ איידער ער האט אויס גילאזט זיינע רייד איז ער געשטארבען. האט מען געוואוסט געוויס אז דארט איז בעהאלטען דער ארון. וואס האט דער כהן געטאהן אין דעם האלץ שפייכלער. האט רבי חלבו געזאגט ער האט זיך געשפילט מיט די האק. דבי רבי ישמעאל האבען געלערנט צוויא כהנים וואס האבען געהאט פעלערס זענען געוועזען אין דעם האלץ שפייכלער אונ האבען געקליבען דיא ווערעמדיגע האלץ געווארום ווערעמדיגע האלץ טאר מען ניט לייגען אויף דעם מזבח. דער וויל איז ארויס געפאלען ביי איינעם פון זיי די האק זיינע. אונ דיא האק איז געפאלען אויף דעם שטיין וואס איז געוועזען העכער. איז ארויס אפייער אונ האט איהם פאר ברענט:

**יג** רב יהודה האט געפרעגט אין איין פסוק שטייט דיא שטעקנס פון ארון זענען ארויס געגאנגען לייגנער וויא דער ארון אונ די שפיצען פון די שטעקנס זענען געזעהן געווארען. אונ אין איין פסוק שטייט די שטעקנס זענען ניט געזעהן געווארען אויסער דעם קדשי קדשים. וויא אזוי איז דאס געוועזען. נאר די שטעקנס האבען געשטויסען אין דעם פרוכת. זיי זענען געזעהן געווארען אונ ניט געזעהן געווארען. מיר האבען אויך אזוי געלערנט. אין פסוק שטייט די שטעקנס פון ארון זענען ארויס געגאנגען לייגנער ווי דער ארון. וואלט איך וועלין מיינען דיא שטעקנס זאלין ניט גערירט ווערין פון ארט. שטייט אין פסוק די שפיצען פון די שטעקנס זענען געזעהן געווארין. וואלט איך וועלין מיינען אז די שטעקנס זאלין לעבערין דעם פרוכת אונ ארויס גיין אין היכל. שטייט אין פסוק זיי זאלין ניט געזעהן ווערין אויסער דעם קדשי קדשים. וואלט איך וועלין מיינען די שטעקנס זאלין ניט אן רירען דעם פרוכת. שטייט אין פסוק זייא זאלין געזעהן ווערין. וויא איז געוועזען. נאר דיא שטעקנס האבין געשטויסען אין דעם פרוכת. אונ דם

האט

ונראין כמין שני דדי אשה שנאמר (שה"ש א) צרור המור דודי לי בין שדי ילין אמר רב קטינא בשעה שהיו ישראל עולין לרגל (מגלין) [מגללין] להם את הפרוכת ומראין להם את הכרובים שהיו מעורין זה בזה והיו אומרים להם ראו חבתכם לפני המקום כחבת זכר עם נקבה. כתיב רב חנא בר רב קטינא מעשה בכהן אחד שהיה מתעסק וכו' אמר ליה נתגרשה קאמרת נתגרשה חזרה לחבתה הראשונה במאי עסקינן אי נימא במקדש ראשון מי הואי פרוכת אלא במקדש שני מי הוו כרובים לעולם במקדש ראשון ומאי פרוכת פרוכת דבבי:

גו' אלא הנה סרקסין במקדש ראשון: הכרובים שהיו מעורין זה בזה. מדובקין ואוחזין זה את זה כזכר המחבק את הנקבה. נתגרשה קאמרת. כלומר מעשה בביזה שני הוה ואתה מנגרשה וחזרה לאהבתה הראשונה. לאתחלת הבנין שאין בנין זה בזה: במאי עסקינן. דאי מגלין להן הפרוכת ומראין להן הכרובים: מי הוו כרובים. דקס"ד בכרובים שעשה שלמה אלא הארון וזה ומאי קאמר: דבבי. שכנגד הפתחים פתח אולם והיכל ובית קה"ק: מעורין. דבוקים כמו אם כן מעורין בנידין: הוציאום לשוק. קללים מן הכותל: מגלין נכרא. מין נבלות הולכה וסביבין כדכתיב

יד אמר ריש לקיש בשעה שנכנסו עכו"ם להיכל מצאו כרובין המעורין זה בזה הוציאו אותן לשוק אמרו ישראל הללו שברכתן ברכה וקללתן קללה עוסקין בדברים הללו כיד הזילוה שנאמר (איכה א) כל מכבדיה הזילוה כי ראו ערותה:

טו פיסקא ושתיה היתה נקראת וכו' תנא שממנה הושתת העולם תני כמ"ד עולם מציון נברא

---

האט אויס געזעהן אזוי וויא די צווייא בריסט פון אאשה וואס ווערין געזעהן דורך איר העמד · אזוי וויא עס שטייט אין פסוק בין שדי ילין · נאט נעבטינט ווער וואהנט צווישען מיינע בריסט · רב קטינא האט געזאגט ווען דיא יודען זענען געקומען אויף יום טוב אין ירושלים האט מען געעפינט דעם פרוכת אונ מען האט זייא געוויזען וויא די כרובים זענען בהעפט איינער צום אנדערין · אונ מען האט געזאגט צו די יודען זעהט אייער ליבשאפט פאר גאט אזוי וויא דיא ליבשאפט פון א זכר מיט א נקבה · רב חנא בר רב קטינא האט געפרעגט מיר האבין דאך געלערונט אז דער ארון איז בעהאלטען געווארין · האט דאך גאט ניט ליב די יודין · האט רב קטינא געזאגט צו רב חנא דוא שמועסט פון אזייב וואס דער מאן האט איר געגט דער נאך האט ער איר צוריק גענומען · די ליבשאפט איז א נייע · זענען זיי גלייך ווי זיי וואלטין זיך קיין מאל ניט געקענט · אזוי דא ווייל דער בית המקדש איז חרוב געווארין · אונ איז צוריק געבאהט געווארין · איז א נייע ליבשאפט פון גאט מיט דיא יודין · דריבער זענען זייא ניט געוועזען אזוי בהעפט איינער צום אנדערין · פרעגט דיא גמרא ווען שמועסט מען דא מען האט זיי געעפינט דעם פרוכת · ואלין מיר זאגען ביי דעם ערשטין בית המקדש · איז דאך ניט געוועזען קיין פרוכת · נאר א וואנט איז געוועזען צווישען קדשי קדשים אונ היכל · זאלין מיר זאגין ביי דעם אנדערין בית המקדש · איז דאך ניט געוועזען קיין כרובים · ענטפערט דיא גמרא מען שמועסט פון ערשטין בית המקדש · נאר מען מיינט דעם פרוכת פון די טיר וואס איז געוועזען אין דיא וואנט :

יד אמר · ריש לקיש האט געזאגט ווען די עכו"ם זענען אריין געקומען אין היכל האבען זיי געפונען די כרובים זענען בהעפט איינער צום אנדערין · האבען זיי ארויס געטראגען דיא כרובים אין גאס · אונ האבען געזאגט · די יודען וואס ווען זיי בענטשין איז ער געבענטשט · אונ ווען זיי פלוכין איז ער געפלוכט · זאלען זיי האלטען אין זייער בית המקדש אזעלכע זאכען · האבען זיי באלד פאר שעמט די יודען · אזוי וויא עס שטייט אין פסוק די עכו"ם וואס האבען אמאהל געגעבין כבוד צו די יודען האבען זיי היינט פאר שעמט דיא יודין · ווייל זייא האבען געזעהן איר שאנד · ועיין בהריטב"א :

טו פיסקא · אין די משנה שטייט דעם שטיין וואס איז געלעגין אין קדשי קדשים האט מען גירופען שתיה · פאר וואס האט מען איהם גירופען שתיה · מיר האבען געלערונט ווי·

נברא דתניא רבי אליעזר אומר עולם מאמצעיתו נברא שנאמר (איוב לח) בצקת עפר למוצק ורגבים ידובקו רבי יהושע אומר מצדדין נברא שנאמר (איוב לז) כי לשלג יאמר הוי ארץ וגשם מטר וגשם מטרות עוזו רבי יצחק אמר אבן ירה הקדוש ב"ה בים וממנה הושתת העולם שנאמר (שם לח) על מה אדניה הטבעו או מי ירה אבן פנתה. וחכמים אומרים מציון נברא שנאמר (תהלים נ) מזמור לאסף אל אלהים ה' דבר ויקרא ארץ ממזרח שמש עד מבואו. ואומר מציון מכלל יופי אלהים הופיע. ממנו מוכלל יופיו של עולם. תניא רבי אליעזר [הגדול] אומר תולדות השמים משמים נבראו תולדות הארץ מהארץ נבראו שנאמר (בראשית ב) אלה תולדות השמים והארץ בהבראם. וחכמים אומרים אלו ואלו מציון נבראו שנאמר (מזמור לאסף אל אלהים ה' דבר ויקרא ארץ וגו' ואומר) (תהלים נ) מציון מכלל יופי ממנו מוכלל יופיו של עולם:

(דף ה) **מז אמר** ליה ההוא מינאה לרבי חנינא השתא בריי טמאין אתון דכתיב (איכה א) טומאתה

פירוש

**ארגבים עד** כוף העולם מכל צד: בצקת עפר למוצק. מוצק אחד היה לו וממנו נדבקו הרגבים כל סביביו: מן הצדדין נברא. ארבעה מוצקות היו לו וממנה והלך מכל צד עד שנדבק כלם יחד: כי לשלג יאמר הוי ארץ. תעשה ארץ ומכאן גבם מטר וגשם מטרות מד' צדדין הורידו לו גשמים להתהוות ארץ: מציון מכלל יופי. כתיב: תולדות השמים. תולדות וכו' בגיס. כ"ש תולדות השמים משמים נבראו ותולדות הארץ מהארץ נבראו: השתא בריי ולאו טמאין אתון. ואתון בהיכה גניכס שי"ה בטומאה:

פון דעם שטיין איז בשאפען געווארען די וועלט. מיר האבען געלערנט אזוי ווי דער וואס זאגט די וועלט איז בשאפען געווארען פון ציון. ווארום מיר האבען געלערנט רבי אליעזר זאגט די וועלט איז בשאפען געווארען פון דער מיטען. אונ ציון איז אין מיטען וועלט. פריער איז ציון בשאפען געווארען. איין שטיק ערד; אונ צו ציון איז בהעפט געווארען ביסלאכווייז שטיקער ערד אין יעדער זייט ביז עס איז געווארען אגרויסע ערד אזוי ווי זיא איז היינט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק בצקת עפר למוצק ורגבים ידובקו. מען האט געמאכט איין שטיק ערד אפודאמענט. אונ צו איר איז צו געקלעבט געווארען נאך שטיקער ביז עס איז געווארען אוועלט. רבי יהושע זאגט פיר שטיקער ערד איז בשאפען געווארען אין אלע פיר זייטען. אין יעדער זייט איין שטיק ערד. אונ דיא פיר שטיקער ערד האבען זיך צו זאמען געצויגען ביז זיי זענען בהעפט געווארען אין דער מיטען. אונ עס איז געווארען אגאנצע ערד; אזו וויא עס שטייט אין פסוק צום שניי האט גאט געזאגט דו זאלסט ווערען ערד. אונ צום רעגען האט אויך גאט געזאגט ער זאל ווערען ערד. אונ עס האט אן געהויבען צוא רעגענען אין אלע פיר זייטען פון דיא וועלט. אונ פון דעם רעגען איז געווארען ערד: רבי יצחק זאגט גאט האט געווארפען אשטיין אין ים אונ פון דעם שטיין איז געווארען דיא גאנצע ערד. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אויף וואס איז בעגרינדעט געווארען די שטעלען פון די ערד. אדער ווער האט געווארפען איר ווינקעל שטיין; דיא חכמים האבען געזאגט פון ציון איז בשאפען געווארען די וועלט. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק מזמור לאסף גאט האט גירעט אונ האט גירופען די ערד פון מזרח זייט וואו די זון שיינט אויף ביז מערב זייט ווא גייט זיא אונטער. נאך שטייט אין פסוק מציון מכלל יופי אלהים הופיע. פון ציון איז בעגרינדעט געווארען דיא שיינקייט פון דער וועלט. מיר האבען געלערנט רבי אליעזר הגדול זאגט אלע זאכען פון הימעל וויא זוהן דיא לבנה דיא שטערין זענען בשאפען געווארען פון הימעל. אונ אלע זאכען פון דיא ערד זענען בשאפען געווארען פון דיא ערד אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דיא זאכען זענען געבאהרען געווארען פון דיא הימעל אונ פון די ערד ווען זיי זענען בשאפען געווארען. אונ דיא חכמים זאגען אלע זאכען זענען בשאפען געווארען פון ציון; אזוי וויא עס שטייט אין פסוק מזמור לאסף גאט האט גירעט אונ האט גירופען דיא ערד. נאך שטייט אין פסוק פון ציון איז בעגרינדעט געווארען די שיינקייט פון דער וועלט וויא פריער שטייט:

**מז** אמר. אאפיקורס האט געזאגט צו רבי חנינא איצט זענט איר דאך געווען טמא.

טומאתה בשוליה אמר ליה תא חזי מה כתיב בהו (ויקרא טז) השוכן אתם בתוך טומאותם אפילו בזמן שהם טמאים שכינה עמהם :

## שני שעירי פרק ששי

(דף סו) (משנה) **א מסרו** למי שהיה מוליכו הכל כשרים להוליכו אלא שעשו הכהנים קבע ולא היו מניחין את ישראל להוליכו אמר ר"י מעשה והוליכו ערסלא וישראל היה וכבש עשו לו מפני הבבליים שהיו מתלשין בשערו ואומרים לו טול וצא טול וצא :

(ע"ב) **ב שאלו** את רבי אליעזר חלה מה שירכיבהו על כתפו אמר ליה יכול הוא להרכיב אני ואתם חלה משלחו מהו שישלחנו ביד אחר א"ל אהא בשלום אני ואתם דחפו ולא מת מהו שירד אחריו וימיתנו אמר ליה (שופטים ה) כן יאבדו כל אויביך ה' וחכמים אומרים חלה מרכיבו על כתפו חלה משלחו ישלחנו

פירוש: אלא שעשו הכהנים קבע. שהרגילו לעשות את הכהנים קבע להיות מוליכים אותו ולא היו ב"ד של כהנים מניחין את ישראל להוליכו: ערסלא. שם האיש: וכבש. כמין מעלה עשו לו שהיו הגים וזולא דרך אותו הכבש חוץ לעזרה וחוץ לעיר כדי שלא יוכלו הבבליים ליגע במעלה לפי שהיו רגילים להלשו בשערו ואומרים לו טול מהר ולא מכאן ולא תהשם עונותינו אלינו עוד :

יכול להרכיב אני ואתם. בריא וחזק היה השעיר להושיב אותי ואתכם עליו לקמן אמריק שלא היה הכן להשיב על שאלתם מה שלא שמע מפי רבו : אהא בשלום אני ואתם . כלומר פט לכם

---

וארום עס שטייט אין פסוק דיא טומאה איז אויף אירע עקן קליידער · רוהט דאך ניט די שכינה צווישען איין · האט רבי חנינא גזאגט צום אפיקורוס קום זעה וואס עס שטייט בייא די יודען נאט רוהט מיט זייא אין זייער טומאה · אפילו ווען זיי זענען טמא רוהט אויך גאט מיט זייא :

## פרק ששי

**א** משנה. מסרו : מען האט גיגעבען דעם שעיר צו דעם מענטש וואס ער איז גיוועזען אנגיברייט ער זאל איהם פירען אין דער מדבר · ווער עס האט גיוואלט האט גימעגט פירען דעם שעיר אין דער מדבר : נאר מען האט גימאכט אז א כהן זאל דעם שעיר פירען אין דער מדבר · אונ דער בית דין פון דיא כהנים האבען ניט גילאזט אז א ישראל זאל פירען דעם שעיר אין דער מדבר · רבי יהודה זאגט עס האט אמאהל גיטראפען אז א ישראל וואס האט גיהייסען ערסלא האט געפירט דעם שעיר אין דער מדבר · אונ מען האט גימאכט אוועג ער זאל קענען ארויס גיין פון דער עזרה אונ פון ירושלים קיינער זאל איהם ניט זעהן · ווייל דיא מענטשין פון בבל פלעגין איהם רייסען דיא האר אונ פלעגין זאגען צוא איהם זייא געשווינד ארויס אין דער מדבר מיט דעם שעיר דוא זאלסט דא נישט האלטען אונזערע עבירות :

**ב** שאלו · מען האט גיפרעגט ביי רבי אליעזר אויב דער שעיר איז קראנק גיווארין צו מעג דער מענטש טראגען דעם שעיר אויף זיין אקסיל אין דער מדבר · האט רבי אליעזר געענטפערט דער שעיר איז גיוועזען אזוי גיזונד אז ער האט גיקענט טראגען אויף זיך מיך אונ אייך · נאך האט מען גיפרעגט ביי רבי אליעזר אויב דער וואס האט געפירט דעם שעיר איז קראנק גיווארין · צו מעג מען שיקען דעם שעיר דורך איין אנדערין · האט רבי אליעזר געענפערט איך אונ איר זענען גיזונד אונ מיר וועלין ניט פירען דעם שעיר אין דער מדבר · וואס דארפען מיר וויסען וואס עס וועט זיין מיט דעם וואס פירט דעם שעיר אין דער מדבר · נאך האט מען גיפרעגט ביי רבי אליעזר · אז מען האט אראפ גישטויסען דעם שעיר פון בארג אונ ער איז נים גיהרגת גיווארין · צו דארף דער מענטש אראפ גיין איהם הרגנן · האט רבי אליעזר געענפערט אזוי זאלען פאר לארען ווערין אלע פיינד פון גאט אונ זאלען גיהרגת ווערין ווי דער שעיר איז גיהרגת גיווארין · אונ די חכמים זאגין אז דער שעיר איז קראנק גיווארין · מעג דער מענטש איהם טראגין אויף זיין אקסיל ביז אין דער מדבר · אונ אויב דער מענטש וואס האט

ישלחנו ביד אחר דחפו ולא מת ירד אחרו וימיתנו שאלו את רבי אליעזר פלוני מהו לעולם הבא אמר להם לא שאלתוני אלא על פלוני מהו להציל (רועה) כשבה מן הארי אמר להם לא שאלתוני אלא על כשבה מהו להציל רועה מן הארי אמר להם לא שאלתוני אלא על הרועה (שאלו את רבי אליעזר פלוני מהו לעולם הבא מי סבירא ליה הא דאמר רב יהודה אמר רב נשים בכתובה וקידושין ופילגשים בלא כתובה וקדושין או לא אמר להם לא שאלתוני אלא על פלוני ופלוני מהו לעולם הבא מי סבירא ליה הא דאמר רבי שמואל בר נחמני אמר רבי יונתן כל האומר שלמה חטא אינו אלא טועה או לא. אמר להם לא שאלתוני אלא על פלוני. מהו להציל כשבה מן הארי מי סבירא ליה הא דאמר רבי שמואל בר נחמני אמר רבי יונתן כל היוצא למלחמת בית דוד גט כריתות כותב לאשתו או לא. אמר להם לא שאלתוני אלא על הכשבה. מהו להציל רועה מיד ארי

נמ"ל של אחת לא חי ולא מת נזקק לשילוחו : דחפו. לשון : ולא מת. מהו צריך לירד אחריו וימיתנו : פלוני מהו לעוה"ב . על אדם אחד שאלוהו מה מעשיו בעיניך ויש פוסקין על שלמה בן דוד שאלוהו : אלא על פלוני . שמא על אבשלום שאלתוני : אלא על הרועה . אם מותר להצילו מפני הארי : (מהו להציל כשבה מיד הארי . פי' כיון שבת שבע מיד דוד מי ס"ל כמו דא"ר שמואל בר נחמני א"ר יונתן כל היוצא למלחמת בית דוד גט כריתות כותב לאשתו וכשבה קרי לה כדכתיב ולרש אין כל כי אם כבשה אחת קטנה : מהו

---

האט איהם געפירט אין קראנק געווארין: שיקט מען דעם שעיר דורך איין אנדער מענטש. און אז מען האט אראפ געשטויסען דעם שעיר פון בארג און ער איז ניט געהרגעט געווארין. זאל דער מענטש אראפ גיין און איהם הרגנן. מען האט גיפרעגט ביי רבי אליעזר אויב יענער (שלמה המלך) וועט האבען עולם הבא. האט רבי אליעזר גזאגט איר פרעגט מיך מער ניט נאר אויף יענעם. טאמער פרעגט איר מיך אויף אבשלום נאך האט מען גיפרעגט ביי רבי אליעזר. אויב דער פאסטוך מעג מציל זיין א שעפס פון אלייב (דאס מיינט מען אויב מען מעג מציל זיין בת שבע פון דוד). האט רבי אליעזר גזאגט איר פרעגט מיך מער ניט נאר אויף דעם שעפס. נאך האט מען גיפרעגט ביי רבי אליעזר. אויב מען מעג מציל זיין דעם פאסטוך פון אלייב (דאס מיינט מען אויב מען מעג מציל זיין אוריה פון דוד). האט רבי אליעזר גזאגט איר פרעגט מיך מער ניט נאר אויף דעם פאסטוך: (מען האט גיפרעגט ביי רבי אליעזר אויב יענער (אבשלום) וועט האבען עולם הבא. אויב מיר האלטען וואס רב יהודה האט גזאגט פון רבס וועגין די ווייבער (פון דוד. זענען גיוועז מיט כתובה און קדושין. און דיא פילגשים זענען גיוועז אן כתובה און קדושין. האט אבשלום ניט קיין עבירה וואס ער האט מזנה גיוועז מיט די פילגשים פון זיין פאטער. און ער וועט האבין עולם הבא. אדער מיר האלטען ניט ווי רב יהודה וואס ער האט גזאגט פון רבס וועגין. נאר דיא פילגשים זענען אויך גיוועז מיט קדושין. האט אבשלום אעבירה. און וועט ניט האבין עולם הבא. האט רבי אליעזר גיענטפערט איר פרעגט מיך מער ניט נאר אויף יענעם (אויף אבשלום). נאך האט מען גיפרעגט ביי רבי אליעזר יענער (שלמה המלך) וועט האבין עולם הבא אדער ניין. אויב מיר האלטען אזוי וויא רבי שמואל בר נחמני האט גזאגט פון רבי יונתנ'ס וועגין דער וואס זאגט שלמה האט געזינדיגט האט ער אטעות. אדער מיר האלטען ניט אזוי וויא רבי שמואל בר נחמני. האט רבי אליעזר גיענטפערט איר פרעגט מיך מער ניט נאר אויף יענעם (אויף שלמה). נאך האט מען גיפרעגט ביי רבי אליעזר אויב מען דארף מציל זיין דעם שעפס פון לייב (בת שבע פון דוד). אויב מיר האלטען אזוי ווי רבי שמואל בר נחמני האט גזאגט פון רבי יונתנ'ס וועגין אז דער וואס איז גיגאנגען צו די מלחמות פון דוד המלך האט פריער גיגט זיין ווייב. און אוריה האט אויך גיגט בת שבע. האט דוד איר גינומען. אדער מיר האלטען ניט ווי רבי שמואל בר נחמני. און בת שבע איז ניט גיוועזן גיגט. האט דוד איר ניט גיטארט נעמען. האט רבי אליעזר גיענטפערט איר פרעגט מיך מער ניט נאר אויף דעם שעפס. נאך האט מען גיפרעגט ביי רבי אליעזר אויב מען דארף מציל זיין דעם פאסטוך פון לייב (אוריה

פון

ירי מי סבירא ליה דחולקין כבוד לתלמיד במקום הרב ולאו מורד במלכות הוא או לא אמר להם לא שאלתוני אלא על הרועה) ממזר מהו לירש אמר להם מהו ליבם. מהו לסוד את ביתו אמר להם מהו לסוד את קברו. לא מפני שהפליגם בדברים אלא שלא אמר דבר שלא שמע מפי רבו:

ג **שאלה** אשה חכמה את רבי אליעזר וכי מאחר שמעשה העגל שוין מפני מה אין מיתתן שוה אמר לה אין חכמה לאשה אלא בפלך שנאמר (שמות לה) וכל אשה חכמת לב בידיה טוו. איתמר רב ולוי חד אמר זיבח וקיטר בסייף גפף ונשק במיתה שמת

כ"ד במיתה) [במיתת] כי כה שכל מיתתן בסייף כדאמרינן בסנהדרין: גפף ונשק. אין בהם מיתת בית

להגיל רועה מיד כאחי: כלומר אוריה מיד דוד ואיידי דקרי לאשתו כבשה קרי לאוריה רועה): ממזר מהו לירש. אם אביו: אמר להם מהו ליבם אשת אחיו שאלתם אותי: מהו לסוד את ביתו. בזמן הזה מי אסור מפני זכר חורבן הבית אמר להם לא שאלתוני אלא מהו לסוד את קברו: לא שהפליגן. והסיחן לדברים אחרים כאדם המתכוין לדחות כשאינו יודע להשיב אלא יודע היה אבל לא אמר דבר שלא שמע מפי רבו:

שמעשה העגל שוין. עבודתיו שוין לאיסור מפני מה אין מיתתן שוה שהיו בו ג' מיתות. מיתת סייף שימו איש חרבו על ירכו. מיתת מגפה ויגוף ה' את העם. מיתת הדרוקן דכתיב ויזר על פני המים וישק את בני ישראל ואמרינן במס' ע"א לא נתכוין משה אלא לבודקן כסוטות ונבחו בטן: זיבח וקיטר. הן עבודות שחייבין בעכו"ם מיתה כדתנן בד' מיתות שהן בסקילה וכאן בסייף שעדיין לא נתפרש להם ד' מיתות ב"ד ונדונו (תיסה

פון דוד. אויב מיר האלטען אז מען מעג געבין כבוד צו אתלמיד אפילו ווען דער רבי איז דא דער ביי. האט אוריה גימענט רופען אדוני יואב נאר האר יואב ווען ער האט גישמועסט מיט דוד. איז אוריה ניט גיוועזען אמורד במלכות. האט דוד איהם ניט גימעגט הרגנען אדער ניין. מען טאר ניט געבין כבוד צו אתלמיד ווען דער רבי איז דא דער ביי. האט אוריה ניט גימעגט זאגען אדוני יואב ווען ער האט גישמועסט מיט דוד. איז אוריה גיוועזען אמורד במלכות. האט איהם דוד גימעגט הרגנען. האט רבי אליעזר גיענטפערט איר פרעגט מיך מער ניט נאר אויף דעם פאסטוך. נאך האט מען גיפרעגט ביי רבי אליעזר אויב אממזר ירשת זיין פאטער. האט רבי אליעזר גזאגט איר פרעגט מיך אויב דער ממזר איז מיבם זיין ברודערס ווייב. נאך האט מען גיפרעגט ביי רבי אליעזר אויב ער מעג אויס קאלכין אדער אויס מאהלען זיין שטוב ווארום דער דין איז היינט אז דער בית המקדש איז חרוב. טאר ניט איעד אויס קאלכין אונ ניט אויס מאהלען זיין שטוב אין גאנצען. נאר מען מוז לאזען אשטיק וואס די ברייט אונ אאייל די לענגע ניט גיווייסט אונ ניט גימאהלט. מען זאל זיך דער מאנען דעם צער פון חורבן בית המקדש. האט רבי אליעזר גזאגט איר פרעגט מיך אויב ער מעג אויס קאלכין זיין קבר. זאגט די גמרא ניט ווייל רבי אליעזר האט ניט גיוואוסט צו ענפערין דריבער האט ער זייא דער ווייטערט מיט אנדערע רייד. נאר ווייל רבי אליעזר האט קיין מאהל ניט גיוואלט זאגין אדין וואס ער האט ניט גיהערט פון זיין רבי. אונ דיא זאכען וואס זייא האבען איהם גיפרעגט האט ער נאך ניט גיהאט גיהערט פון זיין רבי:

ג שאלה. אקלוגע אשה האט גיפרעגט ביי רבי אליעזר אלע יודען האבען דאך גליך געדינט דעם עגל. פאר וואס איז דער טויט זייערער ניט גיוועזען גליך. אנדערע זענען גשטארבען דורך דעם שווערד וואס דיא לוים האבען זיי גיהרגט. אנדערע זענען גישטארבען פון גאט דורך אמגפה. אנדערע זענען גישטארבען דורך משה רבינו אזוי וויא אסוטה. פון די וואסער וואס משה רבינו האט זייא גיגעבין טרינקען איז ביי זייא דער בויך גישוואלען גיווארין. אונ זענען גישטארבען. האט רבי אליעזר גזאגט צו די אשה. אאשה איז נאר קלוג צו איר שפינען. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אלע ווייבער וואס דאבען גיהאט קלוגע הערצער האבען מיט זייערע הענט גישפונען. מיר האבען גילערנט רב מיט לוי קריגען אין דער זאך. איינער זאגט דער וואס האט גישאכטען אקרבן צום עגל אדער ער האט גירייכערט קטורת צום עגל איז גיהרגט גיווארין דורך דעם שווערד. דער וואס האט גינעגט אונ גיקושט דעם עגל

איז

שמח בלבו בהדרוקן וחד אמר עדים והתראה בסייף עדים בלא התראה במיתה בלא עדים והתראה בהדרוקן. אמר רב יהודה (אמר שמואל) שבטו של לוי לא עבד עבודת אלילים שנאמר (שם לג) ויעמוד משה בשער המחנה ויאמר מי לה' אלי ויאספו אליו כל בני לוי. יתיב רבינא וקאמר לה להא שמעתתא (קמיה) איתיביה בני רב פפא בר אבא לרבינא (דברים לג) האומר לאביו ולאמו לא ראיתיו אמר להו אביו אבי אמו מישראל (אמו אמו מישראל) אחיו אחיו מאמו מישראל בניו בני בתו מישראל:

ד טול וצא. תנא כה שהי צפירא דין וחובי דרא סגיאין:

(משנה) ה מיקירי ירושלים היו מלוין אותו עד סוכה הראשונה עשר סוכות מירושלים ועד צוק וכו'. (דף סו) על כל סוכה וסוכה אומרים לו הרי

בית דין כהתקן בד' מיתות אלא בידי שמים מיתו במגפה: כל בני לוי. כלם בכלל זה: האומר לאביו ולאמו לא ראיתיו. במעשה העגל כשעשו אכזריים עליהם לנקום נקמתו יתברך. אלמא (עבדו) אביו ואמו אחיו ובניו עבדו ע"ז: מה שסי וכו'. מה מהעבר שעיר זה כתן ועונות כמו מרובין וקן עליו: מיקירי ירושלים. מחשובי ירושלים: עד סוכה הראשונה. סוכות עשו לו בדרך ובני אדם הולכין לצור שם לפני יום הכפורים שמלוין אותו

---

איז ער געשטארבן דורך די מגפה. דער וואס האט זיך געפרייט אין הארצן מיט דעם עגל איז געשטארבן אזוי וויא אסוטה. און איינער זאגט דער מענטש וואס אויף איהם איז געווען עדות אז ער האט געדינט צום עגל. און מען האט איהם פריער אן געזאגט ער זאל ניט דינען צום עגל ווארום ער וועט געשטראפט ווערין. און ער האט יא געדינט. דער איז געשטארבן דורך די שווערד. און דער מענטש וואס אויף איהם איז געווען עדות אז ער האט געדינט צום עגל. נאר מען האט איהם ניט אן געזאגט פריער ער זאל ניט דינען צום עגל. דער איז געשטארבן פון דער מגפה. און דער מענטש וואס אויף איהם איז ניט געווען עדות. און מען האט איהם ניט אן געזאגט פריער. דער איז געשטארבן וויא אסוטה: רב יהודה האט געזאגט דער שבט לוי האט ניט געדינט דעם עגל. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק משה האט זיך געשטעלט אין טויער פון דיא מחנה און האט געזאגט ווער עס דינט צו גאט זאל קומען צו מיר. האבען זיך פאר זאמלט צו איהם אלע לוים. רבינא איז געזעסן און האט געזאגט דיא זאך אז דער גאנצער שבט לוי האט ניט געדינט דעם עגל. האבין דיא קינדער פון רב פפא בר אבא געפרעגט צו רבינא עס שטייט דאך אין פסוק ווען דיא יודין האבין געדינט דעם עגל האבין די לוים געזאגט צו זייער פאטער און מוטער וואס האבין געדינט צום עגל מיר האבין אייך קיין מאהל ניט געזעהן. און צו זייערע ברידער האבין זיי געזאגט מיר קענען אייך גאר ניט. און צו זייערע קינדער האבין זייא געזאגט מיר ווילען ניט וויסען פון אייך. און דיא לוים האבין געהרגעט זייערע פאטער און מוטער און ברידער און קינדער וועלכע עס האבין געדינט צום עגל. זעהן מיר דאך אז לוים האבין אויך געדינט צום עגל. ווארום דער פאטער פון לוי איז דאך אלוי. און דער ברודער פון לוי איז דאך אלוי. און דער קינד פון לוי איז דאך אלוי. האט רבינא געזאגט צו זיי מען מיינט ניט אפאטער. נאר מען מיינט זיין מוטערס פאטער וואס ער איז געווען אישראל. און אברודער מיינט מען. אברודער פון איין מוטער ניט פון איין פאטער. וואס ער איז אישראל. און מען מיינט ניט זיינע קינדער נאר איינקלאך. זיין טאכטערס קינדער. וואס זיא האט פון אמאן אישראל. זענען דאך די קינדער ישראלים:

ד טול וצא. מען האט געזאגט צו דעם מענטש וואס האט געטראגט פירען דעם שעיר אין דער מדבר. נעם שוין דעם שעיר און גיי מיט איהם. מיר האבין געלערנט אזוי האט מען געזאגט צו איהם ווס פר זאמט גאך דער שעיר דא ביי אונז און די עבירות פון דעם דור זענען זייער פיל און זיי זענען אלע אויף דעם שעיר:

ה משנה. מיקירי. די גרויסע לייט פון ירושלים פלעגן בלייטען דעם מענטש וואס איז געגאנגען מיט דעם שעיר ביז די ערשטע סוכה. צעהן סוכות איז געווען פון ירושלים

הרי מזון והרי מים ומלוין אותו מסוכה לסוכה חוץ מאחרונה שבהן שאינו מגיע עמו לצוק:

**גמ'** ת"ר בראשונה היו קושרין לשון של זהורית על פתח אולם מבחוץ הלבין היו שמחין לא הלבין היו עצבין ומתביישין התקינו שיהו קושרין אותו על פתח אולם מבפנים ועדיין היו מציצין ורואין הלבין היו שמחים לא הלבין היו עצבין ומתביישין התקינו שיהו קושרין אותו חציו בסלע וחציו בין קרניו (של שעיר המשתלח) א"ר נחום בר (נפח) [פפא] משום רבי אלעזר הקפר בראשונה היו קושרין לשון של זהורית על פתח אולם מבפנים כיון שהגיע שעיר למדבר היה מלבין ויודעין שנעשה מצותו שנאמר (ישעיה א) אם יהיו חטאיכם כשנים כשלג ילבינו (שם ע"ג) (כתיב (ויקרא יז) ונשא השעיר עליו את כל עונותם אל ארץ גזרה) שמא תאמר מעשה תוהו הוא תלמוד לומר אני ה' אני ה' גזרתיו ואין לך רשות להרהר בהן. תנו רבנן עזאזל שיהא עז וקשה. תניא אידך עזאזל קשה שבהרים וכן הוא

מסוכה לסוכה: הרי מזון והרי מים. בגמ' מפרש אינו דומה מי שיש לו פת בסלו למי שאין לו: שאינו מגיע עמו לצוק. לפי שהולך רחוק שני מילין: שמא תאמר מעשה תוהו הם. מה כפרה יש בשילוח זה ומה יש ביד צוק זה להועיל: ביהא עז וקשה. אל לשון קשה: עזא ועזאל. מלאכי

---

ביז צום בארג. אונ אין יעדער סוכה זענען געוועזען מענטשען פון פאר יום כפור. אונ צוא יעדער סוכה וואס דער מענטש איז געקומען מיט דעם שעיר אום יום כפור האט מען געזאגט צו איהם מאמער דערפסטו עסין אדער טרינקען. איז דא עסין אונ וואסער: אונ מען האט איהם בגלייט פון איין סוכה צו די אנדערע סוכה. נאר פון די לעצטע סוכה האט מען איהם ניט בגלייט ביז צום בארג. ווייל פון די לעצטע סוכה ביז צום בארג איז געוועזען צוויי תחום שבת. אונ מען טאר ניט גיין יום כפור מער ווי א תחום שבת:

גמרא. תנו רבנן. די רבנן האבען געלערנט אין אנהייב פלעגט מען אן בינדען די רויטע וואל אויף די טיר פון אולם אויס ווייניג. אז די וואל איז ווייס געווארין האבען דיא יודין זיך געפרייט. דאס איז געוועזען א צייכען אז מען האט מוחל געוועזען זייערע עבירות. אז די וואל איז ניט ווייס געווארין. זענען די יודין געוועזען טרויריג אונ האבען זיך געשעמט. האט מען געמאכט מען זאל אן בינדען די וואל אויף די טיר פון אולם אינווייניג. דיא יודען האבען אבער געקוקט דורך די טיר פון אולם. אויב דיא וואל איז ווייס געווארין האבען זייא זיך געפרייט. אונ אויב דיא וואל איז ניט ווייס געווארין זענען זייא געוועזען טרויריג. אונ האבען זיך געשעמט. האט מען געמאכט מען זאל אן בינדען העלפט וואל אן א שטיין אונ די אנדערע העלפט וואל זאל מען אן בינדען אויף די הערנער פון דעם שעיר המשתלח. אויב דיא וואל איז ווייס געווארין אדער ניין. האט נאר געוואוסט דער מענטש וואס האט אוועק געפירט דעם שעיר אין דער מדבר. רבי נחום בר פפא האט געזאגט פון רבי אלעזר הקפר וועגען אין אנהייב האט מען אנגעבונדען די רויטע וואל אויף דיא טיר פון אולם אינווייניג. אז דער שעיר איז געקומען צום מדבר איז די וואל ווייס געווארין. האט מען געוואוסט אז עס איז שוין געטאהן געווארין אלץ וויא גאט האט געבאטען. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אויב אייערע זינד וועלין זיין רויט אזוי וויא רויטע פאדים וועלין זייא ווייס ווערין אזוי וויא שניי. אין פסוק שטייט דער שעיר זאל טראגין אויף זיך זייערע אלע זינד צו א פאר שניטיגע לאנד. טאמער וועסטו זאגען די זאך איז גאר ניט. וואס קען דען העלפען וואס מען ווארפט אראפ דעם שעיר פון בארג צו די פר געבונג אויף די עבירות. זאגט דער פסוק אני ה'. איך בין גאט. איך האב געהייסען מען זאל אזוי טאהן. טארסטו ניט טראכטען פאר וואס איך האב אזו געהייסין:

תנו רבנן. דיא רבנן האבען געלערנט פר וואס רופט מען דעם בארג עזאזל. ווייל ער דארף זיין א שטארקער בארג. נאך האבין מיר געלערנט פאר וואס רופט מען דעם בארג

עזאזל

הוא או' (יחזקאל יז) ואת אילי הארץ לקח. תנא דבי רבי ישמעאל עזאזל שמכפר על עון עזא ועזאל. תנו רבנן (ויקרא יח) את משפטי תעשו דברים שאלמלא לא נכתבו דין הוא שיכתבו אלו הן עכו"ם וגילוי עריות ושפיכות דמים וגזל וברכת השם (שם) ואת חקותי תשמרו דברים שהשטן (ואוה"ע משיבים) [משיב] עליהם ואלו הן אכילת חזיר ולבישת שעטנז וחליצת יבמה וטהרת מצורע ושעיר המשתלח (ופרה אדומה) ושמא תאמר מעשה תוהו הן תלמוד לומר (שם) אני ה' חקקתים אין לך רשות להרהר בהם:

(סח ע"ב) (מתני') ז אמרו לו לכהן גדול הגיע שעיר למדבר ומנין היו יודעין שהגיע שעיר למדבר דירכאות היו עושין ומניפין בסודרין ויודעין שהגיע שעיר למדבר אמר רבי יהודה והלא סימן גדול היה להם מירושלים ועד בית חדודו שלשת

## פירוש

שבאו כשירדו לארץ בימי נעמה אחות תובל קין ומליכם נאמר ויראו בני האלהים את בנות האדם כלומר על העריות מכפר: משפטי. משמע דברים המיושרים והדין נותן לעשותם: חק. משמע דבר שאינו אלא גזירת מלך כמו וישם אותה יוסף לחוק: השטן. יצר הרע משיב עליהם תשובה להטעות את ישראל ולומר שהתורה אינה אמת כי מה תועלת בכל אלה לכך נכתב בהן חוק אני (ה') גזרתי עליכם: ה"ל אני ה'. אחוקותי קאי דמיניה סליק את חקותי תשמרו אני ה' חקקתים וגזרתים:

אמרו לו לכ"ג וכו'. שאינו רשאי להתחיל בעבודה אחרת עד שהגיע שעיר למדבר כדאמ' ובלא את השעיר במדבר ואחר כך ואת חלב החטאת יקטיר המזבחה: דירכאות. בני אדם עומדים מירושלים לצוק בכדי שירא' זה סימנו של זה: ומניפין. הכהן הסמוך למדבר בסודרין וזה הסמוך לו רואה ומניף גם הוא וכולם הכרו הסמוך לירושלים דירכאות בלע"ז רידיגראדא"ב: עד בית חדודו. הוא ראש המדבר ושם מתקיים ובלא את

עזאזל ווייל ער דארף זיין דער שטארקסטער בארג. אונ אזוי שטייט אין פסוק ואת אילי הארץ לקח. ער האט גענומען די שטארקע פון לאנד. איז איל דער טייטש שטארק: דבי רבי ישמעאל האבין גילערנט פאר וואס רופט מען דעם בארג עזאזל. ווייל ער איז מכפר אויף די עבירה פון עזא אונ עזאל. דאס מיינט מען ער איז מכפר אויף די עבירה פון זנות:

תנו רבנן. די רבנן האבין גילערנט עס שטייט אין פסוק את משפטי תעשו. איר זאלט טאהן מיינע משפטים. דאס מיינט מען אזעלכע זאכען ווען די תורה וואלט זייא ניט געשריבען. וואלט מען זיי אליין גידארפט שרייבין. ווייל דער שכל פון מענטש פאר שטייט אליין אז מען דארף אזוי טאהן: דאס זענען די מצות מען זאל ניט דינען עבודה זרה. מען זאל ניט מזנה זיין. מען זאל ניט הרגנן קיין מענטש. מען זאל ניט גזלנן. מען זאל ניט פלוכען ג־ט. נאך שטייט אין פסוק ואת חקתי תשמרו. איר זאלט היטען מיינע חקים. דאס מיינט מען אזעלכע מצות וואס דער שטן אונ די אומות פרעגין אויף זייא. זיי פאר שטייען ניט צו וואס דארף מען אזעלכע מצות. דאס זענען די מצות. מען טאר ניט עסין חזיר. מען טאר ניט גיין אין שעטנז. מען דארף געבין חליצה דעם ברודערס ווייב אויב ער איז געשטארבען אן קינדער. אז אמצורע ווערט ריין דארף ער ברייננגען צוויי פייגעלאך. אונ אצווייג פון אטענען בוים. אונ אזוב. אונ רויטע פאדים. אונ אום יום כפור דארף מען שיקען אשעיר אין דער מדבר. אונ די פרה אדומה. טאמער וועסטו זאגין דאס איז אומזיסטע זאכען. מען דארף דאס גאר ניט. שטייט אין פסוק אני ה'. איך בין גאט איך האב געהייסען מען זאל אזוי טאהן. טארסטו ניט טראכטען פאר וואס איך האב אזו גיהייסין:

ז מתניתין: אמרו. מען האט גיזאגט צום כהן גדול דער שעיר איז שוין געקומען אין דער מדבר. פון וואנען האט מען גיוואסט ווען דער שעיר איז געקומען אין דער מדבר זאגט די גמרא מען האט גישטעלט מענטשן פון ירושלים ביז צום מדבר. יעדער מענטש האט געהאלטען אין האנט אפאהן. אונ דער מענטש וואס איז געשטאנען נעבין מדבר אונ האט גיזעהן דער שעיר איז געקומען צום מדבר. האט ער אויף גיהויבען די פאהן. אז דר אנדערער האט דער זעהן די פאהן האט ער אויך אויף גיהויבען זיין פאהן. אונ אזוי אלע ביז ירושלים. האט מען באלד גיוואסט אז דער שעיר איז שוין געקומען צום מדבר. רבי יהודה זאגט עס איז גיוועזן אין אנדער סימן צו וויסען ווען דער שעיר איז געקומען אין דער מדבר. ווארום

שלשת מילין הולכין מיל וחוזרין מיל ושוהין כדי מיל ויודעין שהגיע שעיר למדבר רבי ישמעאל אומר והלא סימן אחר היה להם לשון של זהורית היה קשור על פתחו של היכל וכשהגיע שעיר למדבר היה הלשון מלבין שנאמר (ישעיה א) אם יהיו חטאיכם כשנים כשלג ילבינו:

השעיר במדבר: הולכין מיל. כדאמרן לעיל מיקירי ירושלים מלוין אותו עד הסוכה הראשונה: במדינה אסור. שמונה כהן דנך הול: הר גריזים.

## בא לו פרק שביעי

(דף סט) **א בגדי** כהונה היוצא בהן במדינה אסור ובמקדש בין בשעת עבודה ובין שלא בשעת עבודה מותר מפני שבגדי כהונה ניתנו ליהנות בהם ובמדינה אסור והתניא בכ"ה בטבת יום הר גריזים הוא דלא למספד ביה יום שבקשו כותים את בית אלהינו מאלכסנדרוס מוקדון להחריבו ונתן להם רשות באו והודיעו לשמעון הצדיק מה עשה שמעון הצדיק לבש בגדי כהונה ונתעטף בבגדי כהונה ומיקירי ירושלים עמו ואבוקות של אור בידיהם והיו מהלכין כל הלילה כולו הללו מהלכין מצד זה והללו מהלכין מצד זה עד שעלה עמוד השחר כיון שעלה עמוד השחר אמר להם מי הם הללו אמרו לו הללו יהודים שמרדו בך כיון שהגיע לאנטיפטרס זרחה חמה פגעו זה בזה כיון

---

פון ירושלים ביז צום מדבר איז געוועזן דריי תחום שבת דאס איז זעקס טויזענד איילן · איז מען געגאנגען מיט דעם מענטש וואס האט געפירט דעם שעיר · איין תחום שבת. אונ צוריק דעם זעלביגען תחום שבת. אונ מען הט געווארט ווי לאנג עס דויערט צו גיין א תחום שבת. איז שוין דריי תחום שבת. הט מען געוואסט אז דר שעיר איז שוין אין דער מדבר · רבי ישמעאל זאגט עס איז געוועזן איין אנדער סימן. רויטע וואל איז געוועזן אן געבונדען אויף די טיר פון היכל אונ אז דער שעיר איז געקומען צום מדבר איז די וואל וויים געווארין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אויב אייערע זינד וועלין זיין רויט אזוי וויא רויטע פאדים וועלין זיי וויים ווערין אזוי וויא שניי:

## פרק שביעי

**א** בגדי · אכהן טאר ניט גיין אין ירושלים אין די קליידער וואס ער טוהט מיט זיי די עבודה אין בית המקדש דאס הייסט בגדי כהונה). אבער אין בית המקדש מעג ער גיין אין די בגדי כהונה אפילו ווען ער טוהט ניט קיין עבודה. פרעגט די גמרא אונ אין ירושלים טאר מען ניט גיין אין די הייליגע קליידער. מיר האבין דאך געלערנט דר פינף אונ צוואנציגסטער טאג אין טבת הייסט דער טאג פון הר גריזים · מען טאר ניט טרויערין דעם טאג. ווארום אין דעם טאג האבין די כותים געבעטין ביי אלכסנדר מוקדון ער זאל זיי דערלויבין חרוב צו מאכען דעם בית המקדש · אונ אלכסנדר האט זיי דאס דערלויבט. האט מען דאס דער ציילט צו שמעון הצדיק. וואס האט שמעון הצדיק גיטאהן. ער האט זיך אן גיקליידט אין די קליידער פון כהן גדול. אונ די גרויסע לייט פון ירושלים זענין גיגאנגען מיט אים. אונ זייא האבין גיהאלטין אין די הענט פלאמען פייאר. אונ זייא זענין גיגאנגען אגאנצע נאכט. שמעון הצדיק מיט זיינע מענטשין זענין גיגאנגען פון דער זייט אונ אלכסנדר מיט זיינע מענטשין זענין גיגאנגען פון דער זייט. ביז דער מארגין שטערין איז אויף גיגאנגען. ווי דער מארגין שטערין איז אויף גיגאנגען. האט אלכסנדר גיפרעגט ווער זענען די מענטשין וואס אנטקעגין אונז גייען. האט מען גיזאגט צו אים דאס זענין יודין וואס זיי ווילען ניט זיין מרובה אז אלכסנדר איז גיקומען צו דעם ארט אנטיפרס. האט אויף גישיינט די זונן. אונ די ביידע ואלכסנדר אונ שמעון הצדיקו האבין זיך באגעגנט. ווי אלכסנדר האט דער זעהן שמעון הצדיק

כיון שראה את שמעון הצדיק ירד ממרכבתו והשתחוה לו אמרו לו מלך שכמותך משתחוה ליהודי הזה אמר להם דמות דיוקנו של זה מנצחת לפני בבית מלחמתי אמר להם למה באתם אמרו לו בית שאנו מתפללין בו עליך ועל מלכותך שלא תחרב יתעוך כותים הללו להחריבו ותתן להם רשות אמר להם מי הם הללו אמרו לו הללו כותים שעומדים לפניך אמר להם הרי הם מסורין בידכם מיד נקבום בעקביהם ותלאום בזנבי סוסיהם והיו מגררין אותם על הקוצים ועל הברקנים עד שהגיעו להר גריזים כיון שהגיעו להר גריזים חרשוהו וזרעוהו כרשינין כדרך שבקשו לעשות את בית אלהינו ואותו היום עשאוהו יום טוב איבעית אימא דראויין הם לבגדי כהונה קאמר ואיבעית אימא (תהלים קיט) עת לעשות לה' הפרו תורתך :

(פ"ג) **ב היכן** קוראין בו בעזרה. רבי אלעזר בן יעקב אומר בהר הבית שנאמר (נחמיה ח) ויקרא בו לפני הרחוב אשר לפני שער המים מן האור עד מחצית היום נגד האנשים והנשים והמבינים ואזני כל העם אל ספר התורה אמר רב חסדא בעזרת הנשים (שם) ויברך עזרא את ה' האלהים הגדול ויענו כל

מקום מושבם של כותים : עת לעשות וגו'. כשבא עת לעשות דבר לשמו של מקום מותר להפר בו תורה :
ויברך עזרא וגו'. בכתות עיגלא דויקרא בו לפני הרחוב כתיב ברוך ה' אלהים וגו' כך תקנו שהיו אומר במקדש בסוף כל ברכה כדאמרינן

---

הצדיק. איז אלכסנדר אראפ גיגאנגען פון זיין רייט וואגין אונ האט זיך גיבוקט צו שמעון הצדיק. האט מען גיזאגט צו אלכסנדר אזוי א מלך ווי דו ביסט זאל זיך בוקין צו איוד. האט אלכסנדר גיזאגט צו זייא דאס געשטאלט פון דעם מענטש נעמט איין פון מיינע שונאים אלע מלחמות. ווען איך האלט מלחמה זעה איך עס קומט איינער וואס זעהט אוים אזוי ווי דער שמעון הצדיק אונ נעמט איין די מלחמה פון מיינע שונאים. האט אלכסנדר גיזאגט צו שמעון הצדיק צו וואס זענט איר גיקומען. האבין זיי גיזאגט צו אים דער בית המקדש וואס מיר בעטין אין אים פון דיינעטוועגין אונ פון וועגין דיין קיניגרייך זיא זאל ניט אונטער גיין. זאלין דיך אן ריידין די כותים זיי זאלין אים חרוב מאכין. אונ דו האסט זייא גיהייסין זיי זאלין אזוי טאהן. האט אלכסנדר גיזאגט ווער זענין די מענטשין וואס האבין מיך אן גירעט איך זאל חרוב מאכין דעם בית המקדש. האט מען גיזאגט צו אלכסנדר. די כותים וואס שטייען פאר דיר האבין דיך אן גירעט. האט אלכסנדר גיזאגט צו די יודין די כותים זענען אין אייער האנט טוהט מיט זיי וואס איר ווילט. האבין די יודין גילעכערט די פארטעשוועם פון די פים פון די כותים אונ האבין זייא אויף גיהאנגין אויף די ווידלען פון זייערע פערד אונ האבין זייא גישלעפט אויף די דערנער ביז זייא זענין גיקומען צום בארג גריזים ואויף דעם בארג גריזים איז גישטאנען זייער עבודה זרה. אונ זיי האבין גיהאקעדט דעם בארג גריזים אונ האבין גיזייט אויף אים כרשינין. אזוי ווי די כותים האבין גיוואלט טאהן צום בית המקדש. האבין די יודין גיטאהן צו זייער עבודה זרה. דעם טאג האבין די יודין גימאכט א יום טוב. זעהן מיר דאך אז שמעון הצדיק איז גיגאנגען אין בגדי כהונה אין ירושלים. ענטפערט די גמרא איין תירוץ קען מען זאגן די קליידער זענין ניט גיוועזן קיין הייליגע. זיי זענין נאר גיוועזן גימאכט אזוי ווי בגדי כהונה. אונ נאך א תירוץ. צו אזא זאך וואס איז סכנת נפשות מעג מען גיין אין בגדי כהונה אפילו אין ארץ ישראל אויך: אזוי וויא עס שטייט אין פסוק עס איז דא אצייט צו טאהן צו גאט אונ צו פאר שטערען דיא תורה:

**ב** היכן. אויף וועלכין ארט האט מען גילייענט אין די ספר תורה יום כפור. זאגט דיא גמרא אין די עזרה. רבי אליעזר בן יעקב זאגט אויף דעם בארג וואס דער בית המקדש איז אויף אים גישטאנען. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק עזרא האט גילייענט אין די ספר תורה אויף די גאס וואס פאר דעם טויער וואס הייסט שער המים. פון פריא ביז האלבין טאג. בעגין די מאנען אונ ווייבער וואס האבין פאר שטאנען: אונ די אויערין פון גאנצין פאלק

איז

כל העם אמן אמן במועל ידיהם ויקדו וישתחו לה' אפים ארצה מאי הגדול אמר רב (אסי) [יוסף] אמר רב שגדלו בשם המפורש רב גידל אמר (רב) (ד"ה א טז) ברוך ה' אלהי ישראל מן העולם ועד העולם. אמר ליה אביי לרב דימי ודילמא שגדלו בשם המפורש אמר ליה אין אומרים שם המפורש בגבולין. ולא והכתיב (נחמיה ח) ויעמוד עזרא הסופר על מגדל עץ אשר עשו לדבר ואמר רב גידל (אמר רב) שגדלו בשם המפורש הוראת שעה היתה (שם ט) ויקם על מעלה הלוים ישוע ובני קדמיאל שבניה בני שרביה בני כנני ויזעקו בקול גדול אל ה' אלהיהם מאי אמור אמר רב (יהודה) ואי תימא רבי יוחנן בייא בייא היינו האי דאחרביה לבי מקדשא וקליית להיכלא וקטלינהו לצדיקיא ואגלינהו לישראל מן ארעהון ועדיין קא מרקד ביננא כלום יהביתיה ניהלן אלא לקבולי ביה אגרא לא איהו בעינן ולא אגרא בעינן נפל להו פיתקא מרקיעא דכתיב בה אמת. א"ר חנינא שמע מינה חותמו של הקב"ה אמת יתיבי בתעניתא שלשה יומי ושלשה לילי מסרוהו ניהלינהו נפק אתא כי גוריא דנורא מבית קדשי הקדשים אמר

כמס' תענית : בגבולין. כל חוץ לעזרה קרי גבולין: בייא בייא. לשון צעקה וקובלנא : האי דאחרביה לבה"מ. מבקשים רחמים שימסור בידם יצר הרע של עכו"ם : לקבולי אגרא. שנכוף אותו ונקבל אגרא : פיתקא. כתב : אמת. כלומר מסכים

---

איז געהען צו די ספר תורה. זעהן מיר אז מען לייענט אויף די גאס אויך. רב חסדא זאגט מען האט גילייענט יום כפור אין די ספר תורה אין עזרת נשים: אין פסוק שטייט ויברך עזרא את ה' האלהים הגדול. עזרא האט גילויבט גאט. און דאס גאנצע פאלק האבין אויף געהויבין זייערע הענט און האבין געענפערט אמן אמן. און זיי האבין געקניט און האבין זיך געבוקט צו גאט מיט דעם פנים צו די ערד. פרעגט די גמרא וואס מיינט מען הגדול. דעם גרויסן. האט רב יוסף געזאגט פון רבס וועגן מען מיינט עזרא האט ארויס גירעט דעם שם המפורש. דעם גרויסן נאמען פון גאט. רב גידל זאגט עזרא האט געזאגט גילויבט איז גאט וואס ער איז דער גאט פון די יודין פון איין וועלט ביז צו די אנדערע וועלט. דאס מיינט מען הגדול. ער האט גאט גרויס גימאכט און האט געזאגט ער איז א גאט פון אלע וועלטין. האט אביי געזאגט צו רב דימי טאמער מיינט מען ער האט געזאגט דעם שם המפורש (וויא רב יוסף זאגט). האט רב דימי געזאגט מען טאר ניט זאגן דעם שם המפורש אויסער דעם בית המקדש. פרעגט די גמרא מען טאר ניט. עס שטייט דאך אין פסוק עזרא הסופר האט זיך געשטעלט אויף א הילצערנע בימה וואס מען האט איר געמאכט פון זיינעטוועגן און רב גידל האט געזאגט אז עזרא האט געזאגט דעם שם המפורש. ענפערט די גמרא דאס האט מען נאר מתיר געווען צו דער צייט. אבער ווייטער טאר מען ניט זאגן דעם שם המפורש אויסער דעם בית המקדש. אין פסוק שטייט אויף די טרעפ וואו די לוים שטייען האבין זיך געשטעלט ישוע און בני און קדמיאל און שבניה און בני און שרביה און בני און כנני און זיי האבין געשריגען מיט א הויכין קול צו גאט. וואס האבין זיי געזאגט. האט רב געזאגט. און אנדערע זאגין רבי יוחנן האט געזאגט זיי האבין געשריגען ביי ביי. דאס איז דער יצר הרע וואס האט חרוב גימאכט דעם בית המקדש. און האט פאר ברענט דעם היכל און האט גיהרגת די צדיקים און האט פאר טריבען די יודין פון זייער לאנד. און ער שפרינגט נאך צווישען אונז. דו האסט דאך אונז נאר גיגעבין דעם יצר הרע. אז מיר זאלין אונז שטארקין אויף אים. וועלין מיר נעמען שכר. מיר ווילען ניט דעם יצר הרע. און ווילען ניט האבין דורך אים שכר. איז ארא פ געפאלין א קוויטיל פון הימעל. אין קוויטיל איז געווען געשריבען דער ווארט אמת. דאס מיינט מען מען וועט אזוי טאהן וויא זיי פאר לאנגען. מען וועט צו נעמען דעם יצר הרע. האט רבי חנינא גזאגט פון דאנען ווייסען מיר אז דער ווארט אמת איז די חתימה פון גאט. האבין זיי גיפאסט דריי טאג און דריי נעכט. האט מען אוועק גינעבין דעם יצר הרע צו די מענטשין. איז דער יצר הרע ארויס גיגאנגען פון קדשי קדשים און ער האט אויס גיזעהן וויא א פייערדיגער

לייב

אמר ליה נביא [לישראל] היינו הוא יצרא דעבודת אלילים שנאמר (זכריה ה) ויאמר זאת הרשעה וגו' בהדי דתפסו ליה אישתמיט ביניתא מן מזיה ורמא קלא אזיל קליה ארבע מאות פרסי אמרי היכי נעביד ליה דילמא חס ושלום מרחמי עליה מן שמיא אמר להו נביא שדיוה בדודא דאברא וחפיא לפומא באברא דשאיב קלא שנאמר (שם) ויאמר זאת הרשעה וישלך אותה אל תוך האיפה וישלך את אבן העופרת אל פיה אמרי הואיל ועת רצון הוא נבעי רחמי על יצרא דעבירה בעו רחמי ואמסר בידייהו א"ל נביא חזו דאי קטילתון להוא (נברא) איחרב כולי עלמא חבשוהו גבייהו תלתא יומי ובעו ביעתא בת יומא (לחולה) בכל ארץ ישראל ולא אישתכח אמרי היכי נעביד ניקטליה איחרב כולי עלמא ניבעי רחמי לפלגא פלגא טרקיע לא יהבי כחלינהו לעיניה ושבקוהו ואהנו ביה כי היכי דלא מיגרי ליה לאינש בקריבתא במערבא מתנו הכי אמ' רב גידל (אמר רב) שנדלו בשם המפורש רב מתנא אמר (נחמיה ט) האל הגדול הגבור והנורא והא דרב מתנא אתיא כדרבי יהושע בן לוי דאמר רבי יהושע בן לוי למה נקרא

פירוש

לגי קמכם: אמר נבי הגיית. זכריה בן עדו: ריניתא. שער: בדודא דאברא. כתיב אל עופרת: את הרשעה. וישלך אותה אל תוך האיפה וישלך את אבן העופרת אל פיה: שאיב קלא. נכנס הקול לתוך העופרת ואינו יוצא ממנו: כלי עלמא. יכלה העולם שלא תהא פריה ורביה: ביעתא בת יומא. ביצה הנולדה בו ביום לפי שפסק תי וגם מן ממטיר ואפי' אותם שעיברה שהתרנגולת כבר אינן מתבשלים במעיה: לפלגא. שיהא שולט באדם ליזקק לאשתו ולא לאחרת: כחלינהו. סימו עיניו פי' כחול : כאל הגדול הגבור והנורא. אמרו בלותה תפלה כמו שכתוב בספר עזרא. עשה אנ"ר

ליב. האט דער נביא געזאגט צו די יודין דאס איז דער יצר הרע וואס רעט אן דעם מענטשין צו דינען עבודה זרה אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (זכריה ה). וויא זיי האבין געכאפט דעם יצר הרע האבין זיי אויס געריסען א האר פון זיינע האר. האט דער יצר הרע געטאהן א געשריי האט מען געהערט דעם קול פיר הונדערט מייל. האבין די יודין געזאגט וויא זאלין מיר טאהן מיט אים. טאמער וועט מען אויף אים רחמנות האבין פון הימעל; האט דער נביא געזאגט צו די יודין ווארפט אים אריין אין א בלייענעם קעסיל. אונ איר זאלט דעם קעסיל צו דעקין מיט א בלייענעם דעק; ווארום בלייא ציהט אין זיך דעם קול. וועט מען ניט הערין ווי ער שרייט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אונ ער האט געזאגט דאס איז די שלעכטס (דער יצר הרע) אונ מען האט איר אריין געווארפען אין א קעסיל פון בלייא. אונ אויף דעם קעסיר האט מען ארויף געלייגט א שטיק בלייא שווער וויא א שטיין האבין די יודין געזאגט ווייל עס איז איצט א גוטע צייט. וועלין מיר בעטין מען זאל אונז געבין דעם יצר הרע פון זנות; האבין זיי געבעטין. אונ מען האט זייא געגעבין דעם יצר הרע פון זנות אויך. האט דער נביא געזאגט צו די יודין זעהט אויב איר וועט הרג'נען דעם יצר הרע פון זנות וועט וויסט ווערין דיא וועלט. האבין זיי געבונדין דעם יצר הרע אויף דריי טעג. דעם דריטען טאג האט מען געזוכט אאיי וואס איז געבארען געווארען היינט (אדער נעכטין) אין גאנץ ארץ ישראל. אונ מען האט ניט באקומען. ווייל אלע זכרים אונ נקבות אפילו פון בהמות אונ עופות האבין ניט געגרוסט צום באהעפטין זיך איינער מיט דעם אנדערין. האבין די יודין געזאגט וואס זאלין מיר טאהן. מיר זאלען הרג'נען דעם יצר הרע. וועט וויסט ווערין דיא גאנצע וועלט. מיר זאלין בעטין אויף העלפט. אז א מענטש זאל האבין דעם יצר הרע נאר צו זיין ווייב אבער ניט צו אפרעמדע. פון הימל ניט מען ניט העלפט. האבין זיי בלינד געמאכט דעם יצר הרע די אויגין אונ האבין אים אוועק געלאזין. דאס האט געהאלפען אז דער יצר הרע זאל ניט אן רייצין א מענטשין מזנה צו זיין מיט א נאענטע וואס קומט אוהם איר ברת אדער מיתה פון בית דין. למשל א מוטער. א שוועסטער א מומע. אונ נאך אזעלכע. אין ארץ ישראל האט מען אזוי געלערנט רב גידל האט געזאגט וואס מיינט מען הגדול. ער האט גגרייסט דעם נאמען פון גאט אונ ער האט ארויס גירעט דעם שם המפורש רב מתנה זאגט עזרא האט געזאגט אין זיין תפלה האל הגדול הגבור והנורא. זאגט די גמרא אונ רב מתנה זאגט ווי רבי יהושע בן לוי. ווארום רבי יהושע בן לוי האט געזאגט פאר וואס רופט מען אנשי כנסת הגדולה ודי מענטשין פון די גרויסע פאר זאמלונג. ווייל זיי האבין

צוריק

נקרא שמם אנשי כנסת הגדולה שהחזירו את העטרה ליושנה אתא משה אמר האל הגדול הגבור והנורא אתא ירמיה אמר עכו"ם מרקדים בהיכלו איה נוראותיו לא אמר נורא אתא דניאל ואמר עכו"ם משתעבדין בבניו איה גבורותיו לא אמר גבור אתו אנשי כנסת הגדולה ואמרו אדרבה זו היא גבורתו (ואלו נוראותיו) זו היא גבורתו שכובש את כעסו ונותן ארך אפים לרשעים ואלו הן נוראותיו שאלמלא נוראותיו אומה אחת היאך יכולה להתקיים בין שבעים אומות ורבנן היכי עבדי הכי ועקרי מה דאמר משה (אמר רבי יצחק ברבי אליעזר) אמר רבי אליעזר יודעים בהקב"ה שאמיתי הוא לפיכך לא כזבו לו. (דף ע) ומברך עליה שמונה ברכות . ת"ר ושאר התפלה רנה תחנה ובקשה מלפניך על עמך ישראל שצריכין להושע וחותם בשומע תפלה ואחר כך כל אחד ואחד מביא ספר תורה מביתו וקורא בו כדי להראות חזותו לרבים :

(דף עא) **ג אתי** משלת מצאו לכהן גדול בשוק אומר לו אישי כהן גדול עשינו שליחותך מצאו



האל הגדול הגבור והנורא אשר לא ישא פנים וגו' : עובדי כוכבים ומזלות מרקדים בהיכלו . שראה שרי נבוכדנצר נכנסו להיכל ומריעים בו בכל רמגס : לא אמר נורא . בפרשת חנמאל כתיב עושה חסד לאלפים ומשלם עון אבות אל חיק בניהם אחריהם האל הגדול הגבור ה' צבאות שמו : דניאל לא אמר גבור . בתפלתו בספרו : עכו"ם משתעבדין בבניו . זה שבעים שנה : וזו גבורתו . שכובש יצרו כל השנים הללו שמשתעבדו בהם ומאריך אפו על הגזירות שגוזרים על בניו : ואלו הן נוראותיו שהאומה מורא וכו' מן יום החרבן ההוא עמד נוראותיו בכל האומות נלכפו להשמידם והקיימנו מהן : ורבנן . ירמיה ודניאל : באמת אמת . מכירים על האמת ואינה את השקר : ושאר התפלה . השנויים במשנה כך היא כזה וכו' : להראות חזותו לרבים . להראות נויה של ס"ת והפארם בעלים שעדת להתנאות במצוה שנאמר זה אלי ואנוהו התנאה לפניו במצות וכו' :

אתי משלת : ליום המחרת : מצאו בשוק . מכבדו לפני הבריות ואומר איזהו כ"ג וכו' : ממיס

צוריק געשטעלט די קרון (די לויב פון גאט) אזוי וויא עס איז פריער געווען אין די אלטע יאהרען ; ווארום משה רבינו האט געזאגט אין דער תורה האל הגדול הגבור והנורא (גאט איז גרויס און שטארק און פארכטיג) . איז געקומען ירמיה הנביא און האט געזאגט גוים טאנצין אין זיין היכל וואו איז זיין מורא . האט ירמיה אין זיין תפלה ניט געזאגט דעםווארט נורא . איז געקומען דניאל און האט געזאגט גוים ארבעטין מיט זיינע קינדער . וואו איז זיין שטארקייט . האט דניאל אין זיין תפלה ניט געזאגט דעם ווארט גבור . זענען געקומען די אנשי כנסת הגדולה און האבין געזאגט פאר קערט איז . דאס איז די שטארקייט פון גאט אז ער האלט איין זיין כעס און ער ווארט די רשעים ביז זייער מאס עבירות ווערט פול דער נאך פאר לענדט ער זיי פון דר וועלט מיט איין מאהל . און דאס איז די מורא פון גאט אויף די אומות . ווארום ווען ניט די מורא פון גאט ווי אזוי וואלט געקענט לעבין איין פאלק צווישען זיבעציג פעלקער . וואס אלע זיבעציג פעלקער האבין איר פיינדט און וואלטין געוועהן איר פאר לענדין פון דער וועלט . און קענען איר ניט פאר לענדין . פרעגט די גמרא די רבנן (ירמיה און דניאל) ווי אזוי האבין זיי געטארן אזוי אזאך זיי זאלען ניט זאגין אויף גאט הגבור והנורא אזוי וויא משה רבינו האט געזאגט . הט רבי אליעזר געזאגט ווייל זיי ווייסען אז גאט האט ליב דעם אמת : דריבער האבין זיי ניט געוואלט זאגען מיט דעם מויל אנדערש ווי זיי טראכטין אין הארץ . ווייל אין הארץ האבין זיי זיך געוואונדערט וואו איז די שטארקייט און די מורא פון גאט . דריבער האבען זיי ניט געוואלט זאגין מיט דעם מויל הגבור והנורא ; ומברך . דער נאך ווי דער כהן גדול האט אפ געלייענט אום יום כפור . הט ער געזאגט אכט ברכות . די רבנן האבען געלערנט נאך הט דער כהן גדול געזאגט פר גאט . איך בעט דיך דו זאלסט צו הערין דם געזאנג און געבעט און דם פר לאנגען פון דיין פאלק ישראל וואס זיי דארפען געהאלפען צו ווערען . און הט אויס געלאזען די ברכה ברוך אתה יי שומע תפלה . דער נאך הט יעדער געבראכט זיינע אספר תורה פון דער היים . און הט אין איהר געלייענט די פרשה פון אחרי מות . ווייל יעדער הט געוואלט ווייזען וואס פר א שיינע ספר תורה ער האט :

**ג** אתי . אויף מארגען נאך יום כפור איז געקומען דער וואס האט געפירט דעם שעיר אין

מצאר בביתו אומר לו כחיה חיים עשינו שליהוין אמר רבא כי מפטרי רבנן מהדדי בפומבדיתא אמרי הכי מחיה חיים יתן לנו חיים ארוכים טובים ומתוקנים אמר רבה כי מפטרי רבנן כבי ר"נ בשכ ציב אמרי הכי מחיה חיים יתן לך חיים ארוכים טובים ומתוקנים:

(תהלים קטז) **ד אתהלך** לפני ה' בארצות החיים אמר רב יהודה זה מקום שווקים (משלי ג) כי אורך ימים ושנות חיים ושלום יוסיפו לך. וכי יש שנים של חיים ויש שנים שאינם של חיים. אמר רבי אלעזר אלו שנותיו של אדם שמתהפכין לו מרעה לטובה. (שם ח) אליכם אישים אקרא וגו' אמר רבי ברכיה אלו תלמידי חכמים שיושבין ודומים כנשים ועושין גבורה כאנשים. ואמר רבי ברכיה הרוצה שינסך יין על גבי המזבח ימלא גרונם של תלמידי חכמים יין שנאמר אליכם אישים אקרא. ואמר רבי ברכיה אם רואה אדם שתורה פוסקת מזרעו ילך וישא בת

ת"ח

חיים. הוא הקדוש ב"ה שעשנו בליחותו: מפטרי מהדדי. שהיה אחד נוטל רשות מחברו לשוב לביתו:
אתהלך וגו'. ליידי דאיירי בחיים מתוקנים נקט לה: מקום שווקים. שאדם מוצא לקנות מזונותיו ולפי שהיה דוד מטולטל נע ונד היה מתפלל על הדבר (ואומר בתפלה אתהלך לפני ה' וגו'): שמתהפכות עליו. מי שהיה עני בילדותו ונעשה עשיר לעת זקנתו דומה לו כאלו עכשיו נעשה חי מחייך מיתה: אליכם אישים אקרא. בכאן פרשת ושנות חיים הוא להכי נקט ליה: ודומים כנשים. שעוסקים ותשושי כח: אישים. לשון אשה מדלת

---

אין דער מדבר. אויב ער האט גיטראפין דעם כהן גדול אין גאס זאגט ער צו אים מיין האר כהן גדול מיר האבען גיטאהן אזוי ווי דו האכט גיהייסען. אויב ער האט גיטראפען דעם כהן גדול אין זיין שטוב האט ער גיזאגט צו אים דער וואס לאזט לעבין די לעבעדיגע (נאט) מיר האבין גיטאהן אזו ווי ער האט גיהייסען. רבא זאגט אין די שטאט פומבדיתא אז די רבנן פלעגין אוועק גיין איינער פון אנדערין האבין זיי אזוי גזאגט. דר וואס לאזט לעבין די לעבעדיגע זאל אונז געבין אלאנג לעבין אונ אגוט לעבין אונ אלין זאל זיין פר אונז אנגיברייט. רבה זאגט אין די שטאט שכנציב אז די תלמידים פלעגין אוועק גיין פון זייער רבי רב נחמן פלעגין זיי אזו זאגין צו אים. דר וואס לאזט לעבין די לעבעדיגע זאל דיר געבין אלאנג לעבין אונ אגוט לעבין אונ אלין זאל זיין פאר דיר אנגיברייט:

ד אתהלך. דוד המלך האט גיבעטען איך זאל גיין פאר גאט אין דיא לעבעדיגע לענדער. האט רב יהודה גזאגט אזוי האט דוד המלך גימיינט. אז איך וועל דארפען פאר טריבען ווערין פון מיין היים. זאל איך ניט פאר טריבען ווערין אין אמדבר. נאר אין שטעט וואו עס איז דא גאסען וואס מען בעקומט צו קויפען עסינווארג. איך זאל ניט שטארבען פון הונגער. אין פסוק שטייט לאנגע טעג אונ לעבעדיגע יאהרין אונ שלום וועט גיטערט ווערין צו דיר. פרעגט די גמרא איז דען דא יאהרין פון לעבין אונ יאהרין וואס ניט פון לעבין. האט רבי אלעזר גזאגט דאס מיינט מען די יאהרין פון דעם מענטשין. וואס זענען פאר קערט גיווארען פון שלעכטס צו גיטס. דיא שלעכטע יאהרין פון זיין יוגענד הייסען גישטארבענע יאהרין אונ די גוטע יאהרין פון זיין עלטער הייסען לעבעדיגע יאהרין. אונ ביי דעם מענטש זעהט אויס גליך וויא ער וואלט לעבעדיג גיווארין פון זיין טויטע צייט. אין פסוק שטייט אליכם אישים אקרא. צו אייך אישים טוה איך רופען. האט רבי ברכיה גזאגט דאס מיינט מען תלמידי חכמים וואס זענען שוואך אן כח אזוי וויא ווייבער. אונ זייא טוהען דיא גרעסטע שטארקייט אזוי ווי מאנען. נאך האט רבי ברכיה גזאגט דער וואס וויל גיסען ווין אויף דעם מזבח זאל ער דער פילען די האלדז פון דיא תלמידי חכמים מיט ווין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק צו אייך אישים טוה איך רופען. אישים מיינט מען תלמידי חכמים. אונ אישים איז טייטש קרבנות. אזוי וויא עס שטייט אשה ריח. דער וואס גיט עסין אונ טרינקען צו אתלמיד חכם איז גליך וויא ער וואלט דאס מקריב גיוועזן אויף דעם פייער פון מזבח. נאך האט רבי ברכיה גזאגט אויב אמענטש זעהט אז דיא תורה הערט אויף פון זיינע קינדער. זאל ער נעמען אווייב אטאכטער פון אתלמיד חכם. ווייל זיא איז אגאנצע טאג אין שטוב וועט זיא

לערנען

ת"ת שנאמר (איוב יד) אם יזקין בארץ שרשו וגו' מריח מים יפריח :

**ה פיסקא** ויום טוב היה עושה לאוהביו וכו . תנו רבנן מעשה בכהן גדול אחד שיצא מבית המקדש הוו קא אזלי כולי עלמא בתריה כד חזיונהו לשמעיה ואבטליון דהוו קא אתו שבקוה לדידיה ואזלו לבהר שמעיה ואבטליון לסוף אתו שמעיה ואבטליון לאפטורי מיניה דכהן גדול אמר להן ייתון בני עממין לשלם אמרו ליה ייתון בני עממין לשלם דעבדי עובדא דאהרן ולא (ליתו בנין) [ייתי בר אהרן לשלם דלא (עבדי) עבד] עובדא דאהרן :

(דף עב) **ו אמר** רבי חמא ברבי חנינא מאי דכתיב (שמות כו) עצי שטים עומדים שעומדים דרך גדילתן ד"א עומדים שמעמידין את צפויין . ד"א עומדים שמא תאמר אבד סברן ובטל סבויין תלמוד לומר עומדין שעומדין לעולם ולעולמים . ואמר רבי חמא בר חנינא מאי דכתיב את בגדי השרד לשרת בקדש

כתיב אגפים: אימים. לבין קרבן אשם: מריח מים. בני תורה :

נסוף אתו שמעיה ואבטליון לאפטורי מיניה. ליטול רשות ממנו ולפרוש לצד ביתם : ייתון בני עממין לשלם. לבין גנאי הוא לפי שבאו מבני בניו של סנחריב כדאמרינן במסכת גיטין : דעבדי עובדא דאהרן. רודפי שלום. דלא (עבדי) [עבד] עובדא דאהרן. שהונאתו אונאת דברים ואמר מר לא תונו איש את עמיתו באונאת דברים הכתוב מדבר אם היה בן גרים לא יאמר לו זכור מעשה אבותיך :

דרך גדילתן. העליון למעלה והתחתון למטה : שמעמידין את צפויין. לפוי הזהב מעמידין ע"י מסמרות ל"א שלא הקליעו ולא נפל לפויין : שמא תאמר. מבגנזו : אבד סברן. שלא ישובו עוד : ובטל סבויין. מה שאנו סוכין ואוסין לבן :

---

לערנען דיא קינדער ווי אזוי זייא זאלען זיין פרום . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אויב עס וועט אלט ווערין אין דער ערד זיין ווארציל . ודאס מיינט מען דיא תורה וועט אנהייבין פאר געסין צו ווערין פון זיינע קינדערן . אז עס וועט נאר דער שמעקין וואסער וועט דאס אנהייבין צוריק אויף בליהען (אז אין שטוב וועט נאר אריין קומען אריה פון תורה (ואאשה וואס איז אטאכטער פון אתלמיד חכם) וועט די תורה צוריק אויף בליהען :

**ח** פיסקא . נאך יום כפור פלעגט דער כהן גדול מאכען אסעודה פאר זיינע גוטע פריינד . די רבנן האבען גילערנט עס האט אמאהל גיטראפען אכהן גדול איז ארויס גיגאנגען מוצאי יום כפור פון בית המקדש . זענען אלע יודין גיגאנגען נאך איהם בגלייטען איהם . וויא די יודין האבען דער זעהן שמעיה אונ אבטליון קומען . האבען זיי פאר לאזט דעם כהן גדול אונ זענען גיגאנגען נאך שמעיה ואבטליון . דער נאך זענען גיקומען שמעיה אונ אבטליון צום כהן גדול גיזעגענען מיט איהם ווייל זייא פארין שוין אהיים . האט דער כהן גדול גזאגט צוא זיי זאלין קומען דיא קינדער פון דיא פעלקער מיט שלום אהיים ווארום שמעיה אונ אבטליון זענען גיוועזען גרים . אונ דער כהן גדול האט זיי גיוואלט דער צערענען . האט ער זיי גירופען גוישע קינדערן . האבען שמעיה אונ אבטליון גזאגט צום כהן גדול די קינדער פון די פעלקער זאלין טאקי קומען מיט שלום אהיים . ווייל זיי טוהען אזוי ווי אהרן הכהן הט גיטאהן . זיי זוכען עס זאל זיין שלום . אבער דער זוהן פון אהרן הכהן (דוא) זאלסט ניט זיין מיט שלום . ווייל דו טוהסט ניט אזוי ווי אהרן הט גיטאהן . ווארום מען טאר ניט זאגין צוא אגר גידיינק נאר ווער דיין פאטער איז גיוועז :

**ו** אמר . רבי חמא ברבי חנינא האט גזאגט וואס מיינט דער פסוק עצי שטים עומדים . טענען בוימער שטייענדיגע . מען זאל זיי שטעלין אזוי וויא זיי האבען גיוואקסען . די זייט פון שפיץ הויבין . אונ די זייט פון ווארצעל אונטען . אדער עומדין מיינט מען זיי האלטען אויף זיך די גאלד וואס די וואנט איז בדעקט . אדער עומדין מיינט מען . טאמער וועסטו זאגן אז דער בית המקדש איז חרוב גיווארען איז שוין פאר לאזען אונזער אפענונג אויף איהם . אונ עס איז אויסגעוויזט וואס מיר ווארטען אויף איהם . שטייט אין פסוק עומדין . זייא שטייען . זיי שטייען אויף אייביג . דער בית המקדש וועט צוריק גיבאהט ווערין . נאך האט רבי חמא בר חנינא גזאגט וואס מיינט דער פסוק את בגדי השרד לשרת בקודש . דיא קליידער פון

איבער

בקדש (ע"ג) אלמלא בגדי כהונה לא נשתייר משונאיהן של ישראל שריד ופליט. [אמר רחבה] אמר רב יהודה שלש ארונות עשה בצלאל אמצעי של עץ וכו'. אמר רבי יוחנן שלשה זירים הם של מזבח ושל שלחן ושל ארון, של מזבח זכה אהרן ונטלו. של שלחן זכה דוד ונטלו. של ארון עדיין הוא מונח כל הרוצה ליטול יבא ויטול שמא תאמר פחות שבהן הוא ת"ל (משלי ח) בי מלכים ימלוכו וגו'. רבי יוחנן רמי כתיב זר וקרינן זיר זכה נעשית לו זיר לא זכה נעשית לו זרה הימנה. רבי יוחנן רמי כתיב (דברים י) ועשית לך ארון עץ וכתיב (שמות כה) ועשו ארון עצי שטים מכאן לתלמיד חכם שבני עירו מצווים לעשות מלאכתו. מבית ומחוץ תצפנו אמר רבא כל תלמיד חכם שאין תוכו כברו אינו תלמיד חכם אביי ואי תימא (רבא) [רבה] בר עולא אמר אף נקרא תועבה שנאמר (באיוב) (איוב טו) אף כי נתעב ונאלח איש שותה כמים עולה:

שריד. לשון שריד: אלמלא בגדי כהונה. שעל ידיהן מקריבין הקרבנות המכפרין על ישראל: שלש ארונות. שנאמר מבית ומחוץ תצפנו ושל עץ באמצע והושיבו בתוך של זהב וחזר ונתן של זהב שני בתוך של עץ וחפה שפתו העליונה בזהב נמצא מצופה מבית ומחוץ: שלשה זירים. כעין כלילי כתרים: של מזבח. סימן לכתר כהונה: ושל ארון. סימן לכתר תורה: ושל שלחן. סימן לכתר מלכות שהשלחן הוא עושר שלחן מלכים: ה"ג של מזבח זכה אהרן ונטלו של שלחן זכה דוד ונטלו. שכהונה ניתנה לאהרן ברית מלח וכן המלכות ניתנה לדוד ולזרעו עד עולם: כי מלכים ימלוכו. גדול הוא הממליך מן המלך והתורה היא המלכה מקרא זה: זכה. ללמוד לשמה ולקיימה: זרה. משכחתו הימנו: מצווין לעשות מלאכתו. שהארון בהלה כשיל הכתוב המלאכה על משה והח"כ על הצבור ואע"ג דקאי נמי בכולי סידרא כתיבי אמבואה באמצע הוא דקאמר: איש שותה. הורס כמים יש בו עולה:

ז אמר רבי שמואל בר נחמני אמר רבי יונתן מאי דכתיב (משלי יז) למה זה מחיר ביד כסיל לקנות

---

איבער בלייבונג צו ברענגען מיט הייליגקייט. ווען ניט דיא הייליגע קליידער וואס דיא כהנים גייען אן גיקליידט אונ זענען מקריב קרבנות צו פאר געבען דיא עבירות, וואלט שוין לאנג גיט גיוועזען קיין איבער בלייבונג פון דיא יודען: רחבה האט גיזאגט פון רב יהודה'ס וועגען דריי קאסטענס האט געמאכט בצלאל צוויי פון גאלד אונ איינעם פון האלץ. רבי יוחנן זאגט דריי קרוינען איז גיוועזען פון מזבח וואס איז די כהונה. פון טיש ווס איז די מלוכה, אקעניגליכער טיש. פון ארון וואס איז די תורה. די קרוין פון מזבח האט זוכה גיוועזען אהרן אונ האט איר גענומען. די קרוין פון טיש האט זוכה גיוועזען דוד אונ האט איר גענומען. דיא קרין פון ארון ליגט נאך ווער עס וויל קען זי נעמען. טאמער וועסטו זאגען די קרוין פון די תורה איז דיא ערגסטע. שטייט אין פסוק דיא תורה זאגט דורך מיר קעניגען מלכים. אונ דער וואס נעמט אויף דעם מלך איז דאך גרעסער וויא דער מלך. רבי יוחנן האט גיפרעגט אין פסוק שטייט געשריבען זר. איז טייטש פרעמד. אונ מיר לייענען זיר. איז טייטש אקרוין. נאר אז דער מענטש איז זוכה, איז די תורה ביי איהם אקרוין. אונ אז דער מענטש איז ניט זוכה. ווערט די תורה פרעמד פון איהם. זיא ווערט פון איהם פאר געסען. רבי יוחנן האט גיפרעגט אין פסוק שטייט גאט האט גיזאגט צו משה דוא זאלסט מאכען אקאסטען פון האלץ. אונ אין פסוק שטייט זיא זאלען מאכען אקאסטען פון טענען האלץ. פון דאנען ווייסען מיר אז די מענטשין פון שטאט דארפען טאהן די מלאכה פון תלמיד חכם. דיא יודען האבען גידארפט מאכען דעם קאסטען פון משה'ס וועגען. אין פסוק שטייט דער ארון זאל זיין בדעקט מיט גאלד אינווייניג אונ אויס ווייניג. האט רבא גיזאגט דער תלמיד חכם וואס ער איז נישט אינווייניג אזוי ווי אויס ווייניג. אויס ווייניג ווייזט ער זיך פרום אונ אין אמת איז ער נישט פרום. איז ער גיט קיין תלמיד חכם. אביי האט גיזאגט אונ אנדערע זאגען רבה בר עולא האט גיזאגט. ער ווערט גירופען תועבה. ער איז פאר מיאוסט פאר גאט. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אף כי נתעב ונאלח איש שותה כמים עולה. דער מענטש וואס טרינקט נור לערונט תורה אזוי וויא וואסער. אונ אינווייניג איז ער פאלש. דער איז פאר מיאוסט:

ז אמר. רבי שמואל בר נחמני האט גיזאגט פון רבי יונתן'ס וועגען וואס מיינט דער פסוק

לקנות חכמה ולב אין אוי להם לתלמידי חכמים שעוסקין בתורה ואין בהם יראת שמים מכריז רבי ינאי חבל על מאן דלית ליה דרתא ותרעא לדרתא עביד אמר להם רבא לרבנן במטותא מינייכו לא תירתו תרתי גיהנם. אמר רבי יהושע בן לוי מאי דכתיב (דברים ד) וזאת התורה אשר שם משה זכה נעשית לו סם חיים לא זכה נעשית לו סם מיתה והיינו דאמר רבא מאן דזכה הויא ליה סמא דחיי דלא זכה תהוי סמא דמותא. אמר רבי שמואל בר נחמני רבי יונתן רמי כתיב (תהלים יט) פקודי ה' ישרים משמחי לב וכתיב (שם יח) אמרת ה' צרופה זכה משמחתו לא זכה צורפתו למיתה רבי שמעון בן לקיש אמר מגופיה דקרא נפקא זכה צורפתו לחיים לא זכה צורפתו למיתה (שם יט) יראת ה' טהורה עומדת לעד א"ר (נחוניא) [חנינא] זה הלומד תורה בטהרה מאי היא נושא אשה ואחר כך לומד תורה (שם) עדות ה' נאמנה מחכימת פתי. אמר רבי חייא [בר אבא] נאמנה היא להעיד בלומדיה:

(עא ע"ב) (משנה) **ח כהן** גדול משמש בשמונה בגדים וההדיוט בד' באלו נשאלין באורים ותומים

דרתא: חצר: ותרעא לדרתא עביד. שהתורה אינה אלא שער ליכנס בה ליראת שמים לכך צריך שתקדם לה יראת שמים: תרתי גיהנם. להיות עמלים בתורה בעוה"ז ולא תקיימוה ותרשו גיהנם במותכם ובחייכם לא נהניתם בעולמכם: צורפתו. ביסורים ונגעים: זוכה אדם אם ונגאל מהרהורי עבירה: להעיד בלומדיה. מי קיים ומי לא קיים: באלו נשאלין. כהן הנשאל באורים ותומים צריך

---

פסוק צו וואס טויג דאס געלט וואס ביי דעם נאר אין האנט ער זאל קויפען חכמה. אז ער האט ניט קיין הארץ. דאס מיינט מען ווי צו די תלמידי חכמים וואס לערנען תורה אונ האבען ניט יראת שמים. זיי זענען ניט פרום: רבי ינאי האט אויס גירופען ווי צו דעם וואס האט ניט קיין הויף אונ ער מאכט אטויער צו אהויף. ער האט ניט קיין יראת שמים אונ לערונט תורה. רבא האט גזאגט צו די רבנן איך בעט פון אייך איר זאלט ניט ירשנן צוויי מאהל גיהנם. דא אויף דער וועלט מאטערט איר אייך טאג מיט נאכט אין די תורה אונ איר האט ניט הנאה פון די וועלט. אונ אז איר וועט ניט זיין פרום וועט איר האבען אויף יענע וועלט גיהנם. וועט איר האבען פאר לארען בייד וועלטען. רבי יהושע בן לוי זאגט אין פסוק שטייט וזאת התורה אשר שם משה: דער ווארט שם ווערט גילייענט גלייך ווי עס ווארט גישטאנען סם. אז דער מענטש איז זוכה ווערט די תורה צו איהם אסם פון לעבין: אז ער איז ניט זוכה ווערט די תורה צו איהם סם המות. דאס איז די זעלביגע וואס רבא הט גזאגט דער מענטש וואס איז זוכה ווערט די תורה צו אים אסם פון לעבין. דר וואס איז ניט זוכה ווערט דיא תורה צו איהם סם המות. רבי שמואל בר נחמני האט גזאגט רבי יונתן האט גיפרעגט אין איין פסוק שטייט דיא מצות פון גאט זענען גלייך אונ גוט זיי דער פרייען דאס הארץ. אונ אין איין פסוק שטייט די זאג פון גאט לייטערט דעם מענטש. נאר אז דער מענטש איז זוכה מאכען די מצות פרייליך דעם מענטש. אונ אז ער איז ניט זוכה לייטערין איהם דיא מצות מיט יסורים אויף דער וועלט ביז ער שטארבט: אונ מיט גיהנם אויף יענער וועלט. רבי שמעון בן לקיש זאגט פון דעם פסוק אליין אמרת ה' צרופה: ווייסען מיר ביידע זאכען. אז דער מענטש איז זוכה לייטערין איהם די מצות צום לעבין. אונ אז ער איז ניט זוכה לייטערען אים דיא מצות צום שטארבען. אין פסוק שטייט די מורא פון גאט אז זיא איז ריין שטייט זי אויף אייביג. האט רבי חנינא גזאגט דס מיינט מען דער וואס לערונט תורה מיט ריינע גידאנקען וויא אזוי. ער נעמט אוויב דער נאך לערנט ער תורה. אין פסוק שטייט דיא עדות ודי תורה פון גאט איז בגלויבט זיא מאכט קלוג דעם נאר. האט רבי חייא בר אבא גזאגט דיא תורה איז בגלויבט עדות צו זאגען אויף דיא מענטשין וואס האבען איר גילערונט וועלכער האט מקיים גיוועזן וואס ער הט גילערונט. אונ וועלכער הט ניט מקיים גיוועזן:

**ח** משנה. דער כהן גדול ווען ער איז מקריב אקרבן דארף ער גיין אין אכט קליידער: אונ אפראסטער כהן ווען ער איז מקריב אקרבן דארף ער גיין אין פיר קליידער. ווען מען

פרענט

ותומים ואין נשאלין (בהם להדיוט) אלא למלך ולאב בית דין ולמי שצורך הצבור בו:

(דף עג) ת"ר תנו רבנן כיצד שואלין השואל פניו כלפי הנשאל והנשאל פניו כלפי השכינה השואל אומר (ש"א ל) ארדוף אחרי הגדוד הזה האשיגנו והנשאל אומר רדוף כה אמר ה' עלה והצלח רבי יהודה אומר לא היה צריך לומר כה אמר ה' אלא עלה והצלח. אין שואלין בקול משום שנאמר (במדבר כז) ושאל לו במשפט האורים ואינו מהרהר בלבו משום שנאמר (שם) על פיו יצאו ועל פיו יבאו אלא כדרך שדברה חנה בתפלתה שנאמר (ש"א א) והנה היא מדברת על לבה ואין שואלין שני דברים כאחד ואם שאל אין מחזירין לו אלא אחת ואין מחזירין לו אלא ראשון שנאמר (ש"א כג) היסגירוני בעלי קעילה בידו הירד שאול כאשר שמע עבדך ה' אלהי ישראל הגד נא לעבדך ויאמר ה' ירד והא אמרת אין מחזירין אלא ראשון (אלא) דוד שאל (ע"ג) שלא כסדר והחזירו לו כסדרו שנא' (שם) ויאמר דוד היסגירו בעלי קעילה אתי ואת אנשי ביד שאול ויאמר ה' יסגירו ואם הוצרך הדבר

**פירוש**

ולבוש ח' בגדים: כשואל. מלך או אב בית דין: פניו כלפי נשאל. כלפי כהן: כלפי שכינה. כלפי אורים ותומים ושם המפורש שבתוך החשן: ושאל לו. משמע לו לבדו שאין שומע אלא הוא: ולא מהרהר בלבו. אלא יוציא בשפתיו מפיו שואל שנאמר ושאל לו במשפט האורים וסמיך ליה על פיו יצאו ועל פיו יבאו קרי ביה הכי ושאל לו השואל על פיו במוציא דברים מפיו: שני דברים כאחד. אלא לאחר שהשיבו לו על הראשון שואל לו על השני: שלא כסדר. היה לו לשאול הירד שאול

---

פרעגט ביי דעם כהן וואס די אורים ותומים זאגען. מוז דער כהן גיין אין אכט קליידער: אונ די אורים ותומים זאגען נאר אז א מלך פרעגט. אדער אז דער גרעסטער פון בית דין פרעגט: אדער אז די זאך איז פון פיל יודינם וועגין:

ת"ר תנו רבנן. די רבנן האבען גילערנט ווי אזוי פרעגט מען ביי דיא אורים ותומים. דער מענטש וואס פרעגט שטייט מיט זיין פנים געגין דעם כהן וואס ער פרעגט פון איהם. אונ דער כהן זאל קוקען אויף דעם אורים ותומים. דער וואס פרעגט זאגט למשל. זאל איך יאגין נאך דעם חיל. וועל איך איהם חאפען. אונ דער כהן ענטפערט למשל. יאג נאך אזוי האט גאט גזאגט גיי אויף אונ וועסט בגליקען. רבי יהודה זאגט דער כהן האט ניט גידארפט זאגין אזוי האט גאט גזאגט. ער האט נאר גזאגט גיי אויף אונ וועסט בגליקען. דער וואס האט גיפרעגט האט ניט גיטארט אויך רעדען ווייל עס שטייט אין פסוק ושאל לו במשפט האורים. ער זאל פרעגין פאר זיך ביי די אורים ותומים. פאר זיך מיינט מען עס זאל קיינער ניט הערין וואס ער פרעגט. נאר ער אליין. אונ ער זאל ניט טראכטען אין הארצען אונ נאר ניט ריידען. ווארום עס שטייט אין פסוק על פיו יצאו ועל פיו יבואו. לייענען מיר צו זאמען דעם פסוק ושאל לו במשפט האורים על פיו. ער זאל פרעגין ביי די אורים ותומים מיט זיין מויל. ער מוז ריידען וואס ער פרעגט. נאר ער זאל ריידען שטיל אזוי וויא חנה האט גירעט ווען זיא האט מתפלל גיוועען. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק חנה האט גירעט אויף איר הארץ איר ליפען האבען זיך גישאקעלט אונ איר קול האט מען ניט גיהערט. אונ מען פרעגט ניט צוויי זאכען מיט איין מאהל. נאר פריער פרעגט מען איין זאך. אז מען האט איהם שוין גיענטפערט אויף איין זאך. דער נאך פרעגט ער די אנדערע זאך. אונ אויב ער האט גיפרעגט צוויי זאכען מיט איין מאהל. ענטפערט מען איהם נאר אויף איין זאך. אונ מען ענטפערט איהם נאר אויף די ערשטע זאך. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דוד האט גיפרעגט די מענטשין פון קעילה וועלען מיך איבער ענטפערן אין דיא האנט פון שאול וואס איז איין פראגע. וועט שאול נידערען אין קעילה אזוי וויא דיין קנעכט האט גיהערט. גאט. וואס דו ביסט דער גאט פון יודען. זאג צו דיין קנעכט. ודס איז די אנדערע פראגע. הט ער גיפרעגט צוויי זאכען מיט איין מאהל. האט גאט גזאגט שאול וועט נידערין אין קעילה. פרעגט די גמרא דו זאגסט דאך אז מען ענטפערט נאר אויף די ערשטע זאך. פר וואס הט מען דא גיענטפערט אויף די אנדערע זאך. ענטפערט די גמרא דוד הט ניט גלייך גיפרעגט. פריער האט ער בדארפט פרעגין אויב שאול וועט קומען אין קעילה. דער נאך הט

עו

הדבר לשנים מחזירין לו לשנים שנאמר (שם ל) וישאל דוד בה' לאמר ארדוף אחרי הגדוד הזה האשיגנו ויאמר לו רדוף כי השג תשיג והצל תציל ואף על פי שגזירת נביא חוזרת גזירת אורים ותומים אינה חוזרת שנאמר (במדבר כז) במשפט האורים ולמה נקרא שמם אורים ותומים אורים שמאירים את דבריהם תומים שמשלימין לדבריהם ואם תאמר בגבעת בנימין כפני מה לא השלימו להם מפני שלא בחנו אם לנצוח אם לינצח ובאחרונה שבחנו הסכימו (והשלימו להם) שנאמר (שופטים כ) ופנחס בן אלעזר בן אהרן עומד לפניו בימים ההם לאמר האוסיף עוד לצאת למלחמה עם בני בנימין אחי אם אחדל ויאמר ה' עלו כי מחר אתננו בידך. כיצד נעשית רבי יוחנן אומר בולטות רבי שמעון בן לקיש אומר

שסגירוני לפיכך הביטוהו על כרחו לבאר ראשון : ואם הוצרך לשנים. כגון שהיה הדבר נחוץ ואין שהות להמתין כגון הארדוף האשיגנו דלעיל : גזירת נביא חוזרת. כגון גבי יונה בן אמיתי : שנאמר במשפט. כדין שאינו חוזר : שמאירין את דבריהם. מפרשים את דבריהם : משלימין את דבריהם. כדאמרינן שאין גזירתם חוזרת : לא השלימו. שאמרו להם בשני ימים הראשונים עלו אליו ועלו ונפלו : הם בלא בחנו. אורים ותומים לא פרשו להם בשני ימים הראשונים עלו והצליחו אלא עלו אליו אם לנצח ואם לנצח : באחרונה. פרשו להם כי מחר אתננו בידך : בולטות. האותיות בולטות כגון ע"ן משמעון למ"ד מלוי ה"א מיהודה לומר עלה וכל אחת היתה זזה ממקומה אלא בולטת כ יקומה והות

ער גידאַרפֿט פֿרעגן אויב די מענטשן פֿון קעילה וועלן איהם איבער געבין אין די האַנט פֿון שאול. אונ נאָך האָט איהם געענטפֿערט גלייך שאול וועט קומען אין קעילה. אונ ווי דוד האָט געוואוסט אַז ער האָט ניט גלייך געפֿרעגט. האָט ער נאָך אַמאָהל געפֿרעגט וואָס ער האָט פֿריער געפֿרעגט. אַזוי וויא עס שטייט אין פּסוק דוד האָט געזאָגט וועלין די מענטשין פֿון קעילה איבער געבין מיך מיט מיינע מענטשין אין די האַנט פֿון שאול. האָט גאָט געזאָגט זיי וועלען איבער געבין. זאָגט די גמרא אויב עס איז אָבער גאַנץ נייטיג מען זאָל פֿרעגן צוויי זאַכין מיט איין מאָהל. ענטפֿערט מען אויף ביידע זאַכען מיט איין מאָהל. אַזוי וויא עס שטייט אין פּסוק דוד האָט געפֿרעגט בּיי גאָט ער זאָל איהם זאָגען. זאָל איך יאָגין דעם חיל. ווער איך איהם טאַפּען. האָט גאָט געזאָגט יאָג דו וועסט טאַפּען אונ וועסט רעטין. זאָגט די גמרא אַפֿילו די גזרה פֿון אַנביא ווערט אַמאָהל גיענדערט. אָבער די גזרה פֿון די אורים ותומים ווערט ניט גיענדערט. אַזוי ווי עס שטייט אין פּסוק במשפט האורים. וואָס די אורים ותומים זאָגען איז גלייך ווי אַדין. וואָס ער ווערט ניט געענדערט. פֿאַר וואָס רופֿט מען אורים ותומים. אורים איז טייטש זיי מאַכען לייכטען זייערע רייד. תומים איז טייטש זייא מאַכען גאַנץ זייערע רייד. ווי זיי זאָגען אַזוי בלייבּט. עס ווערט ניט גיענדערט. פֿרעגט די גמרא פֿאַר וואָס בּיי גבעה בּנימין האָבען די אורים ותומים ניט גאַנץ גימאַכט זייערע רייד. די אורים ותומים האָבען געזאָגט מען זאָל גיין אין דער מלחמה. אונ זיי זענען גינאַנגען אונ זענען גיהרגת גיוואָרין. ענטפֿערט די גמרא די ערשטע צוויי טעג האָבען דאָך די אורים ותומים ניט געזאָגט וואָס פֿון דער מלחמה וועט זיין. אויב זיי וועלען הרגנן די מענטשין פֿון בּנימין. אָדער די מענטשין פֿון בּנימין וועלין זיי הרגנן. די יודען האָבען גיפֿרעגט זאָלען מיר גיין אין דער מלחמה. האָבען די אורים ותומים גיענטפֿערט גייט. אָבער צום לעצטען אַז די אורים ותומים האָבען געזאָגט גייט אין דער מלחמה אונ איר וועט געווינען. איז טאַקי אַזוי גיוועזן. אַזוי ווי עס שטייט אין פּסוק פנחס בן אלעזר בן אהרן איז גישטאַנען פֿאַר די אורים ותומים אין די טעג. האָבען דיא יודען גיפֿרעגט מען זאָל זיי זאָגען. זאָל איך נאָך אַמאָהל גיין צו אַמלחמה מיט די קינדער פֿון מיין ברודער בּנימין. אָדער איך זאָל מיך פֿאַר מיידען. האָט גאָט געזאָגט גייט אויף וואָרום מאָרגין וועל איך איהם געבין אין דיין האַנט. זאָגט די גמרא ווי אַזוי האָט דער אורים ותומים געזאָגט. רבי יוחנן זאָגט די אותיות זענען אַרויס גיקומען. אונ יעדער אות איז גישטאַנען אויף זיין אָרט. למשל דער אורים ותומים האָט גידאַרפֿט זאָגין עלה. גיי אויף. איז אַרויס גיקומען אַע. פֿון שמעון. אונ אַל' פֿון לוי. אונ אה' פֿון יהודה. האָט דער כהן גילייענט צו זאַמען עלה. רבי שמעון בן לקיש זאָגט די אותיות זענען צו זאַמען גישטאַנען איינס נעבין

נעבין

אומר מצטרפות. הא לא כתיב צד"י אמר [רב] שמואל ברבי יצחק אברהם יצחק ויעקב כתיב שם והא לא כתיב ט"ת אמר רבי אחא בר יעקב שבטי ישורון כתיב שם. מיתיבי כל כהן (שמדבר) [שאינו מדבר] ברוה"ק ושכינה שורה עליו [אין] שואלים בו שהרי שאל צדוק ועלה לו ושאל אביתר ולא עלה לו שנאמר (ש"ב טו) ויעל אביתר דמסייע סיועי בהדיהו:

י **פיסקא** ואין נשאלין (בהם להדיוט) אלא למלך ולבית דין ולמי שצורך הצבור בו מנא הני מילי אמר רבי אבהו אמר קרא (במדבר כז) ולפני אלעזר הכהן יעמוד ושאל לו וגו' הוא זה מלך וכל בני ישראל אתו זה משוח מלחמה וכל העדה זו סנהדריו:

תנו

## פירוש

מתרגם: והא לא כתיב צד"י. בכל השבטים ואם כן ליכא בנין והא הא"ל מסיק נמי: שהרי שאל צדוק. כדכתיב דוד בורח מפני אבשלום: שנאמר ויעל אביתר. עד תום כל העם לעבור ותהא בסדר שולם ושאל באורים ותומים ולא עלה לו ונסתלק מן הכהונה שנאמר ויעל אביתר מדקאמר דבעי כהן המדבר ברוח הקודש אלמא לאו בולטות ולאו מצטרפות הוו דא"כ למה לי רוה"ק: סיוע הוה מסייע. כהן בשאלו אורים ותומים מילך אם כהן כשר הוא והאי לברות שכינה עליו האותיות בולטות או מצטרפות על ידו כשנשאלין בו ואם לאו לא היו בולטות ולא מצטרפות ע"כ: הוא זה מלך. דהא ביהושע משתעי קרא: וכל בני ישראל אתו. מי שכל בני ישראל אתו נראה במלחמה אחריו:

---

נעבין דאס אנדערע. מען זאל לייענען אזאנצען ווארט. פרעגט די גמרא אין די נעמען פון די צוועלף שבטים שטייט דאך ניט קיין צ. וואס טוהט מען אז מען דארף האבען אצ. למשל מען דארף ענטפערין תציל. דוא וועכט רעטין. האט רב שמואל ברבי יצחק גזאגט דיא דריי ווערטער אברהם יצחק יעקב זענען אויך געשטאנען אויף די אורים ותומים. פרעגט די גמרא עס איז דאך ניט געשטאנען קיין ט. האט רב אחא בר יעקב גזאגט די צוויי ווערטער שבטי ישרון זענען אויך געשטאנען אויף די אורים ותומים. פרעגט די גמרא מיר האבען דאך גילערונט דער כהן וואס רעט ניט מיט רוח הקודש. אונ די שכינה רוהט ניט אויף איהם. זאל מען פון איהם ניט פרעגין ביי דיא אורים ותומים. ווארום צדוק האט גיפרעגט בייא דיא אורים ותומים הט מען איהם גיענטפערט. אונ אביתר האט גיפרעגט בייא דיא אורים ותומים האט מען איהם ניט גיענטפערט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אביתר איז אפ גיטראהן גיווארין פון די כהונה. איז דאך די קשיא אויב די אותיות זענען ארויס גיקומען יעדער אות אויף זיין ארט. אדער די אותיות זענען צו זאמען גיקומען. צו וואס האט מען גידארפט דער כהן זאל ריידען מיט רוח הקודש. אן רוח הקודש קען מען דאך אויך וויסען וואס די אורים ותומים האבין גיענטפערט. זאגט די גמרא דער כהן האט גיהאלפען צו די אורים ותומים. אויב דער כהן איז גיוועזן פרום אונ די שכינה הט אויף איהם גירוהט אונ ער האט גירעט מיט רוח הקודש. פאר דעם כהן איז ארויס גיקומען די אותיות פון די אורים ותומים. אונ מען האט איהם גיענטפערט. אבער אז די שכינה האט ניט גירוהט אויף דעם כהן. ווייל ער איז ניט ווערט גיוועזן. פאר איהם זענען דיא אותיות ניט ארויס גיקומען. אונ מען האט איהם ניט גענטפערט:

י פיסקא. מיר האבען גילערנט אז די אורים ותומים זאגען נאר אז א מלך פרעגט. אדער אז דער גרעסטער פון בית דין פרעגט. אדער אז דיא זאך איז פון פיל יודינס וועגין. פון וואנען וויסען מיר דאס, האט רבי אבהו וזאגט עס שטייט אין פסוק יהושע זאל שטיין פאר אלעזר הכהן אונ ער זאל פרעגין ביי איהם וואס דיא אורים ותומים זאגען. ער זאל שטיין אונ פרעגין. דס מיינט מען דער מלך. אונ אלע יודען מיט איהם. דאס מיינט מען דעם כהן וואס גייט אין דער מלחמה: אונ דיא גאנצע עדה דאס מיינט מען די סנהדרין:

(דף עד ע"ב) **א תנו** רבנן תענו את נפשותיכם יכול ישב בחמה או בצנה כדי שיצטער ת"ל וכל מלאכה לא תעשו מה מלאכה שב ואל תעשה אף עינוי נפש שב ואל תעשה ואימא היכא דיתיב בשמשא וחמים ליה לא נימא ליה קום תיב בטולא יתיב בטולא וקריר ליה לא נימא ליה קום תוב בשמשא דומיא דמלאכה מה מלאכה לא חלקת בה אף עינוי לא תחלוק בו:

**ב כתיב** (דברים ח) המאכילך מן במדבר [למען ענותך] (וכתיב (שם) ויענך וירעיבך) רבי אמי ורבי אסי חד אמר אינו דומה מי שיש לו פת בסלו למי שאין לו פת בסלו. וחד אמר אינו דומה מי שרואה ואוכל

מה. מצות מלאכה שהיא שב ואל תעשה אף מצות עינוי שב ואל תעשה דבר המבטל ממנו את העינוי הוא ואין זו אלא כגון האי דמתניתין לא יאכל ולא ישתה ולא ירחץ: מה מלאכה לא חלקת בה. בכל גדריה אסורה אף עינוי נמי באיסורו בכל גדרין קאמר יצאו חמה וצנה שאם ישב בהן היא בעינוי ואם לא ישב אינו מצוה שישב:

ס"ג המאכילך מן במדבר וגו' רבי אמי ורבי אסי וכו'. ולית הכא רומיא דקראי אלא קרא קא מפרש המאכילך למען ענותך אוכל ומעונה: אין לו פת בסלו. אוכל היום ודואג על למחר: אינו

## פרק שמיני

**א** תנו רבנן. די רבנן האבין גילערנט אין פסוק שטייט אז אום יום כפור תענו את נפשותיכם. זאלט איר פייניגען אייערע לייבער. וואלט איך מיינען ער זאל זיצען אויף די היץ אדער אויף די קעלט. ער זאל ווערין גיפייניגט. שטייט אין פסוק איר זאלט ניט טאהן קיין מלאכה. אזוי ווי מלאכה האט די תורה גיזאגט דו זאלסט זיצען אונ ניט ארבעטין. אזוי ביי דעם פייניגען האט אויך די תורה גימיינט איר זאלט זיצען אונ ניט טאהן אזוי אזאך וואס זאל אייך שטערין דאס פייניגען: דאס מיינט מען איר זאלט ניט עסין אונ ניט טרינקען. ווארום אז מען עסט ניט אונ מען טרינקט ניט איז מען גיפייניגט. אונ אז ער וועט עסין אדער טרינקען שטערט ער דאס פייניגען. פרעגט די גמרא טאמער אז ער זיצט אויף די זון אונ עס איז אים הייס טאר מען אים ניט זאגען גיי זיצען אין שאטען אדער אז ער זיצט אין שאטען אונ עס איז אים קאלט טאר מען אים ניט זאגין גיי זיצען אין די זוהן. נאר ער זאל ווערען גיפייניגט פון די היץ אדער פון די קעלט. ענטפערט די גמרא דאס פייניגען איז גלייך מיט דעם ארבעטין. אזוי ווי ארבעטין איז אייביג אסור. ביי ער האלט אין מיטען ארבעטין. מוז ער אוועק לייגין די ארבעט. אונ ביי ער ארבעט ניט טאר ער ניט אנהייבין ארבעטין. אזוי פייניגען שמועסט מען אויך פון אזוי אזאך וואס ער מוז דער מיט אייביג גיפייניגט ווערין. למשל עסין. אויב ער האלט אין מיטען עסין. מוז ער אויף הערין צו עסין. אונ אויב ער עסט ניט, טאר ער ניט אנהייבין עסין: אבער מיט היץ אונ קעלט מוז ער דאך ניט אייביג גיפייניגט ווערין. נאר אויב ער זיצט אויף די היץ אדער אויף די קעלט איז ער גיפייניגט. אבער אז ער זיצט ניט אויף די היץ אדער אויף די קעלט. דארף ער ניט גיין זיצען אויף די היץ אדער אויף די קעלט ער זאל זיך פייניגען: איז דאך דאס ניט גלייך צו ארבעט. שמועסט גאר ניט די תורה פון אזעלכע פייניגען. נאר אפילו ער זיצט אויף די היץ אדער אויף די קעלט. מעג ער אוועק גיין פון דארטען אף קיהלען אדער דער ווארעמען:

**ב** כתיב. אין פסוק שטייט גאט האט דיר גיגעבין עסין מן אין דער מדבר ער זאל דיך פייניגען: איז דאך די קשיא אז מען עסט איז מען דאך ניט גפייניגט. זאגט די גמרא רבי אמי אונ רבי אסי קריגען אין דער זאך. איינער זאגט עס איז ניט גלייך דער וואס האט ברויט אין זיין קארב אויף עטליכע טעג. צו דעם וואס האט ניט קיין ברויט אין זיין קארב אויף עטליכע טעג. ער האט נאר אויף היינט אונ אויף מארגען מוז ער זארגין ווער ווייס אויב ער וועט האבין. אפילו היינט ווען ער עסט בעקומט אים ניט דאס עסין. ביי דעם מן איז אויך אזוי גיוועין. מן איז נאר גיוועזן אויף איין טאג. דריבער ווען מען האט גיגעסין דעם מן האט מען אויך גיזארגט אויף מארגין. איז מען דאך גיוועזן גיפייניגט ווען מען האט גיגעסין. אונ איינער

זאגט

רואה ואוכל. אכילת המן טועם טעם כל המינים ואינו רואה אלא מן: עינו בכוסו. אוהב בכוסו: כל העולם דומה עליו כמישור. ממון אחרים דומה לו כהפקר: ישיחנה לאחרים. כמה ישיאוהו עצה: דואגה. פחד דואג על הפסד כוס דבר שיכולתו: יורד עמו עד לחייו. בכל דבר שהיה יכול להקניטו

ואוכל למי שאינו רואה ואוכל. אמר רב יוסף מכא רמז לסומין שאוכלין ואינן שבעין. אמר רבי זירא מאי קראה (קהלת ו) טוב מראה עינים מהלך נפש אמר אביי הילכך מאן דאית ליה סעודתא לא ניכלה אלא ביממא ריש לקיש אמר טוב מראה עינים באשה יותר מגופו של אותו מעשה שנאמר טוב מראה עינים מהלך נפש. (משלי כג) כי יתן בכוס עינו יתהלך במישרים רבי אמי ורבי אסי חד אמר כל הנותן (דף עה) עינו בכוסו כל העולם דומה עליו כמישור וחד אמר כל הנותן עינו בכוסו כל העריות דומות עליו כמישור. (שם יב) דאגה בלב איש ישחנה רבי אמי ורבי אסי חד אמר יסיחנה מדעתו וחד אמר ישיחנה לאחרים. (ישעיה סה) ונחש עפר לחמו רבי אמי ורבי אסי חד אמר אפילו אוכל כל מעדני עולם טועם בהם טעם עפר וחד אמר אפילו אוכל כל מעדני עולם אין דעתו מתקררת עד שיאכל עפר. תניא אמר רבי יוסי בוא וראה שלא כמדת הקב"ה מדת בשר ודם בשר ודם מקניט את חבירו יורד עמו עד לחייו אבל הקב"ה אינו כן קלל את הנחש עולה לגג מזונותיו עמו יורד לקרקע מזונותיו עמו קלל את כנען אוכל מה שרבו אוכל ושותה מה שרבו שותה קלל את

---

זאגט עס איז ניט גלייך אז מען זעהט וואס מען עסט. צו מען זעהט ניט וואס מען עסט. אין דעם מן איז געווען אלע טעמים. אבער געזעהן האט מען נאר מן. דריבער איז מען געווען גיפיינינגט ווען מען האט גינעסין. רב יוסף זאגט פון דאנען ווייסין מיר אז א בלינדער עסט אונ ווערט ניט זאט מיט דעם פערגעניגען פון עסין. רבי זירא זאגט פון וועלכין פסוק ווייסין מיר דאס. שלמה המלך האט גיזאגט טוב מראה עינים מהלך נפש. דער פערגעניגען וואס די אויגין זעהן איז בעסער ווי דער פערגעניגען וואס גייט אריין אין גוף. אביי זאגט דריבער ווער עס האט וואס צו עסין. זאל ער עסין ביי טאג. וואדער ביי נאכט נאר פאר אליכטו אבער ניט אין דער פינצטער. ריש לקיש זאגט צו קוקין אויף א שיינע אשה איז מער פערגעניגען ווי דאס זיין ביי איר. ווארום עס שטייט אין פסוק דער פערגעניגען וואס די אויגען זעהן איז בעסער ווי דער פערגעניגען וואס גייט אריין אין גוף. אין פסוק שטייט כי יתן בכוס עינו יתהלך במישרים. אז ער גיט זיין אויג אין כוס גייט ער גלייך. רבי אמי אונ רבי אסי קריגען. איינער זאגט אזוי מיינט דער פסוק. דער וואס גיט זיין אויג אין כוס. ער האט ליב צו שיכערין. איז ביי אים די גאנצע וועלט גלייך. ער נעכט פרעמד געלט אויך. אונ איינער זאגט אזו מיינט דער פסוק דער וואס גיט זיין אויג אין כוס. ער האט ליב צו שיכערין. זענען ביי אים אלע ווייבער מותר. ער איז מיט אלע כזונה. אין פסוק שטייט דאגה בלב איש ישחנה. אז איינער הט א זארג אין הארצין ישחנה. וואס מיינט מען ישחנה. רבי אמי אונ רבי אסי קריגען. איינער זאגט ישחנה איז טייטש יסיחנה. ופאר רוקען. ער זאל זעהן ארוים צו טרייבען דעם זארג פון קאפ מיט וואס ער וועט נאר קענען. אונ איינער זאגט ישחנה איז טייטש ישיחנה ודער ציילען. ער זאל די זאך דער ציילען פאר זיינע גוטע פריינד טאמער וועלין זיי אים געבין א עצה. אין פסוק שטייט ונחש עפר לחמו. דער שלאנג ערד איז זיין ברויט. רבי אמי אונ רבי אסי קריגען איינער זאגט אפילו דער שלאנג עסט די בעסטע שפייז פון דער וועלט. פאר זוכט ער נאר א טעם פון ערד. אונ איינער זאגט אפילו דער שלאנג עסט די בעסטע שפייז פון דער וועלט. איז ער אלץ ניט צו פרידען ביז ער עסט ערד. מיר האבין גילערונט רבי יוסי זאגט זעה גאט איז ניט אזוי ווי א מענטש. אז איין מענטש דער צערונט דעם אנדערין. גייט ער אים אויף זיין לעבין. וואס פר א שלעכין ער קען אים טאהן טוהט ער אים. אבער גאט איז ניט אזוי. ער האט גיפלוכט דעם שלאנג. אז דער שלאנג גייט אויף דעם דאך געפינט ער דארטין זיין שפייז. אז גייט אויף די ערד. האט ער אויף די ערד זיין שפייז. גאט האט גיפלוכט כנען ער זאל זיין אקנעכט

את האשה הכל רצין אחריה קלל את האדמה הכל ניזונין הימנה . (במדבר יא) זכרנו את הדגה אשר נאכל במצרים חנם רב ושמואל חד אמר דגים וחד אמר עריות מאן דאמר דגים דכתיב נאכל ומאן דאמר עריות דכתיב חנם בשלמא למאן דאמר דגים היינו דאמר נאכל אלא למאן דאמר עריות מאי נאכל לישנא מעליא נקט דכתיב (משלי ל) כן דרך אשה מנאפת אכלה ומחתה פיה בשלמא למ"ד עריות היינו דכתיב חנם אלא למאן דאמר דגים מאי חנם דהוו משכחי ומייתי מהפקרא דאמר מר כשהיו ישראל שואבין מים הקב"ה מזמין להם דגים קטנים בכדיהם בשלמא למ"ד דגים אבל עריות לא פרצו בהו היינו דכתיב (שה"ש ד) גן נעול אחותי כלה אלא למ"ד עריות מאי (משתבח בהו קרא) [מעין התום] בהנך דאסירי בהו לא פרצי בהו (היינו דכתיב גן נעול דבאשת איש לא פקרין) בשלמא למאן דאמר עריות היינו דכתיב (במדבר יא) וישמע משה את העם בוכה למשפחותיו על עסקי משפחותיו שנאסרו להם לשכב אצלם אלא למ"ד דגים מאי וישמע משה את העם וגו' הא והא הואי בהו . (שם) את הקשואים ואת האבטיחים ואת החציר ואת הבצלים ואת השומים

רבי

ולהפסידו כוח יורד : עריות . שנאסרו להם במדבר . לא בן השמים כמו ויתנו לגוב : ומחתה פיה מקנחת פיה כל מטה כמו שמקנח את הקערה דאמר מר . נתבכה מטה בפ"ק : לא פרצו בהו לא היו פרוצים בעריות : הנך דאסירי . אותן שהיו נאסרות נמי לא כגון כהך דאמרינן בסנהדרין פרוס

---

אקגעבט . עסט ער וואס זיין בעל הבית . אונ טרינקט וואס זיין בעל הבית טרינקט . גאט האט גיפלוכט די אשה . אלע לויפן נאך איר . גאט האט גיפלוכט די ערד . אלע ווערין גישפייזט פון איר . אין פסוק שטייט די יודין האבין גיזאגט מיר גידיינקין די פיש וואס מיר האבין גיגעסין אין מצרים אומזיסט . רב מיט שמואל קריגין . איינער זאגט מען מיינט טאקי פיש אונ איינער זאגט פיש מיינט מען זנות . אין מצרים האבין זיי גימעגט מזנה זיין . אונ אין דער מדבר טארין זיי ניט מזנה זיין . זאגט די גמרא דער וואס זאגט פיש . ווייל עס שטייט מיר האבין גיגעסין . אונ דער וואס זאגט זנות . ווייל עס שטייט אומזיסט . פיש איז דאך ניט אומזיסט . פרעגט די גמרא דער וואס זאגט פיש . איז רעכט וואס עס שטייט מיר האבין גיגעסין . אבער דער וואס זאגט זנות . וואס מיינט מען מיר האבין גיגעסין . ענטפערט די גמרא זיי האבין גיזאגט מיט א שיינעם לשון . אזו ווי עס שטייט אין פסוק אזוי איז דער שטייגער פון א אשה וואס איז מזנה . זי עסט אונ ווישט אפ דעם מויל . זיא איז מזנה אונ ווישט זיך אפ ריין . אונ זאגט זי האט ניט מזנה גיוועזן . פרעגט די גמרא דער וואס זאגט זנות . איז רעכט וואס עס שטייט אומזיסט . אבער דער וואס זאגט פיש . ווי אזו איז דאס גיוועזן אומזיסט . ענטפערט די גמרא זייא פלעגין גיפינען פיש אונ עסין . אזו ווי דער תנא האט גיזאגט ווען די יודין פלעגין שעפין וואסער . פלעגט זיי גאט צו שיקען קליינע פישלאך אין די קריג . פרעגט די גמרא דער וואס זאגט דגים מיינט מען פיש . אבער די יודין פלעגין ניט מזנה זיין . איז רעכט וואס דער פסוק לויבט זיי אזוי ווי א פארשלאסענער גארטין איז גיוועזן מיין שוועסטער די כלה ודי יודין . אבער דער וואס זאגט אז פיש מיינט מען זנות . זיי האבין מזנה גיוועזן אזוי ווי פיש . וואס לויבט זיי דער פסוק אז זייער קוואל איז גיוועזן פארשלאסין . ענטפערט די גמרא מיט די וואס זענען גיוועזן אסור צו די קינדער פון נח האבין זייא ניט מזנה גיוועזן . אונ וואס דער פסוק זאגט די יודין זענין גיוועזן אזו ווי א פארשלאסענער גארטין . דאס מיינט מען מיט א אשה וואס האט א מאן האבין זיי ניט מזנה גיוועזן . זיי האבין נאר גיוויינט פר וואס די תורה האט צו גינעבין נאך ווייבער וואס זענין אסור . פרעגט די גמרא נאך דעם וואס זאגט אז פיש מיינט מע זנות . איז רעכט וואס אין פסוק שטייט משה האט גיהערט ווי דאס פאלק וויינט צו זייערע משפחות . פון וועגין די משפחות וואס זענין אסור גיווארין צו ליגען מיט זיי . אבער נאך דעם וואס זאגט אז מען מיינט פיש . ווי קומט אהער דאס ווייגען פון די משפחות . זאגט די גמרא בידע זאכין איז גיוועזן . זיי האבין גיוויינט אויף פיש אויף די ווייבער וואס איז אסור גיווארין צו זיי . אין פסוק שטייט די יודין האבין גיזאגט מיר

גידיינקין

רבי אמי ורבי אסי חד אמר כל המינים כלם טעמו במן ואותן חמשת המינים לא טעמו טעמן וחד אמר כל המינים כלם טעמן וממשן ואותן חמשה מינים טעמן ולא ממשן (שמות טז) והוא כזרע גד לבן אמר רב אסי (אמר רבי יוחנן) עגול כגידא ולבן כמרגליות. תנו רבנן גד דומה לזרע פשתן בגבעולין (וחכמים) [אחרים] אומרים גד דומה לדברי אגדה המושכין לבו של אדם כמים ותניא אידך גד שהיה מגיד להם לישראל אם בן תשעה לראשון אם בן שבעה לאחרון ולבן שמלבין עונותיהם של ישראל תניא רבי יוסי אומר כשם שהנביא היה מגיד להם לישראל מה שבחורים ומה שבסדקים כך המן מגיד לישראל מה שבחורים ומה שבמדקים כיצד שנים שבאו לפני משה לדין זה אומר עבדי גנבת וזה אומר אתה מכרתו לי אמר ליה משה דינו לבקר משפט למחר

פירוש: בסיו כ"ד של מסס ממיהק אליס בן נח מוהר עליה וכס כלו על הנוספות: הללו לא טעמו. בסס קביס לעוברות ולמניקות כדאמרינן בספרי משל לאומר לאסה אל תאכלי בגלל מפני סחיזון: והוא כזרע גד לבן אמר רב אסי. זרע הגד אינו לבן אבל עגול הוא וה"ק קרא והוא עגול כזרע גד ולבן כמרגליה: כגידא. גרגיר של קולי"אנדרו שדומה לזרע פשתן שגם הוא עגול: במלבין עונותיהן. מחוך שהיו דואגים שמא לא ירד מן למחר היו משעבדים לבם למקום: אם בן תשעה וכו'. לפי שהאמר וימהו כשומר וגו' בין שלקט ברכה בין שלקט מעט מולא עומר לגלגולת: והם

---

גדייגקן די קשואים און אבטיחים און חציר און בצלים און שומים וואס מיר האבן געגעסן אין מצרים. רבי אמי און רבי אסי קריגען. איינער זאגט דעם טעם פון אלע מינים האבן יודין פאר זוכט אין מן. און דעם טעם פון די פינף מינים האבן זיי ניט פאר זוכט אין מן. און איינער זאגט אלע מינים האבן די יודין פארזוכט דעם טעם און האבן זיי גיגעסן אין מויל. פון דעם מן איז גיווארין יעדער מין וואס מען האט גיוואלט. און די פינף מינים האבן נאר די יודין פאר זוכט דעם טעם. און האבן זיי ניט גיגעסן אין מויל. ווארום דער מן איז געגליכן אזוי ווי ער איז. אין פסוק שטייט דער מן איז גיוועזן כזרע גד לבן. רבי אסי זאגט דער מן איז גיוועזן קיילעכדיג אזו ווי די קערנער גד (קאלענדרא) און ווייס איז ער גיוועזן אזוי וויא פעריל. דיא רבנן האבן גילערנט. פאר וואס האט מען גירופען דעם מן גד. ווייל ער איז גיוועזן קיילעכדיג אזוי וויא דיא קערנער פון פלאקס וואס אין דיא שטעקלאך. אנדערע זאגן פאר וואס האט מען גירופען דעם מן גד. ווייל ער האט גיצויגן די הארץ פון מענטשין ער זאל איהם עסן. אזוי וויא אגדה ושיינע דרשות פון פסוקים וואס ציהען דיא הארץ פון מענטשין אזוי ווי וואסער מען זאל זיי צו הערן. נאך האבן מיר גילערנט פר וואס האט מען גירופען דעם מן גד. ווייל ער האט אלץ גיזאגט. אויב אאשה האט גיהאט אמאן. און ער האט איר גיגט. דער נאך באלד האט זיא גענומען איין אנדער מאן. און צו זיבען חדשים נאך דער חתונה האט זי גיבארין אקינד. און מען ווייס ניט אויב דאס קינד איז אלט ניין חדשים און ער איז פון ערשטין מאן. אדער ער איז אלט זיבן חדשים און ער איז פון אנדערין מאן. דאס האט זיי דער מן גיזאגט. ווארום יעדער מענטש סיי ער האט גינומען פיל מן און סיי ער האט גינומען ווייניג מן. האט ער גיהאט אמעסטיל מן פאר יעדער מענטש וואס אין שטוב. דריבער אויב דער אנדערער מאן האט גיהאט אמעסטיל מן מער ווי אלע מאהל. דאס איז גיוועזן פאר דעם קינד. האט ער גיוואוסט אז דאס איז זיין קינד. און ער איז גיבארען צו זיבען חדשים. און אויב דער אנדערער מאן האט ווייניג מעסטלאך מן אזו וויא אלע מאהל. ניט מער נאר דער ערשטער מאן האט געפונען אמעסטיל מן מער ווי אלע מאל. דאס איז גיוועזן פר דעם קינד. האט ער גיוואוסט אז דאס איז זיין קינד און ער איז גיבארין צו ניין חדשים. און פאר וואס האט מען גירופין דעם מן לבן. ווייס. ווייל ער האט ווייס גימאכט די זינד פון די יודין. מיר האבן גילערנט רבי יוסי זאגט אזו ווי דער נביא פלעגט זאגין צו די יודין וואס עס איז דא אין די לעבער און אין די שפאלטין. אזו פלעגט דער מן זאגין צו די יודין וואס עס איז דא אין די לעבער און אין די שפאלטין. ווי אזוי. צוויי מענטשין זענין גיקומן פאר משה רבינו צום משפט (משל ראובן און שמעון). ראובן זאגט צו שמעון דו

האסט

למחך אם נמצא עומר בבית רבו ראשון בידוע שזה גנבו נמצא עומר בבית רבו שני בידוע שזה מכרו לו וכן איש ואשת שבאו לפני משה לדין הוא אומר היא סרחה עלי והיא אומרת הוא סרח עלי אמר להם משה דינו לבקר משפט אם נמצא עומרה בבית בעלה בידוע שהיא סרחה עליו ואם נמצא עומרה בבית אביה בידוע שהוא סרח עליה . (נ"א אם נמצא עומרה בבית בעלה בידוע שהוא סרח עליה ואם נמצא בבית אביה בידוע שהיא סרחה עליו) . כתיב (במדבר יא) וברדת הטל על המחנה לילה וגו' וכתיב (שמות טז) ויצא העם ולקטו וגו' וכתיב (במדבר יא) שטו העם ולקטו וגו' הא כיצד צדיקים יורד להם על פתח בתיהם בינונים יצא העם ולקטו רשעים שטו העם ולקטו כתיב לחם וכתיב עוגות וכתיב טחנו הא כיצד צדיקים לחם בינונים עוגות רשעים טחנו בריחים או דכו במדוכה אמר רב יהודה אמר רב ואיתימא רבי חמא ברבי חנינא מלמד שירד להם לישראל עם המן תכשיטי נשים דבר שנידוך במדוכה ובשלו

נמצא עומר בבית ראשון בידוע . שגנב מ' לראשון הוא ואם בבית האחרון בידוע . שגנבו לאחרון הוא : סרחה עלי . וסרחתי כתובתה : סרח עלי . וחייב בכתובתה : ירד המן עליו . אלמא בהיר כמחוס' ורד : וכתיב ויצא העם ולקטו . יציאה מהן למחנה משמע : וכתיב שטו העם ולקטו . משוטטין למרחוק כמו משוטט בארץ : לחם . משמע אפוי : עוגות . משמע קודם אפייה : תכשיטי נשים . בשמים שהן דוכות בגדולה ומתקשטות בהן

---

האסט גיגנבת מיין קעבט . אונ שמעון זאגט צו ראובן דו האסט מיר אים פאר קויפט . האט משה גיזאגט צו זיי מיר וועלין לאזין דעם משפט אויף מארגין . מארגין איז אזוי גיוועזן . אויב די מעסטיל מן פון דעם קנעכט איז גיפונען געווארען ביי דעם ערשטין בעל הבית . ביי ראובן ; איז געווים אז שמעון האט אים גיגנבת . אונ אויב די מעסטיל מן פון דעם קנעכט איז גיפונען גיווארען ביי דעם אנדערין בעל הבית . ביי שמעון . איז געווים אז ראובן האט פאר קויפט דעם קנעכט צו שמעון . אונ אזוי איז גיוועזן אויב א מאן מיט אוייב זיינען גיקומען פאר משה רבינו צום משפט דער מאן זאגט מיין ווייב האט גיזינדיגט צו מיר . אונ דאס ווייב זאגט מיין מאן האט געזינדיגט צו מיר . האט משה צו זייא גיזאגט מיר וועלין לאזין דעם משפט אויף מארגין . מארגען איז אזוי גיוועזן . אויב די מעסטיל מן פון די אשה איז גיפונען גיווארין ביי דעם מאן . האט מען גיוואוסט אז זיא האט גיזינדיגט אויף אים . אונ אויב איר מעסטיל מן איז גיפונען געווארין ביי איר פאטער . האט מען גיוואוסט אז ער האט גיזינדיגט אויף איר . אנדערע זאגין פאר קערט ; אויב די מעסטיל מן פון די אשה איז גיפונען גיווארען בייא דעם מאן . האט מען גיוואוסט אז ער האט גיזינדיגט אויף איר . אונ אויב איר מעסטיל מן איז גיפונען גיווארען ביי איר פאטער . האט מען גיוואוסט אז זיא האט גיזינדיגט אויף אים . די גמרא פרעגט אין איין פסוק שטייט ווען דער טוא האט גענידערט אויף די מחנה ביי נאכט . הט דר מן גענידערט אויף די טוא . ואיז דאך דר מן גפאלען אין דר מחנהו . אין נאך א פסוק שטייט דאס פאלק פלעגן ארויס גיין פון די מחנה קלויבין דעם מן . איז דאך דער מן גיוועזן אויסער די מחנהו . אונ אין נאך א פסוק שטייט דאס פאלק האט זיך פאר שפרייט ווייט פון די מחנה אונ האבען גיקלויבין דעם מן . נאיז דאך דער מן גיוועזן ווייט פון די מחנהו . זאגט די גמרא אזוי איז גיוועזן פאר די צדיקים האט דער מן גענידערט פאר די טיר פון זייערע הייזער . די מיטעלע זענין גיגאנגען קלויבין דעם מן אויסער די מחנה . די רשעים האבען גימוזט גיין קלויבין דעם מן ווייט פון די מחנה . די גמרא פרעגט אין איין פסוק שטייט דער מן איז גיוועזן ברויט אונ אין איין פסוק שטייט דער מן איז גיוועזן קוכנס נית גיבאקטע . אונ אין איין פסוק שטייט מען האט איהם גידארפט מאלען . נאר אזוי איז גיוועזן . פאר דיא צדיקים איז גיוועזן גיבאקטע ברויט . פאר די מיטעלע איז גיוועזן קוכנס נית גיבאקטע . אונ זייא האבען אליין גיבאקט . אונ די רשעים האבען גימוזט מאלען דעם מן אדער איהם שטויסען אין א שטויסער . רבי יהודה האט גזאגט פון רבס וועגין . אנדערע זאגען רבי חמא ברבי חנינא האט גזאגט דער פסוק לערנט אונז אז עס האט גענידערט מיט דעם מן בשמים וואס דאס

ובשלו בפרור אמר רבי חמא מלמד שירד להם לישראל עם המן ציקי קדרה . (שמות לו) והם הביאו אליו עוד נדבה בבקר בבקר מאי בבקר בבקר אמר רבי שמואל בר נחמני אמר רבי יונתן מן היורד להם לישראל בבקר בבקר הוריד להם אבנים טובות ומרגליות (שנאמר) (שם לה) והנשיאים הביאו וגו' ותנא נשיאים ממש וכה"א (משלי כה) נשיאים ורוח וגשם אין . (במדבר יא) והיה טעמו כטעם לשד השמן אמר רבי אבהו מה שד זה כל זמן שהתינוק ממשמש בו מוצא בו כמה טעמים אף המן כל זמן שישראל אוכלין אותו מוצאין בו כמה טעמים . איכא דאמרי אל תקרי לשד אלא שד ממש מה שד זה מתהפך לכמה גוונים אף המן מתהפך לכמה טעמים . (שמות טז) ויאמר משה בתת ה' לכם בערב בשר לאכול ולחם בבקר לשבוע הנא מסייעה דרבי יהושע בן קרחה (ע"ב) לחם ששאלו כהוגן ניתן להם כהוגן בשר ששאלו שלא כהוגן ניתן להם שלא כהוגן מכאן למדה תורה דרך ארץ שלא יאכל אדם בשר אלא בערב והא אמר אביי האי מאן דאית ליה סעודתא לא ניכליה אלא ביממא מאי יממא כעין יממא אמר רב אחא בר יעקב (א"ר חסרא) בתחלה היו ישראל דומין לתרנגולין שמנקרין באשפה עד שבא משה וקבע

שטית ריחן ערב ונבלעין : ציקי קדרה . סבלין שהבשל ערב ומבושם : שירדו להם אבנים טובות . דהיינו נדבה תמה שהכי מוכחי' בבקר בבקר כשיוצאין ללקוט את המן שנאמר וילקטו אותו בבקר בבקר : נשיאים ממש . ענים : שד זה תינוק מוצא בו כל מיני טעמים . כשהאם אוכלת : לחם ששאלו כהוגן . שאי אפשר לחיות בלא לחם : נתן להם כהוגן . בבקר שיש שהות להכין : בשר ששאלו שלא כהוגן . מתוך כרס מלאה שהרי מקנה רב היה להם : שלא כהוגן . ירד להם עם הבכה בשעה שאינה ראויה ואין כל עת הסעודה : כעין יממא . באור הבוקר : ויקבע להם זמן סעודה . בבקר ובערב : ביומא נהר

---

ההיא עוברה דארחא. שהריחה ביום הכיפורים היה: לחושו לה. בלחישה שיום הכפורים הוא ביום אולי תוכל להתאפק: ואילחישא. קבלה את הלחישה שפסק העובר מתאותו: זורו רשעים מרחם. נעשו זרים ונתנכרו לאביהם שבשמים: אצר פרי. לספקיה שערים והניח אין אוצרין פירות נח"י וכל דבר שהוא חיי נפש לפי שמפקיעין את

תנו

---

דער פסוק קומט אונז לערנען דער וואס עסט אונ טרינקט דעם ניינטען טאג אין חודש (ערב יום כפור) ער זאל האבען כח צו פאסטען דעם צעהנטען טאג (יום כפור) רעכונט איהם דער פסוק גלייך ווי ער וואלט געפאסט צווי טעג דעם ניינטען און דעם צעהנטען:

אין פסוק שטייט דו זאלסט געבין אחלק צו זיבען אונ צו אכט. רבי אליעזר זאגט זיבען מיינט מען די זיבען טעג פון דער וואך. מען זאל געבין אגוטען חלק צו שבת וואס ער איז דער זיבעטער טאג פון דער וואך. אכט מיינט מען ריא אכט טעג פון מילה. מען זאל געבין אגוטען חלק ומען זאל מאכין אסעודה דעם אכטען טאג ווען מען איז מל דאס קינד. רבי יהושע זאגט זיבען מיינט מען די זיבען טעג פסח. אכט מיינט מען די אכט טעג סוכות. אז אין פסוק שטייט גם לשמונה. צו אכט אויך. וואס איז דער ווארט אויך. דאס מיינט מען מען זאל צוא שבועות אונ ראש השנה אונ יום כפור אויך געבין אחלק. וואס זאל זיין דער חלק געווים מיינט מען. מען זאל זאגין אלע טאג שהחיינו. זאגט ד גמרא ניין: מען מיינט מען זאל זאגין אלע טאג (פסח אונ אלע טאג סוכות אונ שבועות) די ברכה מקדש ישראל והזמנים. ראש השנה מקדש ישראל ויום הזכרון. יום כפור מקדש ישראל ויום הכפורים:

**ההיא**: אמאל האט פר שמעקט אאשה ווס איז גיוועז מעוברת אום יום כפור זיא זאל עסין. איז מען געקומען פר רבי פרעגען ווס מען זאל טאהן. האט רבי גזאגט גייט זאגט איר אין אויער אז היינט איז יום כפור. האט מען אזו גיטאהן מען האט איר גזאגט אין אויער אז היינט איז יום כפור. איז זי שטיל געווארען. אונ האט שוין מער ניט גיגלוסט. אונ דאס גלוסטונג קומט פון דעם קינד. אונ אז דאס קינד האט אויף גיהערט צו גלוסטען ווייל ער האט גיהערט אז היינט איז יום כפור. איז אסימן אז דאס איז אהייליג קינד. דריבער האט רבי גילייענט אויף דעם קינד דעם פסוק. איידער איך האב דיך באשאפען אין דיין מוטערס בויך האב איך דיך שוין גיקענט. אונ איידער דו ביסט ארויס גענאנגען פו דיין מוטערס לייב האב איך דיך שוין גיהייליגט. אונ דער קינד איז גיוועז רבי יוחנן. נאך אמאל האט גיטראפען אאשה ווס איז גיוועז מעוברת אום יום כפור האט איר פר שמעקט זיא זאל עסין. איז מען געקומען פר רבי חנינא פרעגען וואס מען זאל טאהן. האט רבי חנינא גזאגט גייט זאגט איר אין אויער אז היינט איז יום כפור. האט מען אזו גיטאן מען האט איר גזאגט אין אויער אז היינט איז יום כפור. אונ דם קינד איז ניט שטיל געווארען. ער האט ווייטער גיוואלט עסין. איז אסימן אז דאס קינד איז ארשע. דריבער האט רבי חנינא גילייענט אויף דעם קינד דעם פסוק זורו רשעים מרחם. די רשעים זענען פרעמד צו גאט ווען זיי זענען נאך אין זייער מוטערס בויך. דער קינד

איז

(דף פג ע"ב) תנו רבנן מי שאחזו בולמוס מאכילין אותו דבש וכל מיני מתיקה שהדבש וכל מיני מתיקה מאירין מאור עיניו של אדם ואף על פי שאין ראיה לדבר זכר לדבר (שמואל א יד) ראו נא כי אורו עיני כי טעמתי מעט דבש הזה ומאי אף על פי שאין ראיה לדבר דהתם לאו בולמוס אחזיה אמר אביי לא שנו אלא לאחר אכילה אבל קודם אכילה מיגרר גריר דכתיב (שם ל) וימצאו איש מצרי בשדה ויקחו אותו אל דוד ויתנו לו לחם ויאכל וישקוהו מים ויתנו לו פלח דבלה ושני צמוקים ויאכל ותשב רוחו אליו כי לא אכל לחם ולא שתה מים שלשה ימים ושלשה לילות. אמר רב נחמן אמר שמואל מי שאחזו בולמוס מאכילין אותו אליה בדבש רב הונא בריה דרב יהושע אמר אף סלת נקיה בדבש רב פפא אמר אפילו קימחא דשערי בדובשא אמר רבי יוחנן פעם אחת אחזני בולמוס ורצתי למזרחה של תאנה וקיימתי בעצמי (קהלת ז) החכמה תחיה בעליה דתני רב יוסף הרוצה לטעום טעם תאנה

מתני׳ : לאו נא כי אורו עיני . ביונתן כתיב ס"ג מאי אין ראיה לדבר דהתם לאו בולמוס אחזיה : מיגרר גריר . ממשיך הלב לתאוה רעבון : ויאכל . לחר וכו׳ ויתנו לו פלח דבלה : אליה . בשר שמן מאד : למזרחה של תאנה . שהשמש מכה שם מתבקר עד הגי פירות ובשמש ממתיק

איז געווען שבתאי ער פלעגט אוים קויפען אלע תבואות פון ארץ ישראל אונ פלעגט מאכען איקרות התבואה זאל טייער ווערען :

תנו רבנן . די רבנן האבין גילערנט דער וואס איז פר חלשת געווארען פון הונגער אונ די אויגען זענען איהם טונקעל געווארען . גיט מען איהם האניק אדער אנדערע זיסע זאכען ווארום האניק אונ אלע אנדערע זיסע זאכען מאכען ליכטען די אויגען פון מענטשין . אפילו קיין ריכטיגע בעווייזונג איז ניטא צו דער זאך וואז האניק מאכט ליכטיג די אויגען פון דעם וואס חלשת) פון דעם פסוק . אבער אדערמאנונג צו דער זאך איז דא . ווארום עס שטייט אין פסוק יהונתן האט גזאגט זעהט נאר מיינע אויגען זענען ליכטיג גיווארען ווייל איך האב פר זוכט אביסעל פון די האניק . פרעגט די גמרא פאר וואס איז פון דעם פסוק גיט קיין גוטע בעווייזונג אז פון האניק ווערט ליכטיג די אויגען . זאגט די גמרא ווייל יהונתן האט דאך ניט גיחלשת . אביי זאגט פריער דארף מען געבין צו דעם וואס חלשת אנדערע עסין . ער זאל אביסעל זאט ווערין . דער נאך גיט מען איהם האניק . אבער אז מען וועט איהם געבין האניק פר דעם עסין וועט ער נאך מעהר חלשין . ווארום האניק מאכט אפעטיט צום עסין . וועט ער נאך מעהר הונגעריג ווערין . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק די מענטשין פון דוד המלך האבין געפונען א מצרי (איין עבדים פון מצרים) אין פעלד האבין זיי איהם גענומען אונ גיברענגט צו דוד זיי האבין איהם גיגעבין ברויט האט ער גיגעסען . זיי האבען איהם גיגעבין טרינקען וואסער אונ זיי האבען איהם גיגעבן אשטיק גידריקטע פייגן אונ צוויי ווייטרויבען גיטריקענטע אונ ער האט גיגעסען אונ זיין לעבען איז צו איהם צוריק גיקומען ; ווארום ער האט שוין דריי טעג אונ דריי נעכט ניט גיגעסין ברויט אונ ניט גיטרונקען וואסער . איז ער גיוועזן פאר חלשות די נשמה זאל פון איהם ארויס גיין . האט מען איהם גיגעבין פריער ברויט מיט וואסער דער נאך זיסע זאכען . רב נחמן זאגט פון שמואלס וועגען דער וואס איז פר חלשת געווארען פון הונגער זאל מען איהם געבין עסין פעטע פלייש מיט האניק רב הונא דער זוהן פון רב יהושע זאגט מען זאל איהם געבין עסין קלארע מעהל גיקנעטין מיט האניק . רב פפא זאגט אפילו גערשטענע מעהל גיקנעטין מיט האניק איז אויך גוט . רבי יוחנן האט גזאגט אמאהל האב איך אן גיהויבען צו חלשין פון הונגער בין איך גילאפען צו אפייגין בוים אונ האב אפ געריסען פייגען פון דער זייט בוים וואס געגין מזרח זייט . ווייל די זוהן איז אלע טאג פון פריא ביז האלבען טאג אויף די פייגען זענען די פייגען מער זיס ווי אלע פייגען פון דעם בוים . ווארום די זוהן מאכט זיס די פירות אונ האב אויף זיך מקיים געווען דעם פסוק די חכמה מאכט לעבעדיג איר בעל הבית . ווארום רב יוסף האט גילערענט

חח ספרי : וח גד . לשון מעדנים : קפחיה . כפלו וכפל ככלו סימנו : אהדרוהו בלגי ולפי . סנפוהו כני העיר וסקיפוהו ענינו של דבש ומתיקה וקערות של תבשילין : דייק בשמא . כשמו של בעל הבית אם נאה אם כשר : אשלימו ניה כיסייהו . ע"ש כיס

תאנה יפנה למזרחה שנאמר (דברים לג) וממגד תבואות שמש . רבי יהודה ורבי יוסי הוו קאזלי באורחא אחזיה בולמוס לר' יהודה קפחיה לרועה אכליה לריפתא אמר ליה רבי יוסי קפחת את הרועה כי מטו למתא אחזיה בולמוס לרבי יוסי אהדרוהו בלגי וצעי אמר ליה רבי יהודה אני קפחתי את הרועה ואתה קפחת את העיר כולה :

**יא רבי** מאיר ורבי יהודה ורבי יוסי הוו קאזלי באורחא רבי מאיר הוה דייק בשמא רבי יהודה ורבי יוסי לא הוו דייקי בשמא כי מטו להההוא דוכתא בעו אושפיזא [יהבי להו] אמרו ליה מה שמך אמר להו כידור אמר להו רבי מאיר שמע מינה אדם רשע הוא דכתיב (דברים לב) כי דור תהפוכות המה . רבי יהודה ורבי יוסי אשלימו ליה כיסייהו רבי מאיר לא אשלים ליה כיסיה אזל רבי מאיר אותביה בבדא וקבריה בקברא דאבוה דההוא גברא ברישיה איתחזי ליה אבוה בחלמא תא שקיל כיסא דמנח ברישיה דההוא גברא למחר אתא לקמיה דרבי מאיר אמר ליה הכי איתחזי לי בחלמאי אמר ליה חלמי דבי שמשי במלין אינון אזל רבי מאיר נטרי כולי יומא לאורתא שקלי לכיסיה ואתא . למחר אמרו

---

דער וואס וויל עסען אגוטע פייג . זאל ער עסען די פייג וואס וואקסט אויף דעם בוים געגען מזרח זייט . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק פון די זיסע תבואה וואס וואקסט געגען די זונען . רבי יהודה אונ רבי יוסי זענען אמאהל געגאנגען אין וועג האט רבי יהודה אנגעהויבען צו חלשין פון הונגער . האט רבי יהודה דער זעהן א פאסטוך האלט ברויט . האט ער אוועק גענומען ביי דעם פאסטוך די ברויט אונ האט אויף גיגעסען . האט רבי יוסי גזאגט צו רבי יהודה דו האסט גיגזלת דעם פאסטוך . ווי זיי זענען געקומען אין שטאט האט רבי יוסי גיחלשת פון הונגער זענען די מענטשין פון שטאט געקומען צו לויפען אונ האבען זיך גישטעלט ארום רבי יוסי מיט קריג האניק אונ מיט שיסלען עסין ביז רבי יוסי איז לעבעדיג געווארען . האט רבי יהודה גזאגט צו רבי יוסי איך האב גיגזלת דעם פאסטוך . אונ דו האסט גיגזלת די גאנצע שטאט :

**יא** רבי מאיר אונ רבי יהודה אונ רבי יוסי זענען אמאהל געגאנגען אין וועג . רבי מאיר אז ער פלעגט זעהן אמענטשין פלעגט ער באלד פרעגין זיין נאמען . אונ ער פלעגט דער קענען נאך דעם נאמען וואס פאר אמענטש ער איז . רבי יהודה אונ רבי יוסי פלעגין נים פרעגין אויף דעם נאמען פון מענטש . אמאהל זענען אלע דריי געקומען אין אשטאט . האבין זיי גיפרעגט וואו איז אנאסט הויז . האט מען זיי גיגעבין אנאסט הויז . האט רבי מאיר באלד גיפרעגט דעם בעל הבית ווי איז דיין נאמען . האט דער בעל הבית גיזאגט מיין נאמען איז כידור . האט רבי מאיר גזאגט צו רבי יהודה אונ רבי יוסי פון דעם נאמען וויס איך אז דער בעל הבית איז ארשע . ווארום עס שטייט אין פסוק כי דור תהפוכות המה . כי דור מאכט צו זאמען כידור . כידור איז אפארקערטער מענטש אשלעכטער . דער טאג איז גיוועזען ערב שבת . רבי יהודה אונ רבי יוסי האבען גיגעבען זייערע ביטלען געלט צום בעל הבית ער זאל בעהאלטען ביז נאך שבת . רבי מאיר האט אים נים גיגעבען זיין ביטיל געלט . איז רבי מאיר געגאנגען אונ האט אריין גיליינט זיין ביטעל געלט אין אקרוג אונ האט דעם קרוג באגראבען אין דעם קבר צו קאפען פון דעם פאטער פון בעל הבית . ביי נאכט איז דער פאטער פון דעם בעל הבית געקומען צום בעל הבית אין חלום אונ האט גזאגט צו אים קים נעם דאס געלט וואס ליגט אין מיין קבר צו קאפין . אויף מארגין נאך שבת איז דער בעל הבית געקומען פאר רבי מאיר אונ האט אים דער ציילט אזוי האב איך גיזעהן די נאכט אין חלום . האט רבי מאיר גזאגט צום בעל הבית די חלומות פון שבת ביי נאכט זענען גאר נים .

איז

אמרו ליה הב לן כיסן אמר להו לא היו דברים מעולם אמר להו רבי מאיר אמאי לא תבדקו בשמא אמרו ליה אמאי לא אמרת לן מר אמר להו איסור דאמרי אנא אחששא אחזוקי מי אמרי משכוהו ועיילוהו לחנותא (אשקיוהו חמרא) חזו טלפחיה בדיקניה אזלו ויהבו סימנא לדביתהו ושקלי לכיסייהו אזיל איהו וקטלא לאיתתיה היינו דתנן מים הראשונים האכילו בשר חזיר מים האחרונים הרגו את הנפש לסוף הוו דייקי בשמא כי מטו לביתיה דגברא דשמיה בלה לא עיילי לגביה אמרו שמע מינה רשע הוא דכתיב (יחזקאל כג) ואומר לבלה נאופים :

הנו

והפקידו אצלו כיסם : דבי כמאי . של ערב שבתות : לית בהו ממשא . מתוך שאדם נפטם מהרהר ורואה חלומות ומתכוין היום לדחותו שלא ילך ויטלנו : חזו טלופחי . בשפמיה ראו עדשים על שפמו : יהבו סימנא לדביתהו . בעלך אמר שתתני לנו כיסנו וזה לך סימן שאכלתם היום עדשים : מים הראשונים האכילו בשר חזיר . פונדקי ישראל היה מוכר לישראל דברים המותרים ומאכילם ומוכר לעכו"ם בשר חזיר מבושל בא ישראל לפונדק וראהו שלא נטל ידיו כשהסב לאכול ונתן לפניו בשר חזיר : מים אחרונים הרגו את הנפש . זו היא אשתו של זה שאלו נטל מים אחרונים כדין כשנוטלים ידיהם שמקנחים גם את השפה בידים טופחות לא היו העדשים נראין :

איז געגאנגען רבי מאיר אונ האט געהיט דעם בעל הבית דעם גאנצען שבת ער זאל ניט גיין צום קבר ארויס נעמען דאס געלט . ביי נאכט ומוצאי שבת . האט רבי מאיר ארויס גענומען דאס געלט פון קבר אונ איז געקומען צוריק אין גאסט הויז . אויף מארגין ווינטאגו האבין רבי יהודה אונ רבי יוסי גיזאגט צום בעל הבית גיב אונז אונזערע ביטלען געלט . האט דער בעל הבית צו זייא גזאגט איך האב ביי אייך קיין מאהל ניט גענומען קיין ביטלען געלט . הט רבי מאיר צו זיי גזאגט פאר וואס קערט איר ניט אויף אנאמען אזו וויא איך קלער האבין זיי גיזאגט צו רבי מאיר פאר וואס האסטו אונז ניט גיזאגט מיר זאלין אים ניט געבין בעהאלטין דאס געלט . האט רבי מאיר גיזאגט צו זיי איך זאג נאר אז איינער האט אסיעסין נאמען דארף מען מורא האבען טאמער איז ער ארשע . אבער אז ער איז געווים ארשע דאס האב איך ניט גיזאגט . דער נאך זענען אלע דריי געגאנגען מיט דעם בעל הבית אין אויין שיינק אונ האבין איהם גיגעבין וויין צו טרינקען . דער וויל האבען זייא דער זעהן געקאכטע ארבעס אויף די בארד פון בעל הבית . האבען זיי פאר שטאנין אז ער הט היינט גיגעסין ארבים . זענען זיי געגאנגען צו זיין ווייב אונ האבען גיזאגט צו איר דיין מאן הט גיהייסען דו זאלסט אונז געבין די צוויי ביטלען געלט . אונ אסימן אז איר הט היינט גיגעסין גיקאכטע ארבעס . האבין זיי אפ גענומען זייערע ביטלען געלט . דער בעל הבית איז געקומען אהיים האט אים דאס ווייב דער ציילט וואס דא איז גיוועין . אז זיא הט אוועק גיגעבין די צוויי ביטלען געלט . הט ער איר גיהרגת דאס איז וואס מיר האבין גילערונט די ערשטע וואסער ווס מען דארף וואשין די הענט צום עסין האבין גימאכט עסין איודען חזיר פלייש . ואיוד האט אמאהל גיהאלטען אנארקיך גיקאכטע עסין צו פאר קויפין . כשרה פאר יודין אונ טרפה פאר גוים איז אריין געקומען איוד אונ האט ניט גיוואשען די הענט צום עסין . הט מען גימיינט ער איז אגוי . האט מען אים גיגעבען עסין חזיר . אונ די אנדערע וואסער ווס מען דארף וואשען די הענט נאך דעם עסין . האבין גיהרגת אמענטשין . ווארום ווען דער בעל הבית פון דעם גאסט הויז וואלט גיוואשען די הענט נאך דעם עסין . וואלט ער דאך מיט די נאסע הענט אפ געווישט די האר וואס ארום מויל . וואלט מען ניט גיוואוסט ווס ער הט גיגעסין . וואלט ער דאך ניט גיהרגת זיין ווייב . דער נאך האבין שוין רבי יוסי אונ רבי יהודה גיקלערט דעם נאמען פון יעדער מענטש . זיי זענען אמאהל געקומען צו אשטוב וואס דער בעל הבית האט גיהייסין בלה . זענען זייא ניט אריין גיגאנגען אין די שטוב . ווארום זיי האבין גיזאגט דער בעל הבית איז געווים ארשע . ווארום עס שטייט אין פסוק ואומר לבלה נאופים . איך האב גיזאגט צו בלה ויא האט מזנה גיוועין :

**יב תנו** חמשה דברים נאמרו בכלב שוטה פיו פתוח ורירו נוטף ואזניו סרוחות וזנבו מונחת לו בין ירכותיו ומהלך על צדי רשות הרבים ויש אומרים אף נובח ואין קולו נשמע ממאי הוי רב אמר נשים כשפניות משחקות בו שמואל אמר רוח רעה שורה עליו מאי בינייהו איכא בינייהו (דף פד) למיקטליה בדבר הנזרק.

ואזניו סרוחות. גדולות וכפופות למטה: משחקות בו. עושות בו: כשפים לשחוק: למקטליה בדבר הנזרק. למאן דאמר רוח רעה שורה עליו

דחייף ביה. המתחכך בו: דנכית ליה. שכלב שוטה: נשלח למאניה. יפשוט את בגדיו: ונכתוב דאפא דיכרא. לא ע זכר: בגובתא דנחשא.

**תניא** כותיה דשמואל כשהורגין אותו אין הורגין אותו אלא בדבר הנזרק **דחייף** ביה מסתכן דנכית ליה מאית דחייף ביה מסתכן מאי תקנתיה נשלח מאניה (ונשדינהו קמיה) ונרהוט כי **הא** דרב הונא בריה דרב יהושע הוה קאי בשוקא חף ביה שלח מאניה ושדא קמיה ורהט **אמר** קיימתי בעצמי (קהלת ז) החכמה תחיה בעליה דנכית ליה מאית מאי תקנתיה אמר **אביי** ניתי משכא דאפא דיכרא וניכתוב עלה אנא פלוני בר פלוניתא אמשכא דאפא **דיכרא** כתיבנא עלך קנני קנדי קלורית קנתי ואמרי לה קנדי קנסי קלירים יה יה ה' צבאות **אמן** אמן סלה ונשלח מאניה ונקברינהו בקברא (בפרשת דרכים) עד תריסר ירחי שתא **לבתר** הכי ניפקינהו וניקלינהו למאניה וניבדיר קיטמא בפרשת דרכים ובתוך תריסר ירחי שתא לא לישתי מיא אלא בגובתא דנחשא

---

**יב** תנו רבנן. די רבנן האבין גילערונט פינף זאכין איז גיזאגט גיווארען ביי אמשוגענעם הונט. זיין מויל איז האפין. די שפייעכץ רינט אים פון מויל. די אויערין זיינע זענען גרוים אונ אראפ גיהאנגען. אונ דער וויידיל ליגט אים צווישען די פיס. אונ ער גייט ביי די זייטען פון גאס. אנדערע זאגין אז ער בילט הערט מען ניט זיין קול. פון וואס ווערט אהונט משוגע. רב זאגט וויל די ווייבער וואס מאכין כישוף אז זייא ווילען לאכין מאכין זייא כישוף אויף דעם הונט. פון דעם כישוף ווערט ער משוגע. שמואל זאגט אשלעכטער גייסט רוהט אויף אידם. נאך דעם ווי רב זאגט מעג מען צו גיין צום הונט אונ אים הרגנן. אונ ווי שמואל זאגט טאר מען ניט צו גיין צום הונט אים הרגנן. נאר מען מוז אים שיסען פון ווייטן. זאגט די גמרא מיר האבין גילערונט אזוי ווי שמואל אז מען וויל הרגני אמשוגענעם הונט זאל מען ניט צו גיין צו אים הרגנן אים נאר פון ווייטען זאל מען אויף אים ווארפין אפייל אדער אקאהל מען זאל אים הרגנן. דער וואס רייבט זיך אן דעם הונט. איז ער אין סכנה ער זאל שטארבין. אויב דער הונט בייסט אמענטשין אדער אבהמה. שטארבט דער מענטש אדער די בהמה. זאגט די גמרא דער וואס רייבט זיך אן דעם הונט. איז אין סכנה. וואס זאל דער מענטש טאהן ער זאל גיהאלפין ווערין. ער זאל אויס טאהן זיינע קליידער אונ זאל ווארפין פאר דעם הונט אונ זאל אנטלויפין. רב הונא בריה דרב יהושע איז אמאהל גישטאנין אין גאס. האט אמשוגענער הונט זיך גערייבען אין אים האט רב הונא אויס גיטאהן זיינע קליידער אונ האט זיי גיווארפען פאר דעם הונט אונ איז אנטלאפין. האט רב הונא גזאגט איך האב מקיים גיווען אויף זיך דעם פסוק די חכמה מאכט לעבעדיג איר בעל הבית. וייל איך בין קלוג גיווען אונ האב אויס גיטאהן מיינע קליידער אונ האב זייא גיווארפין פאר דעם הונט אונ בין אנטלאפען דדיבער בין איך גבליבען לעבין. אז דער הונט בייסט אמענטשין שטארבט ער. וואס זאל דער מענטש טאהן ער זאל בלייבין לעבין. האט אביי גיזאגט ער זאל נעמען די פעל פון אאפא וואס איז אזוי אחיינו אזכר. אונ ער זאל שרייבין אויף די פעל. איך משה בן לאה אדער איין אנדער נאמען. אזוי ווי ער הייסט אויף אפעל פון אאפא אזכר האב איך געשריבען אויף דיר קנני קנדי קלורית קנתי. אנדערע זאגין אזוי זאל מען שרייבין. קנדי קנסי קלירים יה יה ה' צבאות אמן אמן סלה. אונ ער זאל אויס טאהן זיינע קליידער אונ זאל זיי באגראבין אונ די קליידער זאלין ליגען אין גרוב צוועלף חדשים. דער נאך זאל ער ארוים נעמען די קליידער פון גרוב אונ זאל זיי פאר ברענען. אונ זאל פאר שפרייטען די אש אויף דעם ארט וואו עס

רנחשא דילמא חזי (ליה) בבואה דשד ומסתכן כי הא דאבא בר מרתא דהוא אבא בר מניומי עבדה ליה איתיה גובתא דדהבא (ואתסי):

**יג רבי** יוחנן חש בצפידנא אזל גבי דההוא מטרוניתא עבדא ליה מילתא חמשא ומעלי שבתא אמר לה בשבת מאי אמרה ליה לא צריכת אי מצטריכנא מאי אמרה ליה אישתבע לי דלא מגלת אישתבע לאלהא דישראל לא מגלינא גליא ליה נפק דרשה בפירקא. והא אישתבע לה לאלהא דישראל לא מגלינא הא לעמו ישראל מגלינא והא איכא חלול השם דמגלי לה מעיקרא מאי עבדא ליה אמר רב אחא בריה דרב אמי מי שאור ושמן זית ומלח |רב יימר אמר שאור גופיה שמן זית ומלח] רב אשי אמר מישחא דגדפא דאווזא אמר אביי אנא עבדית לכולהו ולא איתסאי עד דאמר לי ההוא טייעא אייתי קשייתא דזיתא דלא מלו תלתא וקלינהו בנורא אמרא חדתא ואדביק בככי דדריה

על ידי קנה של נחשת: דילמא חזי לבבואה דשד. שקפן מן הכלב עליו ומסתכן: לצפידנא. חולי השינים והחניכים: מטרוניתא. נכרית היתה: עבדא ליה רפואה תמהא ומעלי שבתא. יום ה' בשבת וע"ש: והאיכא חלול השם. שהיא סבורה שעבר על שבועתו: מעיקרא כשעתא גלה לה. לא נכנעתי כי כן אמרתי: מבתא דגדפא דאווזא. שומן מוח עלם קטן שבכנף העוף שקורין בלע"ל סכה אותו על גדעיו: קשייתא דזיתא. גרעיני זיתים: דלא מלו תלתא. שלא הכניסו עלים: אמרא חדתא. על מר חדש שקורין פוסי"ל: ודבק בככי דדרי. הדביק

---

עס שיידין זיך צוויי וועגין. אונ אין די צוועלף חדשים זאל ער ניט טרינקען וואסער נאר דורך אקופערנע רער. טאמער וועט ער זעהן דעם שאטען פון דעם שד וואס איז אראפ געשפרונגען פון דעם הונט אויף איהם וועט ער זיין אין אסכנה. אונ אבא בר מרתא דאס איז אבא בר מניומי האט די מוטער איהם גימאכט אגאלדענע רער צום טרינקען:

**יג** רבי יוחנן האט אמאהל גיהאט שמערצין מיט זיינע ציין מיט די אסלעם ודי פלייש וואס די ציין זיצען אין איר). איז ער גיגאנגען צו אגויה האט זיא איהם גימאכט אמעדיצין דאנערשטאג. אונ פרייטאג האט זיא איהם גימאכט נאך אמאל אמעדיצין. האט רבי יוחנן צו איר גיזאגט וואס זאל איך טאהן שבת. האט די גויה צו איהם גיזאגט שבת וועסטו ניט דארפין קיין מעדיצין. וועסט שוין זיין געזונד. האט רבי יוחנן גיזאגט צו די גויה טאמער וועל איך יא דארפין שבת אמעדיצין וויא זאל איך טאהן. האט די גויה גיזאגט צו רבי יוחנן שווער אז דוא וועסט ניט אויס זאגין. וועל איך דיר זאגין אזוי אהיילונג וואס דו וועסט דאס מעגין טאהן אום שבת. האט רבי יוחנן גיזאגט איך שווער צום גאט פון די יודין וועל איך ניט אויס זאגין. האט די גויה גיזאגט צו רבי יוחנן דאס מעדיצין. דער נאך האט רבי יוחנן גיזאגט אדרשה. אין דער דרשה האט ער דער ציילט פאר אלע מענטשין טאמער וועט אייגער האבין צאהן שמערצין ווייל די אסלעס פון די ציין וועלין קראנק זיין זאל ער טאהן די רפואה. פרעגט די גמרא רבי יוחנן האט דאך גישווארין ער זאל ניט אויס זאגין. ענטפערט די גמרא ער האט גישווארין "צום גאט פון די יודין וועל איך ניט אויס זאגין". אבער צו די פאלק יודין מעג איך אויס זאגין. פרעגט די גמרא עס איז דאך אחילול השם. די גויה וועט דאך מיינען אז רבי יוחנן האט ניט גיהאלטין זיין שבועה. ענטפערט די גמרא רבי יוחנן האט איהר באלד גיזאגט ווי ער האט גימיינט מיט זיין שבועה. צו גאט זאל ער ניט זאגין. אבער צו די יודין וועט ער זאגין: זאגט די גמרא וואס איז גיוועזן די היילונג. רבי אחא דער זוהן פון רב אמי זאגט וואסער פון גיזייערטע טייג מיט בוימאייל אונ זאלץ. מיט דעם האט ער גישווינקט די ציין. רב יימר זאגט זויערע טייג גיקנעטין מיט בוימאייל אונ זאלץ. דאס האט ער גילייגט אויף די אסלעס פון די ציין. רב אשי זאגט די פעטס פון דעם קליינעם ביינדיל וואס איז אין דעם פליגעל פון אגאנדז. האט די גויה געשמירט אויף די שלייפין פון רבי יוחנן זעניין אים די אסלעס פון די ציין געזונד געווארין אביי האט גזאגט איך האב אמאהל גיהאט ציין שמערצין אונ די אסלעס פון די ציין זעניין אויך קראנק גיווארין האב איך גימאכט די אלע מעדיצינען וואס דא שטייט. אונ עס האט ניט גיהאלפין. ביז אטערק האט מיר גיזאגט איך זאל נעמין

קערנער

דדריה עבדי הכי ואתסאי ממאי הוי מחמימי חטימי דחיטי ומשיורי כסא דהרסנא ומאי סימניה רמי מידי בככיה ואתא דמא מבי דרי. רבי יוחנן כי חש בצפדנא עבד הכי בשבתא ואיתסי ורבי יוחנן היכי עביד הכי אמר רב נחמן בר יצחק שאני צפידנא הואיל ומתחיל בפה וגומר בבני מעים:

(ע"ב) **יד תנו** רבנן מפקחין פיקוח נפש בשבת והזריז הרי זה משובח ואין צריך ליטול רשות מב"ד הא כיצד ראה תינוק שנפל לים פורש מצודה ומעלהו והזריז הרי זה משובח ואין צריך ליטול רשות מבית דין ואף על גב דקא צייד כוורי ראה תינוק שנפל לבור עוקר חוליא ומעלהו והזריז הרי זה משובח ואין צריך לטול רשות מבית דין ואף על גב דקא מתקן דרגא

## פירוש

גנונות הבינים: ממאי הוי. ע"י מה בא החולי הזה: מחמימי. הרוכל פת חמה יותר מדאי: כסא דהרסנא. דגים מטוגנים עם הקמח בשמן שלהם: שיורי. שעבר עליו הלילה: מאי סימניה. של אותו חולי: רמי מידי בככי. כשנותן כלום בשיניו זב הדם מבורת בירו: ורבי יוחנן היכי עביד הכי וכו'. לא גרסינן לה הכא אלא במס' ע"ז: ומתחיל בפה וגומר בבני מעים. ומסוק הוא:

פיקוח. דיסקומברלמיט בלע"ז בכל דבר שצריך לו לנפש להעביר סכנת מות: ואע"ג דצייד כוורי. כל הני אע"ג דקאמר הכא משנה יתירה דייק דקתני אינו צריך ליטול רשות למה ליה דתני בכי הא תני ליה והזריז ה"ז משובח אלא הא אתא לאשמועינן דאפילו שהוא צריך לדבר: עוקר חוליא. כדי להשפיל בפה הבור ויהא נוח ליכנס: ננעלה

---

קערנער פון אומציטיגע איילבירטען וואס זענין נאך ניט אויף גיוואקסען אדריטיל ווי זיי דארפין וואקסין. אונ דו וואקסט די קערנער ברענגען אין פייער אויף אנייעם רידעל. אונ דו וואלסט האלטען די קערנער צו גיקלעבט צו די גאנצע שורה ציין אונ צו די אסרעם. האב איך אזוי גיטאהן אונ בין גיהיילט גיווארין. זאגט די גמרא פון וואס קומט די ציין שמערצין אונ די אסרעם זאלין קראנק ווערין. אז מען עסט הייסע ווייצין ברויט. אונ אז מען עסט כסא דהרסנא וואס איז גימאכט גיווארען נעכטין אונ עס איז גישטאנען אגאנצע נאכט וכסא דהרסנא איז קליינע פישלאך מיט מעהל גיפרעגילט אין די פעטס פון די פישלאך. זאגט די גמרא וואס איז דער צייכען אז די אסלעס זענין קראנק. אז ער הייבט אן צו קייען מיט די ציין רינט באלד בלוט פון דיא ציין. זאגט דיא גמרא אז רבי יוחנן האט גיהאט די קראנקייט אום שבת האט ער אזוי גיטאהן אום שבת אונ איז גיהיילט גיווארין. פרעגט די גמרא ווי אזוי איז רבי יוחנן גיגאנגין צו אגויה זיא זאל אים היילין. האט רב נחמן בר יצחק גיזאגט וויל דיא קראנקייט איז סכנת נפשות. זיא הייבט זיך אן אין מויל אונ זיא לאזט זיך אויס אין די גידערים:

**יד** תנו רבנן. די רבנן האבען גילערנט אז אמענטש איז אין סכנת נפשות מעג מען מחלל שבת זיין פון זיינעט וועגין. אונ דער וואס איילט זיך מחלל שבת זיין צו ראטעווען דעם מענטש. דער איז גילויבט אונ ער דארף ניט גיין פרעגין אשאלה ביי דעם מורה הוראה ווי ער זאל טאהן. נאר ער זאל טאהן וואס ער קען. נאר ער זאל ראטעווען דעם מענטש. למשל ער האט גיזעהן אקינד איז אריין גיפאלען אין אטייך אום שבת. זאל ער גלייך שווינט פאר שפרייטין אנעץ ער זאל איהם ארויס ציהען פון דעם וואסער. אונ דער וואס איילט זיך מעהר צו ראטעווען דעם קינד. דער איז גילויבט. האט ער מער מצוה. אונ ער דארף ניט פרעגין ביי דעם מורה הוראה ווי ער זאל טאהן. נאר ער זאל טאהן וואס ער קען אונ זאל ארויס ציהען דעם קינד פון דעם וואסער. אונ אפילו אין דער נעץ זענען דער וויל גיפאנגען גיווארין פיש אויך. זאל ער ארויס ציהען די נעץ מיט דעם קינד אונ מיט די פיש. אדער ער האט גיזעהן אקינד איז אריין גיפאלין אין אגרוב אום שבת. זאל ער אים רייסען אשטיק ערד ער זאל קענען אראפ גיין אין גרוב ארויס נעמען דם קינד: אונ דער וואס איילט זיך מעהר צו ראטעווען דאס קינד. דער איז גילויבט אונ ער האט מער מצוה. אונ ער דארף ניט פרעגין ביי דעם מורה הוראה וויא ער זאל טאהן. נאר ער זאל טאהן וואס ער קען אונ זאל ארויס נעמען דעם קינד פון גרוב. אונ אפילו ער מאכט דער וויל אטרעפ אראפ צו גיין

אין

דדנא. ראה שננעלה דלת בפני תינוק שוברה ומוציאו והזריז הרי זה משובח ואין צריך ליטול רשות מבית דין ואף על גב דקא מיכוון למיתבר בשיפי. מכבין ומפסיקין מפני הדליקה בשבת והזריז הרי זה משובח ואין צריך ליטול רשות מבית דין ואף על גב דקא ממכיך מכוכי: (דף פה) **מ"ר תנו** רבנן עד היכן הוא בודק עד חוטמו ויש אומרים עד לבו בדק ומצא עליונים מתים לא יאמר כבר מתו התחתונים מעשה היה ומצאו עליונים מתו ותחתונים חיים ליכא הני תנאי כי הני תנאי דתניא מהיכן הולד נוצר מראשו שנאמר (תהלים עא) ממעי אמי אתה גוזי ואומר (ירמיה ז) גזי נזרך והשליכי אבא שאול אומר מטיבורו ומשלח שרשיו

נמעלה דלת. והתינוק נכעת : למיהדר בשיפי. נכרים שצריך להם ליבנא אתריה כשיפי קיסמין להדלקה : ומפסיקין מפני הדליקה. בכלים של מתכת או כל תרס מלאים מים ובדליקה שיש בה סכנת נפשות קאמר : דקא ממכיך מכוכי. משפיל (ומלגיע) [ומגיע] הגחלים לגלות עליהם לעו"כ : עד היכן הוא בודק. אם דומה לאת שאינו מזיז איבריו עד היכן הוא למפקח לדעת האמת : עד חוטמו. ואם אין חיות בחוטמו שאינו מוליא רוח ודאי מת ויהושו : גזי נזרך. ונזר הוא שער

---

אין גרוב. מעג מען אויך. אדער ער האט גיזעהן אמיר איז פאר שלאסין אונ אקינד איז אליין אין שטוב. אונ דאס קינד שרעקט. ער האט מורא. מעג מען צו ברעכן דיא טיר אום שבת אונ ארויס נעמען דאס קינד. אונ דער וואס איילט זיך מער צו ראטעווען דאס קינד דער איז גילויבט. ער האט מער מצוה. אונ ער דארף ניט פרעגין ביי דעם מורה הוראה ווי ער זאל טאהן: נאר ער זאל טאהן וואס ער קען אונ זאל ארויס נעמען דעם קינד פון שטוב. אונ אפילו ער צו ברעכט די טיר אויף ברעטער ווייל ער דארף די ברעטער מעג מען אויך. אונ אויב עס ברענט אום שבת אין אשטוב אונ עס איז סכנת נפשות. מעג מען פאר לעשין דעם פייער. אונ מען מעג פאר שטעלין אונ מאכין אוואנט מיט אייזערנע כלים אדער מיט ערדענע כלים וואס זענען פול מיט וואסער דער פייער זאל ניט אריבער גיין אויף דיא אנדערע זייט. אונ דער וואס איילט זיך מער צו ראטעווען דיא מענטשין. דער איז גילויבט. ער הט מער מצוה. אונ ער דארף ניט פרעגין ביי דעם מורה הוראה ווי ער זאל טאהן. נאר ער זאל טאהן וואס ער קען אונ זאל ראטעווען די מענטשין וועם אין שטוב. אונ אפילו ער מאכט גירעכט די קוילין אונ צו שפרייט זיי ער זאל קענען בראטין אויף זיי ביי נאכט נאך שבת. מעג מען אויך:

**מ"ר** תנו רבנן. די רבנן האבין גילערנט אויב עס איז אריף גיפאלין אבארג שטיינער אויף אמענטשין אום שבת: אונ מען ראמט אפ די שטיינער ביז צום נאז. אונ מען געפינט ניט קיין לעבעדיגען אטעם. זאל מען מער ניט ראמען די שטיינער. ווארום דער מענטש איז שוין טויט. אנדערע זאגין מען זאל ראמען די שטיינער ביז צום הארצין. אונ אויב מען געפינט ניט קיין לעבהאפט אין הארצין. זאל מען מער ניט ראמען די שטיינער. ווארום ער איז שוין טויט. אונ אויב אונטער דעם בארג שטיינער זענען גילעגין עטליכע מענטשין איינר אויף דעם אנדערין. אונ ער האט גיפונען די אובערשטע מענטשין זענען טויט. זאל ער ניט זאגין די אונטערשטע מענטשין זענין געווים אויך טויט. ווארום עס הט אמאהל גיטראפין אז מען האט גיפונען די אובערשטע מענטשין זענין גיוועזן טויט אונ די אונטערשטע מענטשין האבין נאך גילעבט. זאגט די גמרא מיר וועלין זאגין אז דיא תנאים וואס קריגען דא איינער האלט אז דאס לעבהאפט פון מענטשין איז אין די נאז. אונ איינער האלט אז דס לעבהאפט פון מענטשין איז אין הארצין. האלטין אזוי ווי די צוויי תנאים ווארום מיר האבין גילערנט פון וועלכין ארט ווערט דאס קינד באשאפין. פון קאפ פריער ווערט באשאפין דער קאפ. אזוי ווא עס שטייט אין פסוק ממעי אמי אתה גוזי. פון די גידערים פון מיין מוטער איז צו ערשט באשאפין גיווארין גוזי. מיין קאפ. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גזי נזרך והשליכי. שער אפ די האר פון קאפ אונ ווארף זיי אוועק. דער ווארט גזי מיינט מען דעם קאפ מיט די האר. אונ ווייל ער ווערט באשאפין פון קאפ דריבער איז דאס גאנצע לעבהאפט אויך אין קאפ. אבא שאול זאגט דער קינד ווערט באשאפין פון נאפיל. אונ די ווארצלען פון די אדערין ווערין

פאר

אילך ואילך. אפילו תימא אבא שאול ע"כ לא קאמר אבא שאול התם אלא לענין יצירה דכל מידי ממציעתיה מיתצר אבל לענין פקוח נפש אפילו אבא שאול מודה דעיקר חיותא באפיה היא דכתיב (בראשית ז) כל אשר נשמת רוח חיים באפיו. אמר רב פפא מחלוקת ממטה למעלה אבל ממעלה למטה כיון דבדק ליה עד חוטמו שוב אינו צריך דכתיב כל אשר נשמת רוח חיים באפיו:

**מז וכבר** היה רבי ישמעאל ורבי עקיבא ורבי אלעזר בן עזריה מהלכין בדרך ולוי הסדר (בערוך הסרד) ורבי ישמעאל בנו של רבי אלעזר בן עזריה מהלכין אחריהן נשאלה שאלה זו לפניהם מנין לפקוח נפש שדוחה את השבת נענה רבי ישמעאל ואמר (שמות כב) אם במחתרת ימצא הגנב והכה ומת ומה זה שספק על ממון בא ספק על נפשות בא ושפיכות דמים מטמא את הארץ וגורם לשכינה שתסתלק מישראל ניתן להצילו

אילך: אפילו תימא אבא שאול. נמי ספירא ליה עד חוטמו: ה"ג אמר רב פפא מחלוקת מלמטה למעלה. מחלוקת דפסק תנאי דמר אמר עד לבו ומר אמר עד חוטמו: מלמטה למעלה. שמוצאו דרך מרגלותיו תחלה ובודק והולך כלפי ראשו דמר אמר בלבו יש להבחין אם יש בו חיות שכשמתו נפסקת שם ומר אמר עד חוטמו דזימנין דאין חיות ניכר בלבו וניכר בחוטמו:

ולוי הסדר. לא פירש לי מהו: ושפיכות דמים. שהוזהר לבמה"ב לשפוך דמו של זה להציל ספק נפשות עבירה חמורה: שמטמאה את הארץ. כדכתיב ולא תטמאו את הארץ גבי פרשת רוצחים: וגורם לשכינה שתסתלק מישראל. כדכתיב אשר אני שוכן בתוכם הא אם תטמאו אינו שוכן וגבי רוצחים

---

פאר שפייט צום קאפ אונ צו די פיס. דריבער איז דאס גאנצע לעבהאפט אין הארץ. וואס דאס איז גאנט צום נאפיל. זאגט די גמרא עס איז ניט אזוי. מען קען זאגין אז אבא שאול האלט אויך אז דאס גאנצע לעבהאפט איז נאר אין די נאז. אבא שאול זאגט נאר אז דאס קינד ווערט בשאפין פון נאפיל. ווייל יעדער זאך ווערט בשאפין פון מיטען. אבער געגין אפ ראטען דעם בארג שטיינער אום שבת פון דעם מענטשין איז אבא שאול אויך מודה אז מען געפינט ניט קיין לעבהאפט אין די נאז זאל מען ווייטער ניט ראטען. ווארום דס גאנצע לעבהאפט איז נאר אין די נאז. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק כל אשר נשמת רוח חיים באפיו. דער וואס האט אלעבעדיגען אטעם אין די נאז לעבער. רב פפא זאגט ווען קריגט מען נאר אז מען הט צו ערשט ניפונגען די פיס. איינער זאגט מען זאל אראפ נעמען די שטיינער ביז צום הארץ. אויב מען געפינט אלעבהאפט אין הארץ. זאל מען אראפ נעמען ווייטער די שטיינער אין גאנצין. אונ אויב מען געפינט ניט אלעבהאפט אין הארץ. איז ער שוין טויט אונ מען זאל שוין מער ניט ראטען. אונ איינער זאגט אפילו מען געפינט ניט קיין לעבהאפט אין הארץ. זאל מען ווייטער ראטען ביז צו די נאז. ווארום עס קען זיין די הארץ איז טויט אבער אין די נאז איז נאך דא אלעבהאפט אונ מען וועט איהם דער ראטעווען. אבער אז מען האט צו ערשט גיפונגען דעם קאפ אונ מען הט גיראטמט ביז צו דיא נאז אונ מען האט ניט גיפונגען קיין לעבהאפט. האלטין אלע מען זאל שוין ווייטער ניט ראטען. ווארום ער איז שוין געווים טויט. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אלע וואס האבין אלעבעדיגען אטעם אין דיא נאז:

**מז** וכבר. עס האט אמאהל גיטראפין אז רבי ישמעאל אונ רבי עקיבא אונ רבי אלעזר בן עזריה זענין גיגאנגען אין וועג. אונ לוי הסדר אונ רבי ישמעאל דער זוהן פון רבי אלעזר בן עזריה זענין גיגאנגען אינטער זיי. איז גיפרעגט גיווארין די שאלה פאר די דריי תנאים וס זענין גיגאנגען צו ערשט. פון וואנען ווייס מען אז מען מעג מחלל שבת זיין צו ראטעווען אמענטש הט רבי ישמעאל גיענטפערט אין פסוק שטייט אויב אגנב הט אונטער גיגראבין אשטוב אונ איז ארייז גיקומען אין שטוב גנבנן. אונ מען תאפט איהם אין שטוב אונ דער בעל הבית הט איהם גישלאגין ביז ער הט איהם גיהרגת. ווערט ניט גישטראפט דער בעל הבית. מאדארף דא וואס עס איז אספק מען ווייס ניט צו דער גנב איז נאר גיקומען גנבנן געלט. אדער ער איז גיקומען הרגנן מענטשין. אונ בלויז פאר גיטען ואמענטשין הרגנן איז אגרויסע עבירה. זי איז מטמא ארץ ישראל. אונ די שכינה גייט אוועק פון די יודין דורך די עבירה. פון דעסטוועגין הט די תורה גיזאגט דער בעל הבית מעג הרגנן דעם גנב פון ספק

ווענין

להצילו בנפשו קל וחומר לפקוח נפש שדוחה את השבת נענה רבי עקיבא ואמר (שם כא) וכי יזיד איש על רעהו וגו' מעם מזבחי תקחנו למות מעם מזבחי ולא מעל מזבחי ואמר רבה בר בר הנה אמר ר"י ל"ש אלא להמית (ע"ב) אבל להחיות אפילו מעל מזבחי ומה זה שספק כמש בדבריו ספק אין ממש בדבריו ועבודה חמורה דוחה שבת ק"ו לפיקוח נפש שדוחה את השבת נענה ר"א ואמר ומה מילה שהיא אחד מרמ"ח איברים שבאדם דוחה את השבת קל וחומר לכל גופו שדוחה את השבת רבי יוסי ברבי יהודה אומר את שבתותי תשמרו יכול לכל תלמוד לומר אך חלק רבי יונתן בן יוסף אומר כי קדש היא לכם מסורה היא בידכם ולא אתם מסורים בידה רבי שמעון בן מנסיא אומר (שם לא) ושמרו בני ישראל

כתיב: מעם מזבחי. אם כהן הוא ובא לעבוד עבודה: ולא מעל מזבחי. אם התחיל בעבודה אין מפסיק לבוא לידון אלא מצלים עבודתו: אבל להחיות. שיודע ללמד זכות על אחד שנידון בכ"ד ליהרג: ועבודה חמורה שדוחה את השבת. מפסיקה להצלת נפש: ומה מילה. שהיא תיקון אחד מאיבריו של אדם: דוחה את השבת. לפי שחייבין עליה כרת לאחר זמן כך שנויה בתוספתא דשבת: יכול לכל. אפילו לפקוח נפש: ושמרו בני ישראל

---

וועגן. טאמער האט דער גנב איהם געוואלט הרגנן. וועהן מיר דאך אז פון וועגן ראטעווין אמענטשין. מעג מען הרגנן אמענטשין. מעג מען דאך מחלל שבת זיין געוויס פון וועגן צוא ראטעווין אמענטשין. רבי עקיבא האט גיענטפערט עס שטייט אין פסוק אויב איינער וועט הרגנן אמענטשין. אונ ער איז אכהן אונ ער וועט אנטלויפין צום מזבח אונ ער וועט וועלין מקריב זיין אקרבן. זאל מען איהם ניט לאזין מקריב זיין דעם קרבן נאר מען זאל איהם צוא נעמען פון מזבח אונ מען זאל איהם הרגנן. אבער אז ער האלט אין מיטען מקריב זיין דעם קרבן. טאר מען איהם ניט צו נעמען. נאר מען ווארט ביז נאך דעם מקריב זיין. אונ מען הרגנט איהם. אונ רבה בר בר חנה האט גזאגט פון רבי יוחנן וועגן נאר אז מען דארף איהם הרגנן טאר מען איהם ניט צו נעמען פון מיטען מקריב זיין. אבער אז מען דארף צום לעבין. דהיינו איינער ווערט נימשפט ביי בית דין צום הרגנן. אונ דער כהן וואס איז מקריב דעם קרבן וויים צו זאגן פון זיינט וועגן אזכות מען זאל אים ניט הרגנן. מוז ער אוועק גיין פון מיטען מקריב זיין צו בית דין אונ זאגין וואס ער וויים אז מען זאל דעם מענטשין ניט הרגנן. אונ מאראך ביי דעם כהן וואס מען וויים נאך ניט אויב זיינע רייד וועלין העלפין ביי בית דין פאר דעם מענטשין מען זאל איהם ניט הרגנן. אדער זיי וועלין ניט העלפין. נאר מען וועט איהם יא הרגנן. פון דעסטוועגין מוז ער אוועק לייגין דעם קרבן אין מיטען מקריב זיין אונ גיין צו בית דין טאמער וועלין זיינע רייד העלפין. וועהן מיר דאך אז ראטעווין דס לעבין פון אמענטשין שטויסט אוועק דעם קרבן. אונ קרבנות מקריב זיין איז אזוי אגרויסע מצוה אז זיי שטויסין אוועק שבת. מען מוז מחלל שבת זיין מקריב צו זיין אקרבן. איז דאך שוין געוויס אז ראטעווין אמענטשין ער זאל בלייבין לעבין מעג מען מחלל שבת זיין. רבי אלעזר האט גיענטפערט מאראך מילה וואס דס פאר בעסערט נאר איין גליד פון די צוויי הונדערט אכט אונ פערציג גלידער פון מענטשין. שטויסט דאס אוועק שבת. מען מוז מל זיין אפילו אום שבת. צו ראטעווין דעם גאנצין גוף פון מענטשין שטויסט מען געוויס אוועק שבת. רבי יוסי ברבי יהודה זאגט עס שטייט אין פסוק את שבתותי תשמרו. איר זאלט היטען מיינע שבתים. וואלט איך וועלין מיינען צוא אלע זאכין זאל מען היטען שבת. שטייט אין פסוק אך. נאר. דער ווארט נאר צו טייטש. צו אלע זאכין מוז מען היטען שבת. אבער אז מען דארף ראטעווין אמענטשין זאל מען ניט היטען שבת. רבי יונתן בן יוסף זאגט עס שטייט אין פסוק כי קדש היא לכם. שבת איז הייליג צו איך. שבת איז גיגעבין גיווארין אין אייער האנט. אבער ניט איר זענט גיגעבין אין דער האנט פון שבת. דאס מיינט מען איר גיוועלטיגט איבער דעם שבת. איר מעגט איהם אמאהל ניט היליגען אונ טאהן אין איהם אמלאכה. דהיינו אז מען דארף ראטעווין אמענטשין. אבער דער שבת גיוועלטיגט ניט אויף דעם מענטשין אז דורך איהם זאל אמענטש שטארבין. רבי שמעון בן מנסיא זאגט עס שטייט אין פסוק ושמרו בני ישראל את השבת. די יודין זאלין היטען דעם

שבת

את השבת. כדי שישמור שבתות הרבה והכונה שיהא נקיים במירת שבתות הרבה : אי אפשר לומר ונקה שכבר נאמר לא ינקה. דכתיב ונקה לא ינקה גבי הדדי : חלוקי כפרה. שחלוקים בכפרתם זה כך וזה כך : ה"ל שלשה הם. החלוקים שיש עבירה שהיא צריכה לזה ואינה צריכה לזה הכל תשובה אינה מן החלוקים שהיא צריכה לכלן : שובו בנים שובבים. ומיד ארפא למדת שזו עבירה מכפרתה בתשובה לבדה : כי ביום הזה יכפר עליכם. למדת שיש עבירה שצריכה יום הכפורים :

ישראל את השבת אמרה תורה חלל עליו שבת אחת כדי שישמור שבתות הרבה אמר רב יהודה אמר שמואל אי הואי התם הוה אמינא דידי עדיפא מדידהו (ויקרא יח) וחי בהם ולא שימות בהם אמר רבא לכולהו אית להו פירכא בר מדשמואל דלית ליה פירכא :

(דף פו) **יוה רבי** יהודה אומר כל שהוא מלא תשא ולמטה תשובה מכפרת מלא תשא ולמעלה תשובה תולה ויום הכיפורים מכפר. תניא רבי אליעזר אומר אי אפשר לומר ונקה שכבר נאמר (שמות לד) לא ינקה ואי אפשר לומר לא ינקה שכבר נאמר ונקה הא כיצד מנקה הוא לשבים ואינו מנקה לשאינן שבים. שאל רבי מתיא בן חרש את רבי אלעזר בן עזריה ברומי שמעת ארבעה חלוקי כפרה שהיה רבי ישמעאל דורש אמר ליה שלשה הן ותשובה עם כל אחד ואחד עבר אדם על מצות עשה ועשה תשובה אינו זז משם עד שמוחלין לו שנאמר (ירמיה ג) שובו בנים שובבים ארפא משובותיכם. עבר אדם על מצות לא תעשה ועשה תשובה תשובה תולה ויום הכיפורים מכפר שנאמר (ויקרא יז) כי ביום הזה יכפר עליכם לטהר אתכם. עבר אדם על כריתות ומיתות בית דין

ועשה

---

**שבת**. די תורה האט גזאגט דו זאלסט מחלל זיין פון דעם יודינס וועגן איין שבת ער זאל בלייבן לעבין וועט ער קענען היטען פיל שבתים. רב יהודה האט גזאגט פון שמואלס וועגין ווען איך וואלט דארטין גיוועזין וואו מען האט גיפרעגט די שאלה. וואלט איך גזאגט מיין ענפער וואס דאס איז בעסער פון אלע זאכין וואס זיי האבין גיענפערט. אין פסוק שטייט וחי בהם: מען זאל לעבין דורך די מצות. אבער ניט מען זאל שטארבין דורך זייא: רבא זאגט אלע זאכין וואס די אלע תנאים האבין גזאגט קען מען אפ פרעגין. נאר די זאך וואס שמואל האט גזאגט קען מען ניט אפ פרעגין:

**יוה** רבי יהודה זאגט אויף די אלע לאוין וואס שטייט אין די עשרת הדברות נאך לא תשא. אז מען טוהט תשובה איז גאט באלד מוחל. אונ אויף די אלע לאוין וואס שטייט אין די עשרת הדברות פאר לא תשא. אז מען טוהט תשובה. די תשובה האלט נאר אפ עס זאל ניט קומען אויף איהם יסורים. אונ אום יום כפור איז מען איהם מוחל. מיר האבין גילערנט רבי אליעזר זאגט אין פסוק שטייט ונקה לא ינקה ער וועט ריין לאזין אונ וועט ניט ריין לאזין. מען קען ניט זאגין ער וועט ריין לאזין. עס שטייט דאך ער וועט ניט ריין לאזין. אונ מען קען ניט זאגין ער וועט ניט ריין לאזין. עס שטייט דאך ער וועט ריין לאזין. וויא אזוי איז. ער לאזט ריין צו די וואס טוהען תשובה. אונ ער לאזט ניט ריין צו די וואס טוהען ניט תשובה. רבי מתיא בן חרש האט גיפרעגט ביי רבי אלעזר בן עזריה אין דיא שטאט רוים אויב ער האט גיהערט די פיר ערליי פאר געבונג וואס רבי ישמעאל האט גידרשת. האט רבי אלעזר גזאגט צו רבי מתיא דרייא ערליי פאר געבונג איז נאר דא. ווארום תשובה מוז זיין מיט יעדער פאר געבונג. אן תשובה ווערט ניט פאר געבין קיין עבירה. אויב א מענטש האט ניט גיטאהן וואס גאט האט גיהייסין טאהן: למשל ער איז ניט גיזעסין אין סוכה. אונ ער האט גיטאהן תשובה: גייט ער ניט אוועק פון דעם ארט ביז גאט איז איהם מוחל. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק גאט זאגט טוהט תשובה איר ווילדע קינדער. וועל איך באלד היילן אייער ווילדעקייט. אונ אויב א מענטש האט גיטאהן אזוי אזאך וואס גאט האט גזאגט מען זאל דאס ניט טאהן. למשל ער האט אן גיטאהן אקלייד וואס איז שעטנז. אונ ער האט גיטאן תשובה. די תשובה האלט נאר אפ עס זאל ניט קומען אויף איהם יסורים אונ אום יום כפור איז מען איהם מוחל. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ווארום אין דעם טאג וועט גאט פר געבין

אויף

ועשה תשובה תשובה ויום הכפורים תולים ויסורים ממרקין שנאמר (תהלים פט) ופקדתי בשבט פשעם גו' אבל מי שיש חלול השם בידו אין כח לא בתשובה לתלות ולא ביום הכפורים לכפר ולא ביסורין למרק אלא כולם תולין ומיתה ממרקת שנאמר (ישעיה כב) ונגלה באזני ה' צבאות אם יכופר העון הזה לכם עד תמותון וגו'. היכי דמי חלול השם אמר רב כגון אנא דשקילנא בשרא מבי טבחא ולאלתר לא יהיבנא דמי. [אמר אביי] והני מילי באתרא דלא תבעי אבל באתרא דתבעי לית לן בה אמר רבינא הא מתא מחסיא אתרא דתבעי הוא. אביי כי הוה שקיל בשרא מבי תרי שותפי יהיב זוזא להאי וזוזא להאי וקרבינהו אהדדי ועביד להו חושבנא. רבי יוחנן אמר כגון אנא דאזלינא ארבע אמות בלא תפילין ובלא תורה. רב (יצחק בר אבדימי) [יצחק דבי רבי ינאי] אמר כל שחביריו בושין משמועתו

היכי

ופקדתי בשבט פשעם. למדת שיש עבירה שאינה יסורין ומשתכחת הקל לקלה והחמור לחמורה : חילופים. חולה ומכאיב אחריו : באזני ה' נגלית. לשון גלויה באזני. אמר הקב"ה : אם יכופר העון הזה לכם עד תמותון. למדת שיש עבירה שאין לה כפרה אלא במיתה : ולא יהיבנא דמי לאלתר. וכשאני מאחר נפרע הוא אומר שאני גזלן ולמד ממני להיות מזלזל בגזל : באתרא דלא תבעי. שאין דרך הטבח לתבוע הקפותיו ועל הלוקח להביא לו לביתו מעותיו : מתא מחסיא. מקומו של רבינא : יהיב זוזא להאי וזוזא להאי : שמא לא ידע הכל שנתתיו לזה ויש כאן חלול השם : ועביד חושבנא והוזין ומונין לו בשר כנגד מה שנטלו : כגון אנא דאזלינא וכו'. ואין הכל יודעין שנהנתי בגירסתי ואמרין הימני להבטל מתלמוד תורה : משמעתו. מחמת שם רע

---

אויף אייך ער זאל אייך ריינגין. אונ אויב אמענטש האט גיטאהן אזוי אעבירה וואס עס קומט אויף איר כרת אדער בית דין דארף איהם הרגנן ונאר עס איז ניטא קיין עדות קען איהם בית דין ניט הרגנן) אונ ער האט גיטאהן תשובה. תשובה מיט יום כפור האלטין נאר אפ עס זאל ניט קומען אויף איהם יסורים. אונ אז עס קומט אויף איהם יסורים ווערט אפ גימעקט דיא עבירה אין גאנצין. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק נאט האט גיזאגט איך וועל בפעלין זייערע זינד מיט ארוט. איך וועל זיי שטראפין מיט יסורים. אבער דער מענטש וואס האט גיטאהן אזעלכע עבירות וואס עס איז אחלול השם. ער האט גיזינדיגט אונ האט גימאכט זינדיגען אנדערע מענטשין אויך והאט ער פאר שעמט דעם נאמען פון גאט. העלפט ניט תשובה אפ צו האלטין די יסורים. אונ יום כפור איז ניט מכפר. אונ יסורים מעקן ניט אפ דיא עבירה. נאר זיין טויט מעקט אפ די עבירה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אויב די עבירה וועט אייך פאר געבין ווערין ביז איר וועט שטארבין. וואס הייסט חלול השם. האט רב גיזאגט אזוי וויא איך. אז איך זאל נעמען פלייש אין יאטקע אונ זאל ניט באלד בצאלין. איז אחלול השם. ווארום דער קצב מיינט אז איך וועל איהם ניט בצאהלין. זאגט ער אז רב מעג נעמען אונ ניט בצאלין וועל איך אויך אזוי טאהן. אביי זאגט דאס איז נאר אין די שטאט וואו דער קצב גייט ניט מאנען זיינע חובות פון די מענטשין וואס ער האט זייא פאר בארגט פלייש. נאר מען ברייננט איהם דאס געלט אהיים. דריבער אז ער זעהט אטאג אדער צווייטעג מען האט איהם ניט בצאהלט מיינט ער מען וועט איהם ניט בצאהלין. זאגט ער אז די פרומע מענטשין בצאהלין ניט מעג איך אויך נעמען אונ ניט בצאהלין. אבער אין די שטאט וואס דער שטייגער איז דער קצב קומט צו יעדער בעל הבית אהיים אונ מאנט איהם ער זאל איהם בצאהלין פאר די פלייש וואס ער הט גיבארגט. אזוי לאנג ווי דער קצב איז ניט גיקומען מאנען איז ניט קיין חלול השם. נאר אז דער קצב איז גיקומען מאנען אונ מען הט איהם ניט בצאהלט איז אחלול השם. רבינא זאגט אין די שטאט מחסיא קומט דער קצב מאנען פאר פלייש. אביי אז ער פלעגט נעמען פלייש פון צוויי שותפים. למשל פאר צוויי גילדין. פלעגט ער געבין דעם שותף אגילדין אונ דעם אנדערין שותף אגילדין. אונ ער הט צו זאמען גיבראכט ביידע שותפים אונ ער האט גימאכט מיט זיי ארעכענונג ווי פיל פלייש ער האט גינומען אונ וויא פיל געלט ער הט גיגעבין. ביידע שותפים זאלין וויסען אז ער הט בצאהלט. רבי יוחנן הט זאגט אז איך גיי פיר איילין אן תפילין אונ אן תורה איז אחילול השם. רב יצחק בר אבדימי

(היכי דמי) אמר רב נחמן בר יצחק כגון דאמרי אינשי שרא ליה מריה לפלניא . אביי אמר כדתניא (דברים ו) ואהבת את ה' אלהיך שיהא שם שמים מתאהב על ידך שיהא אדם קורא ושונה ומשמש ת"ח ודבורו בנחת עם הבריות ומקחו ומתנו בשוק נאה ונושא ונותן באמונה מה הבריות אומרות עליו אשרי פלוני שלמד תורה אשרי אביו שלמדו תורה אשרי רבו שלמדו תורה אוי להן לבני אדם שלא למדו תורה ראיתם פלוני שלמד תורה כמה יפין דרכיו כמה מתוקנים מעשיו עליו הכתוב אומר (ישעיה מט) ויאמר לי עבדי אתה ישראל אשר בך אתפאר ובזמן שאדם קורא ושונה ומשמש תלמידי חכמים ואין דבורו ב[illegible]ת עם הבריות ואין מתנו ומקחו נאה בשוק ואינו נושא ונותן באמונת מה הבריות אומר . עליו אוי לפלוני שלמד תורה אוי לאביו שלמדו תורה אוי לו לרבו שלמדו תורה (אשרי בני אדם שלא למדו תורה) פלוני שלמד תורה כמה מכוערים מעשיו כמה מקולקלים דרכיו עליו הכתוב אומר (יחזקאל לו) באמור להם עם ה' אלה ומארצו יצאו:

אמר

**פירוש**

כגון שאין : [illegible] ליה מריה . ימחול [illegible] על מעשיו : מתאהב על ידך . לתכנך קורא . מקרא : שונה משנה : ומ[illegible] . ולתלמוד סוף [illegible] ויביה [illegible] : בהדי להם עם [illegible] . לא א קרא [illegible] עיני פולים ופורענות [illegible] החסידים והחכמים רעה באה עליהם שנא' ויחללו את שם קדשי וכיוה חללוהו בתמורי [illegible] שמות שגלו ביניהם [illegible] עם ה' אלה ולא יכו [illegible] אלא יגלו [illegible] שם שמים מתחלל וכבודו [illegible]:

---

זאגט אז עס גייט ארויס אויף א תלמיד חכם א שלעכטער נאמען . אז זיינע חבריה שעמען זיך דורך איהם . דאס הייסט א חילול השם . רב נחמן בר יצחק זאגט צו א מענטש טוהט שלעכטע זאכען אז אנדערע מענטשען זאגען אויף אים גאט זאל איהם מוחל זיין . דס איז א חילול השם . אביי זאגט א חילול השם איז אזוי ווי מיר האבען געלערנט . עס שטייט אין פסוק ואהבת את יי אלהיך . מיינט מען א מענטש זאל זעהן אז דורך איהם זאל דער נאמען פון גאט געליבט ווערין ביי אנדערע מענטשען . ווי אזוי א מענטש זאל לערנען תורה נביאים כתובים משניות . גמרא . ער זאל ברענגען תלמידי חכמים . ער זאל ריידען מיט מענטשען שטיל . ווער זאל ניט ריידען מיט גרויסקייט . אונ ניט געבייזערט . זיין האנדיל אין גאס זאל זיין שיין . ער זאל האנדלען מיט אמת . ער זאל ניט זאגען קיין ליגען אונ זאל ניט נארין . וואס וועלין מענטשען זאגען אויף איהם . וואוהל צו דעם מענטש וואס האט געלערנט תורה . וואוהל צוא דעם פאטער וואס ער האט געלערנט מיט זיין זוהן תורה . וואוהל צו דעם רבי וואס ער האט געלערנט מיט דעם תלמיד תורה . וויי צו די מענטשען וואס האבען ניט געלערנט תורה . זעהט דער מענטש האט געלערנט תורה ווי שיין איז זיין פירונג . ווי שיין זענען זיינע אלע זאכען וואס ער טוהט . אויף איהם זאגט דער פסוק נאט האט געזאגט צו מיר דו ביסט מיין קנעכט דער יוד וואס מיט דיר וועל איך מיך ברימען . אבער אז א מענטש לערנט תורה נביאים כתובים משניות גמרא אונ ברענגט תלמידי חכמים אונ ער רעט ניט מיט מענטשען שטיל נאר מיט גרויסקייט אונ געבייזערט . אונ זיין האנדיל אין גאס איז ניט שיין אונ ניט ערליך . וואס זאגען מענטשען אויף איהם . וויי צו דעם וואס האט געלערנט תורה . וויי צו דעם פאטער וואס האט איהם געלערנט תורה . וויי צו דעם רבי וואס האט איהם געלערנט תורה . וואוהל צו די מענטשען וואס האבען ניט געלערנט תורה . זעהט נאר דער מענטש האט געלערנט תורה . ווי מיאוס זענען זיינע זאכען וואס ער טוהט . ווי מיאוס איז זיין פירונג . אויף איהם זאגט דער פסוק מען וועט זאגען אויף זיי דאס איז די פאלק פון גאט אונ פון זיין לאנד זענען זיי ארויס געגאנגען . דער פסוק מיינט די גוים וועלין זיך וואונדערין אויף די יודין אונ וועלין זאגען . די יודין זענען דאך די פאלק פון גאט . פאר וואס האט גאט געלאזט מען זאל זיי ארויס טרייבען פון זיין לאנד . אונ ער האט זיי ניט געהאלפין . נאר געוויס האט ער ניט געקענט העלפין . איז דאך א חילול השם . ווארום גאט האט דאך געקענט העלפין נאר די יודין זענען ניט ווערט געווען מען זאל זיי העלפין . אזוי אז א פרומער מענטש טוהט עבירות אין דער שטיל . אונ גאט

שטראפט

**יח אמר** רבי חמא בר חנינא גדולה תשובה שמביאה רפואה לעולם שנאמר (הושע יד) ארפא משובתם אוהבם נדבה וגו'. רבי חמא בר חנינא רמי כתיב (ירמיה ג) שובו בנים שובבים דמעיקרא שובבים אתם וכתיב (שם) ארפא (משובתם) [משובותיכם] לא קשיא כאן מאהבה כאן מיראה (אמר) רב יהודה (רב אמי) רמי כתיב שובו בנים שובבים ארפא משובותיכם (שם) כי אנכי בעלתי בכם גו' לא קשיא כאן מאהבה ומיראה כאן על ידי יסורין:

**יט אמר** רבי לוי גדולה תשובה שמגעת עד כסה"כ שנאמר (הושע יד) שובה ישראל עד ה' אלהיך וגו' (רבי יוחנן אמר עד ולא עד בכלל ומי אמר רבי יוחנן הכי והא) אמר רבי יוחנן גדולה תשובה שדוחה את לא תעשה שבתורה שנאמר (ירמיה ג) הן ישלח איש

שובו בנים שובבים דמעיקרא שובבים אתם. כשאתם תשובה מעלה אני עליכם כאילו תחלה חטאתם ע"י שגגות ונערות: שובבים. לשון בלע"ז: וכתיב ארפא משובותיכם. משמע מכאן ואילך כבעל מום שנתרפא שמקצת מומו עליו: כאן מאהבה. כשב מאהבה נעקר מום מאליו: כאן מיראה. ארפא: כתיב שובו בנים. אלמא בעלי תשובה קרויין בנים: וכתיב כי אנכי בעלתי בכם. אלמא עבדים מקרו: כאן מאהבה ומיראה. קרויין בנים (שובבים): כאן על ידי יסורין. שלא שבו עד שנתייסרו ביסורין קרויין עבדים. ואית דגרסי כתיב שובה אלי ואשובה אליכם וכתיב כי אנכי בעלתי בכם ואשובה אליכם נאמר בשובכם וכתיב כי אנכי בעלתי בכם קודם בתשובה. כאן מאהבה ומיראה קאמר כי אנכי בעלתי בכם:

---

שטראפט איהם איז אחילול השם. ווארום מענטשן ווייסן ניט זיינע עבירות. זאגן זיא זעהט וויא פרומקייט העלפט ניט. יענער מענטש איז אזוי פרום אונ ער האט אזוי פיל צרות, צוא וואס טויג פרום צוא זיין. דאס איז אלץ וויל זיא ווייסן ניט זיינע עבירות:

**יח אמר**. רבי חמא בר חנינא הט גיזאגט ווי גרוים תשובה איז אז זי ברייינגט אהיילונג צו די גאנצע וועלט. אזו ווי עס שטייט אין פסוק גאט זאגט אז די יודין וועלין תשובה טאהן וועל איך היילין זייער ווילדקייט אונ וועל זיי ליב האבין. רבי חמא בר חנינא האט גיפרעגט אין איין פסוק שטייט שובו בנים שובבים. אז איר קינדער וועט תשובה טאהן וועל איך רעכענען אייערע עבירות וואס איר הט פריער גיטאהן אז דאס איז נאר גיוועזן ווילדקייט. אונ וועל אייך אין גאנצין מוחל זיין. אונ אין אנדערין פסוק שטייט גאט זאגט איך וועל היילין אייער ווילדקייט. דאס איז אזוי ווי א מענטש ווס האט אפעקער (אצובראכענעם גלידו) אונ מען הט איהם אויס גיהיילט. אביסעל קראנק איז ער אייביג. אזוי איז די עבירה פאר היילט. אבער ניט אין גאנצין גישיינקט. זאגט די גמרא עס איז ניט קיין קשיא. דער ווס טוהט תשובה ווייל ער האט ליב גאט. איז מען איהם מוחל זיינע עבירות אין גאנצין. אונ דער ווס טוהט תשובה ווייל ער האט מורא גאט זאל איהם ניט שטראפין. זיינע עבירות זענען נאר פאר היילט. רב יהודה האט גיפרעגט אין איין פסוק שטייט גאט הט גיזאגט טוהט תשובה איר ווילדע קינדער איך וועל היילין אייער ווילדקייט. זעהן מיר אז דיא מענטשן וואס טוהען תשובה ווערין גירופען קינדער צו גאט. אונ אין איין אנדער פסוק שטייט גאט האט גיזאגט צו דיא מענטשן וואס טוהען תשובה איך וועל זיין אייער בעל הבית. זעהן מיר אז דיא מענטשין וואס טוהען תשובה ווערין גירופען קנעכט צו גאט. זאגט די גמרא עס איז ניט קיין קשיא. דער וואס טוהט תשובה ווייל ער הט ליב גאט. אדער ווייל ער הט מורא פר גאט ווערט ער גירופען א קינד צו גאט. אבער דער ווס טוהט תשובה ווייל גאט שטראפט אים מיט יסורים. דער הייסט א קנעכט צוא גאט:

**יט אמר**. רבי לוי האט גיזאגט תשובה איז גרוים זי קומט ביז צום כסא הכבוד. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק טוהט תשובה איר יודין ווארום אייער תשובה וועט קומען ביז צו גאט. רבי יוחנן זאגט תשובה קומט נאר ביז פאר גאט. אבער ניט ביז צו גאט. פרעגט די גמרא האט דען רבי יוחנן אזוי גיזאגט. מיר האבין דאך גיהערט אז רבי יוחנן הט גיזאגט תשובה איז גרוים זי שטויסט אוועק א לאו פון די תורה. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אז א מענטש

שיקט

כי כשלת בעונך . (שוק) יחשב כמכשול שהיה שגגה : עליהם (חיה) [הוא] יחיה . על כל מה שפשט ורף על העבירה : מתפייס ממנו . מקבל פיוסו מיכן :

איש את אשתו והלכה מאתו והיתה לאיש אחר וגו' עד ושוב אלי נאם ה' (לא קשיא הא ביחיד והא בצבור) אמר רבי יונתן גדולה תשובה שמביאה הגאולה שנאמר ובא לציון גואל ולשבי פשע ביעקב מאי טעמא ובא לציון גואל משום דשבי פשע ביעקב . (אמר רבי יונתן גדולה תשובה שמקרבת גאולה לעולם שנאמר (ישעיה נו) שמרו משפט ועשו צדקה כי קרובה ישועתי לבא וצדקתי להגלות) :

(שם ע"ב) **אמר** ריש לקיש גדולה תשובה שזדונות נעשות להם כשגגות שנאמר (הושע יד) שובה ישראל עד ה' אלהיך כי כשלת בעונך האי עון מזיד הוא וקרי ליה מכשול איני והא אמר ר"ל גדולה תשובה שזדונות נעשות להם כזכיות שנאמר (יחזקאל לג) ובשוב רשע מרשעתו וגו' עליהם (חיה) [הוא] יחיה לא קשיא כאן מאהבה כאן מיראה . אמר רבי יונתן גדולה תשובה שמארכת ימיו ושנותיו של אדם שנאמר (שם) חיה יחיה . אמר רבי יצחק אמרי במערבא משמיה (דרבא) [דרבה] בר מרי בא וראה שלא כמדת הקדוש ברוך הוא מדת בשר ודם מדת ב"ו אדם מקניט את חברו ספק מתפיים ממנו

---

שיקט ארויס זיין ווייב מיט א גט . אונ זיא גייט אוועק פון אים אונ נעמט איין אנדער מאן אפילו דער אנדערער מאן שטארבט אדער ער גיט איר גט . פון דעסטוועגן טאר זי ניט גינומען ווערין צוריק צום ערשטין מאן . אונ די יודין האבין מינה גיוועזן (גערינט) צו פיל גאטער . זאגט גאט פון דעסטוועגין קום צוריק צו מיר . זעהן מיר דאך אז מיט תשובה קומט מען צוריק צו גאט . זאגט די גמרא עס איז ניט קיין קשיא . אז איין מענטש טוהט תשובה קומט די תשובה נאר ביז פאר גאט . אונ אז פיל מענטשין מיט איין מאהל טוהען תשובה קומט די תשובה ביז צו גאט . רבי יונתן זאגט תשובה איז גרויס אז דורך תשובה ווערין יודין אויס גילייזט ווערין פון גלות . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק . ובא לציון גואל ולשבי פשע ביעקב דער אויס לייזער וועט קימען צו ציון . פאר וואס . ווייל יעקב (די יודין) ווערין תשובה טאהן פון זייערע זינד . רבי יונתן זאגט תשובה איז גרויס זי מאכט נאהענט די גאולה (די אויס לייזונג פון גלות) . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק איר זאלט היטען צו טאהן משפט אונ טוהט צדקה . ווארום עס איז נאהענט מיין הילף זאל קומען אונ מיינע צדקות זאלין בעוויזען ווערין :

**אמר** . ריש לקיש האט גיזאגט תשובה איז גרויס אז די עבירות וואס ער האט גיטאהן במזיד ווערין גירעכנט וויא אשוגג . אזו ווי עס שטייט אין פסוק טוהט תשובה יודין ביז צו גאט כי כשלת בעונך . וועט מען דיר רעכענען אלע מזידים פאר שוגגים . ווארום עון איז דאך טייטש מזיד . אז מען טוהט אעבירה ווילענדיג . אונ דער פסוק רופט דעם מכשול . אשטרויכלונג . אומגעריך . פרעגט די גמרא עס איז דאך ניט אזוי . ריש לקיש האט דאך גיזאגט תשובה איז גרויס אז די אלע עבירות וואס ער האט גיטאהן במזיד ווערין זיי גירעכנט אזוי ווי מצות . ווייל אויף יעדער עבירה איז ער מקיים אמצוה ושבת . דו זאלסט תשובה טאהן . אזו ווי עס שטייט אין פסוק אז דער רשע וועט תשובה טאהן פון זיין שלעכץ . אויף זייא ואויף די עבירות וועט ער לעבין . ווייל די עבירות ווערען גירעכנט ווי מצות . זאגט די גמרא עס איז ניט קיין קשיא . דער וואס טוהט תשובה ווייל ער האט ליב גאט . ווערין די עבירות גירעכענט ווי מצות . אונ דער וואס טוהט תשובה ווייל ער האט מורא פאר גאט ער זאל אים ניט שטראפען . ווערט אמזיד גירעכענט ווי אשוגג . רבי יונתן זאגט תשובה איז גרויס זי דער לינגערט די טעג אונ די יאהרען פון מענטשין . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק חיה יחיה . ער וועט לעבין דורך דעם וואס ער טוהט תשובה . רבי יצחק זאגט אין ארץ ישראל זאגט מען פון רבה בר מרים וועגין . קום אונ זעה די מדה פון גאט איז ניט אזוי שלעכט וויא

די

סמנו ספק אין מתפיים כסנו ואם תמצא לומר מתפיים כמנו ספק מתפיים ממנו בדברים ספק (מתפיים ממנו כממון) [אינו מתפיים בדברים] אבל מדת הקב"ה אינו כן אדם עובר עבירה בסתר מתפיים ממנו בדברים שנא' (הושע יד) קחו עמכם דברים ושובו אל ה' ולא עוד אלא שמחזיק לו טובה שנאמר (שם) וקח טוב ולא עוד אלא שדומה כמי שבנה מזבח והקריב עליו קרבן שנא' (שם) ונשלמה פרים שפתינו ושמא תאמר פרי חובות ת"ל אוהבם נדבה (אמר רב זוטרא בר טוביה אמר רב) [תניא היה רבי מאיר אומר] גדולה תשובה שאפילו יחיד שעשה תשובה מוחלין לו ולכל העולם שנאמר (שם) ארפא משובתם אוהבם נדבה כי שב אפי ממנו מהם לא נאמר אלא ממנו היכי דמי בעל תשובה [אמר רב יהודה] כגון שבא דבר עבירה לידו פעם ראשונה ושניה ופירש הימנה מחוי רב יהודה באותו מקום ובאותה אשה ובאותו פרק אמר רב יהודה רב רמי כתיב (משלי כח) מכסה פשעיו לא יצליח ומודה ועוזב וגו' וכתיב

ונשלמה פרים שפתינו. במקום פרים. נדבה מקובלת ברצון יותר מחובה. ארפא משובתם. אל רבים נאמר שאם שב אחד מן היחיד: שבא דבר עבירה לידו. אותה עבירה שנכשל בה כבר: באותה אשה ובאותו מקום. שעבר כבר העבירה: ובאותו פרק. שמתוך שרואה שלא עבר וכל הזמן שנכשל בה כבר יצרו מתגבר עליו ועתה לא רצה פלונית ואותו מקום ואותו פרק הוא שוב עשה מה שעשה כבר: כסוי חטא. שלא נגלים

די מדה פון א מענטש. די מדה פון א מענטש איז אז א מענטש דער צערנט זיין חבר וויים ער נית אויב דער חבר וועט זיך לאזין איבער בעטין. אדער ניין. און אז ער וועט זיך לאזין איבער בעטין. וויים מען נית צו ער וועט איבער גיבעטין ווערין מיט גוטע רייד. אדער ער וועט איבער גיבעטין ווערין מיט געלט. אבער די מדה פון גאט איז נית אזוי א מענטש טוהט א עבירה אין דער שטיל. ווערט גאט איבער גיבעטין פון איהם מיט גוטע רייד. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק נעמט מיט אייך רייד און קערט אייך צו גאט. און נאך מער. גאט עכוגט גלייך וויא דער מענטש וואלט איהם גיטאהן א טובה. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ולקח טוב. זאלסט נעמען אונזער תשובה פאר א טובה. און נאך מער. עס איז גלייך ווי ער וואלט גיבאהט א מזבח און וואלט מקריב גיוועזן אויף איהם א קרבן. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק מיר בצאהלין מיט אונזערע לעפצין ומיט די רייד פון תשובה גלייך ווי מיר וואלטין מקריב גיוועזן קרבנות. טאמער וועסטו מיינען קרבנות פון עבירות. שטייט אין פסוק איך וועל די קרבנות ליב האבין גלייך ווי מען וואלט זייא מקריב גיוועזן מיט דעם גוטען ווילען. נית פאר עבירות. מיר האבין גילערנט רבי מאיר זאגט תשובה איז גרוס אפילו איין מענטש טוהט תשובה איז מען מוחל זיינע עבירות און די עבירות פון די גאנצע וועלט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק איך וועל היילין זייער ווילדקייט ופון אלע מענטשין. איך וועל זיי ליב האבין און בווילינגע ואלע מענטשין וועל איך בווילינגען און ליב האבען. ווייל מיין כעס האט זיך אפ גיטאהן פון איהם. עס שטייט נית אין פסוק מיין כעס האט זיך אפ גיטאהן פון זייא וואָרום זייא האבע נאך נית תשובה גיטאהן. עס שטייט מיין כעס האט זיך אפ גיטאהן פון איהם. פון איינעם איינער האט נאר גיטאהן תשובה. און איך בין מוחל אלע מענטשין. זאגט די גמרא ווי אזוי וויסין מיר אז דער מענטש האט גיטאהן תשובה מיט אמת. און ער וועט שוין די עבירה קיין מאהל נית טאהן. זאגט רב יהודה אויב די זעלבינע עבירה איז גיקומען צו איהם איין מאהל און צווייא מאהל און ער האט די עבירה נית גיוואלט טאהן. האט רב יהודה געוויזען מען מיינט אז די עבירה איז צו איהם גיקומען אויף דעם זעלבינען ארט וואו ער האט איר שוין א מאהל גיטאהן און דאס איז אויך דיא זעלבינע אשה וואס ער האט שוין איין מאהל מיט איר מזנה גיוועזן. און אין די זעלבינע צייט ווען ער האט מיט איר מזנה גיוועזן. און ער האט זיך אפ גישיידט פון איר און האט נית גיוואלט מיט איר מזנה זיין. ווייל ער האט גיטאהן תשובה. דער מענטש הייסט א בעל תשובה. רב יהודה זאגט רב האט גיפרעגט אין איין פסוק שטייט דער וואס דעקט צו זיינע עבירות גלייך ווי ער וואלט נאר נית געזינדיגט וועט ער נית גליקען. אבער דער וואס איז מודה אז ער האט געזינדיגט. און ער פאר לאזט די זינד. ער

(תהלים לב) אשרי נשוי פשע כסוי חטאה: לא קשיא כאן בחטא מפורסם כאן בחטא שאינו מפורסם רב זוטרא בר טוביה אמר [רב נחמן] כאן בעבירות שבין אדם למקום כאן בעבירות שבין אדם לחבירו: **כא תניא** אמר רבי יוסי ברבי יהודה עבר אדם עבירה פעם ראשונה מוחלין לו. שניה מוחלין לו שלישית מוחלין לו. רביעית אין מוחלין לו שנאמר (עמוס ב) כה אמר ה' על שלשה פשעי ישראל ועל ארבעה לא אשיבנו ואומר (איוב לג) הן כל אלה יפעל אל פעמים שלש עם גבר. מאי ואומר וכי תימא הני מילי בצבור אבל ביחיד לא. ת"ש הן כל אלה יפעל אל פעמים שלש עם גבר. תנו רבנן עבירות שהתודה עליהם יום הכיפורים זה לא יתודה עליהם יום הכפורים אחר ו[א]ם שנה בהם צריך שיתודה עליהם ביום הכיפורים אחר ואם לא שנה בהן [וחזר] והתודה עליהן עליו הכתוב אומר (משלי כו) ככלב שב על קיאו כסיל שונה באולתו רבי אליעזר (ברבי יהודה) [בן יעקב] אומר כל שכן הרי זה משובח שנאמר (תהלים נא) כי פשעי אני

ארע

פירוש

מ"ט: בחטא מפורסם. טוב לו שיתודה ויתבייש ולא יכסה בו: בחטא שאינו מפורסם. לא יגלה חטאו וכמה כסה הוא בכל מה שאדם חוטא בפרהסיא משום כבוד שמים הוא: עבירות שבין אדם לחבירו. יגלה לרבים שיבקשו ממנו שימחול לו:

ומסלהי נגדי תמיד. אני סבור שכפרה עלי והכי

---

טוהט תשובה אונ וועט שוין מער ניט זינדיגען. אויף דעם וועט נאט רחמנות האבען. אונ אין איין פסוק שטייט וואוהל דעם מענטש וואס זיין זינד איז פאר טראגען. אונ זיין זינד איז צו גידעקט. קיינער ווייס ניט פון זיינע זינד. זאגט די גמרא עס איז ניט קיין קשיא. אויב ער האט גיטאהן אזוי אעבירה וואס אלע ווייסען. זאלען אלע וויסען פון זיין תשובה. אונ אויב קיינער ווייס ניט פון זיינע עבירות. זאל ער פאר דעקען די עבירות אונ פאר דעקען דיא תשובה. נאר ער זאל טאהן תשובה אין דער שטיל רב זוטרא בר טוביה זאגט די עבירות וואס אמענטש האט גיטאהן צו גאט. זאל ער פאר קיינעם ניט אויס זאגען. אונ דיא עבירות וואס אמענטש האט גיטאהן צו מענטשען. זאל ער דער ציילען פאר זיינע גוטע פריינד ווערען זיי יאגען צו מאכען שלום. אונ בעטען יענעם ער זאל מוחל זיין:

**כא** תניא. מיר האבען גילערענט רבי יוסי ברבי יהודה זאגט אז אמענטש האט גיטאהן אעבירה דעם ערשטען מאהל איז מען איהם מוחל. דעם אנדערען מאהל. איז מען איהם אויך מוחל. דעם דריטען מאהל. איז מען איהם אויך מוחל: דעם פערטען מאהל איז מען איהם ניט מוחל. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אזוי האט גאט גיזאגט אויף דריי עבירות בין איך די יודין מוחל. אויף די פערטע עבירה וועל איך זייא ניט מוחל זיין. נאך זאגט דער פסוק די אלע זאכען טוהט גאט צוויי מאהל דריי מאהל מיט דעם מענטש. צוויי דריי עבירות איז מען איהם מוחל. פרעגט די גמרא צו וואס דארף מען נאך אפסוק. מען ווייס דאך שוין פון ערשטען פסוק אז צוויי דריי עבירות איז גאט מוחל. ענטפערט די גמרא אז עס וואלט נאר גישטאנען איין פסוק וואלטען מיר זאגען נאר אז פיל יודען האבען גיטאהן צוויי דריי עבירות איז זיי גאט יא מוחל. אבער צו איין מענטש איז גאט ניט מוחל אפילו די ערשטע עבירה. שטייט אין פסוק די אלע זאכען טוהט גאט צוויי מאהל דריי מאהל מיט דעם מענטש. אפילו צו איין מענטש איז מען אויך מוחל די ערשטע דריי עבירות:

תנו רבנן. די רבנן האבען גילערענט די עבירות וואס ער האט זיך מתודה גיוועזען אויף זיי דעם יום כפור. אונ ער ווייס גיוויס אז דעם גאנצען יאהר האט ער די עבירה ניט גיטאהן. זאל ער זיך ניט מתודה זיין אויף די עבירה דעם אנדערען יום כפור. אונ אויב ער האט אין דעם יאהר נאך אמאהל גיטאהן די עבירה. דארף ער זיך מתודה זיין אויף די עבירה דעם אנדערען יום כפור אויך. אונ אויב ער האט אין דעם יאהר די עבירה ניט גיטאהן נאך אמאל. אונ ער האט דעם אנדערען יום כפור נאך אמאהל זיך מתודה גיוועזען אויף דיא עבירה. אויף איהם זאגט דער פסוק אזוי ווי דער הונט קומט צוריק צו די עסען וואס ער האט אויס גיבראכען.

אזוי

אדע וחטאתי נגדי תמיד אלא מה אני מקיים ככלב שב על קיאו כרדב הונא דאמר רב הונא כיון שעבר אדם עבירה ושנה בה דוהרה לו . הותרה לו ס"ד אלא אימא נעשית לו כהיתר :

**תניא** רבי יהודה בן בבא אומר צריך אדם לפרט את הרטא שנאמר (שמות לב) אנא חטא העם הזה חטאה גדולה ויעשו להם אלהי זהב רבי עקיבא אומר אינו צריך שנאמר (תהלים לב) אשרי נשוי פשע כסוי חטאה אלא מה אני מקיים ויעשו להם אלהי זהב כדרבי ינאי דאמר רבי ינאי אמר משה לפני הקב"ה רבש"ע בשביל כסף וזהב שהשפעת להם לישראל עד שבלו שפתותיהם מלומר די גרם להם לעשות אלהי זהב :

**כב שני** פרנסים טובים עמדו להם לישראל ואלו הם משה ודוד משה אמר יכתב סורחני שנאמר (דברים לב) על אשר מעלתם בי בתוך בני ישראל במי מריבת קדש מדבר צן על אשר לא קדשתם אותי בתוך בני ישראל (במדבר כ) ויען לא האמנתם בי להקדישני]

הוא כאלו לנגדי עומדת · צריך לפרט את החטא · כבבות מתודה אומר חטא פלוני חטאתי · כדרבי ינאי · לא הזכיר העון אלא כמעט ולומר אתה גרמת להם מכל אלהם הביא לו בן נאה וכאכילא והשקהו והלא לו כיס של דינרין בצוארו ומושיב בפתח זונות מה יעשה שלא יחטא :

ה"ג בספרי · משה אמר יכתב סורחני יען לא האמנתם בי בכל מקום שבכתב מיתתו שם כתב סורחנו אלמא ניחא ליה למכתב ביה ודמי

---

אזוי קומט דער נאר נאך אמאהל צו דער מאגען זיינע נארעשקייט (זיינע זינד). רבי אליעזר בן יעקב זאגט אז דער מענטש האט די עבירה ניט געטאהן נאך אמאהל. אונ ער איז זיך מתודה אויף די עבירה אלע יום כפור. איז נאך בעסער. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק דוד המלך האט גזאגט איך ווייס מיינע זינד. אונ מיינע זינד שטייען אייביג געגען מיר. גלייך ווי מען וואלט זיי מיר גאר ניט מוחל געוועזען. נאר וויא הענ זאגט דער פסוק אזוי ווי דער הונט קומט צוריק צו די עסין וואס ער האט אויס געבראכען. אזוי קומט דער נאר נאך אמאהל צו דער מאגען זיינע נארעשקייט (זיינע זינד); דאס איז אזוי וויא רב הונא האט גזאגט. אז אמענטש טוהט אעבירה איין מאהל אונ צווי מאהל איז די עבירה צו איהם מותר. פרעגט די גמרא וויא אזוי איז אעבירה מותר. נאר מען מיינט אז איינער טוהט אעבירה איין מאהל. אונ ער טוהט די זעלבינע עבירה נאך אמאהל. דער נאך טוהט ער שוין די עבירה גאר אן מורא אונ שרעק גלייך ווי מען וואלט די זאך גימעגט טאהן. דאס מיינט דער פסוק אזוי ווי דער הונט קומט צוריק צו זיין עסין וואס ער האט אויס געבראכען. גלייך וויא דאס וואלט געוועזען ביינע עסין. אזוי קומט דער נאר נאך אמאהל צו זיינע נארעשקייט (צו די עבירה) גלייך ווי מען מאלט די זאך גימעגט טאהן:

תניא. מיר האבען געלערנט רבי יהודה בן בבא זאגט אז אמענטש טוהט תשובה אונ איז זיך מתודה אויף זיינע עבירות. דארף ער ארויס רעדען זיינע עבירות. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק משה רבינו האט גזאגט צו גאט איך בעט דיך דאס פאלק האט געזינדיגט אגרויסע זינד זיי האבען גימאכט אגאלדענעם גאט רבי עקיבא זאגט ער זאל ניט ארויס רעדען זיינע עבירות. ער זאל נאר בעטין מען זאל איהם די עבירות מוחל זיין. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק וואוהל דעם מענטש וואס זיינע זינד זענען פאר טראגען אונ צו גידעקט. נאר פאר וואס האט משה רבינו ארויס גירעט דיא עבירה אונ האט גזאגט זייא האבען געמאכט אגאלדענעם גאט. ענטפערט די גמרא משה רבינו האט גימיינט קלענער צו מאכען די עבירה. אזוי ווי רבי ינאי האט גזאגט. משה רבינו האט גזאגט פאר גאט רבונו של עולם וויל דו האסט גיגעבען צו די יודען אזוי פיל זילבער אונ גאלד. ביז זיי האבען שוין אליין גזאגט עס איז גינוג. דריבער האבען זיי גימאכט אגאלדענעם גאט. דאס איז גלייך צו אמענטשין וואס האט גיהאט אשיינעם זוהן. דער פאטער האט איהם גיגעבען עסען אונ טרינקען. אונ האט איהם גיגעבען אזאהעננג נעבן זונות. איז יעמעס דער זוהן שולדיג ווס ער הט מזנה געווען. אונ האט איהם געגעבען אביימטער געלט.

**כב שני**. צוויי גוטע מנהיגים האבען די יודע גיהאט. משה רבינו אונ דוד המלך

דוד אמר לא יכתב סורחני שנאמר (תהלים לב) אשרי נשוי פשע כסוי חטאה משל דמשה ודוד למה הדבר דומה לשתי נשים שלוקות בבית דין אחת קלקלה ואחת אכלה פגי שביעית זו שאכלה פגי שביעית אמ"ה להם בבקשה מכם הודיעו על מה היא לוקה כדי שלא יאמרו על מה שזו לוקה זו לוקה מיד הביאו פגי שביעית ותלו לה בצוארה והכריזו עליה על כך היא לוקה:

**כג מפרסמין** את החנפים מפני חלול השם שנאמר (יחזקאל ג) ובשוב צדיק מצדקו ועשה עול ונתתי מכשול לפניו הוא ימות כי לא הזהרתו וגו' תשובת המוחלטין מעכבת את הפורענות ואפילו לאחר שנחתם גזר דינם של פורענות שלות רשעים סופה תקלה והרשות מקברת את בעליה ערום נכנס לה וערום יוצא ממנה ולואי שתהא יציאה כביאה רב כי הוה נפיק

**פירוש**

מונח: לשתי נשים שלקו אחת קלקלה. זינתה וכתבו כם למלקות כך דור המדבר מתים במדבר שהאמינו למרגלים וחטא מת במדבר על שמעי לא המורים אמר יכתב סורחני שלא יאמרו אף אני קלקלתי כמותם: פגי שביעית. האוכלים שלא בשלו כל צרכן ויאמנה אמר והיתה שבת הארץ לכם לאכלה לאכלה ולא להפסד:

מפרסמין את החנפים. שהם רשעים ומראים עצמם כאילו הם צדיקים אם יש מכיר במעשיו מצוה לפרסמו: מפני חלול השם. שבני אדם למדים ממעשיו וסבורים עליו שהוא צדיק ועוד כשפורענות באה עליו בני אדם אומרים מה הועיל לו זכותו. שנאמר ובשוב צדיק וגו'. סיפיה דקרא ונתתי מכשול לפניו אני נותנה לידו תקלה גלוי לכל שיכשל בו וידעו את מעשיו: המוחלטין. רשעים גמורים: שלות רשעים סופה תקלה. מתוך שלותם הם יושבים ומהרהרים בעבירות: והרשות. הרבנות: מקברת את בעליה. שנאמר וימת יוסף וכל אחיו יוסף מתלה ואח"כ כל אחיו: ולואי שתהא יציאה. תהא כנאה חטא כביאה: נפק לדינא. לסיום דן

משה רבינו האט געבעטען מיין עבירה זאל ווערין פר שריבען אין די תורה: אזוי ווי עס שטייט אין פסוק גאט האט גזאגט ווייל איר האט געפעלשט אין מיר צווישען די יודען ביי די וואסער וואס מען האט געקריגט אין קדש אין מדבר צן. נאך אין אפסוק שטייט ווייל איר האט מיך ניט געהייליגט צווישען די יודען. נאך אין אפסוק שטייט ווייל איר האט מיר ניט געגלויבט צו הייליגען מיך. וואו עס שטייט דאס שטארבען פון משה רבינו. שטייט באלד זיין עבירה. מען זאל וויסען פאר וואס ער שטארבט דוד המלך האט געבעטען מיין עבירה זאל ניט פאר שריבען ווערין. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק וואוהל דעם מענטש וואס זיינע עבירות זענען פאר טראגען אונ צו גידעקט. מען ווייס זייא ניט. דיא זאך פון משה רבינו מיט דוד המלך איז גליך צו צוויי ווייבער וואס מען האט זייא גידארפט שלאגען מלקות ביי בית דין. איינע האט מזנה געוועזען אונ איינע האט גיגעסען דעם זיבעטין יאהר ואין שמטה פייגען וואס זענען גיט געוועזען צייטיג. די וואס האט גיגעסין די אומצייטיגע פייגען אין שמטה האט גזאגט צו בית דין איך בעט פון אייך איר זאלט מאכען וויסען צו אלע מענטשין מיין עבירה פאר וואס מען שלאגט מיך די מלקות. מען זאל ניט זאגען אז מיך שלאגט מען מלקות אויף די זעלביגע עבירה וואס מען שלאגט די אנדערע אשה. האט מען באלד גיבראכט אומצייטיגע פייגען פון זיבעטען יאהר. אונ מען האט זיי אויף גיהאנגען אויף איר האלדז. אונ מען האט אויס גירופען. אויף דיא אומצייטיגע פייגען ווערט די אשה געשלאגען מלקות:

**כג** מפרסמין. די מענטשין וואס זענען רשעים אונ זייא ווייזען זיך פאר דער וועלט אז זיי זענען צדיקים. דער וואס ווייס זייערע עבירות איז אמצוה ער זאל דער ציילען פאר אלע מענטשין אז זיי זענען רשעים. עס זאל ניט זיין קיין חלול השם. ווארום אז גאט וועט זייא שטראפען וועלין מענטשין זאגען גאט שטראפט די צדיקים. דריבער איז גוט מען זאל וויסען אז זיי זענען ניט קיין צדיקים. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אז דער צדיק וועט צוריק קערין פון זיין פרומקייט. אונ ער וועט טאהן אומרעכט און עבירות. אונ קיינער וועט ניט וויסען אז ער איז שוין ניט קיין צדיק. זאגט גאט וועל איך געבין פאר איהם אשטרוכלונג. ואיך וועל איהם ברענגען צו אזוי אעבירה אז אלע זאלען וויסען אז ער איז ארשע. ער זאל ניט נארין דיא וועלט. די תשובה וואס די רשעים טוהען האלט אויף עס זאל אויף זייא ניט קימען יסורים. אפילו עס איז שוין אויף זיי גיחתמת געווארין די גזרה פון יסורים. פון דעסטוועגין אז זיי טוהען תשובה. ווערט בטל די גזרה. רשעים אז עס גייט זיי גוט אויף דער וועלט. דאס איז פאר זייא

אשטרוכלונג

נפיק למידן דינא אמר הכי בצבו נפשאי לקטלא נפיק וצבי ביתי לית אנא עביד וריקן לביתי איעול ערום אכנס לה ועירום אצא ממנה ולואי שתהא ביאה כיציאה. (דף פז) כי הוה חזי אמבוהא דאזיל בתריה אמר הכי (איוב כ) אם יעלה לשמים שיאו וראשו לעב יגיע כגללו לנצח יאבד רואיו יאמרו איו. מר זוטרא חסידא כי הוה מכתפי ליה בשבתא דריגלא אמר (משלי כז) כי לא לעולם חוסן וגו':

דין: בצבי נפשאי. ברצון עצמו: לקטלא אזיל: נושא עונש הפא שמא ישנה בדין ועל עצמו אומר כן: וצבי ביתיה לית הוא עביד. בכל זה לא ישכר ל כי ביתו ולא יתהדר כלום בדבר: ולואי שתהא ביאה. כשישוב לביתו בלא חטא כיציאה: אמבוהא. גדודי בני אדם הולכים אחריו לכבודו: אם יעלה לשמים שיאו וגו'. סופיה כגללו לנצח יאבד וכל זה אומר כדי שלא תזוח דעתו: מכתפי ליה. אין היה ונושאין אותו על הכתפים בשווקי בכה"ת שלא להטריח את הצבור לקום מפניו: כנדב ואביהוא שנאמר הנותרים. אלמא אף הם היו ראוים ליסרף ונימותו:

(שם יח) **כד שאת** פני רשע לא טוב לא טוב לרשעים שנושאין להם פנים בעולם הזה לא טוב לו לאחאב בן עמרי שנשא הקב"ה לו פנים בעולם הזה שנאמר (מ"א כא) הראית כי נכנע אחאב מלפני. (משלי יח) להטות צדיק במשפט טוב להם לצדיקים שלא נשא להם הקב"ה פנים בעולם הזה אשריהם למשה ואהרן שלא נשא הקב"ה להם פנים בעולם הזה שנאמר (במדבר כ) יען לא האמנתם בי וגו' הא האמנתם בי עדיין לא הגיע זמנכם ליפטר מן העולם אשריהם לצדיקים לא דיין שזוכין לעצמן אלא שמזכין לבניהם ולבני בניהם עד סוף כל הדורות הרבה בנים היו לו לאהרן שראויין לישרף כנדב ואביהוא שנאמר (ויקרא י) הנותרים אלא שזכות

---

אשטרוכלונג. ווייל זיי טוהען עבירות. די רבנות בגראבט דעם מענטשין. ער קומט צו דיא רבנות ווען ער איז נאקעט. ארעם. אונ ער גייט אוועק פון איר נאקעט. ארעם. אונ הלואי זאל ער אוועק גיין פון איר אן עבירות אזוי ווי ער איז צו איר גיקומען. רב אז ער פלעגט גיין פסקנן אדין תורה. פלעגט ער אזוי זאגין. מיט מיין אייגענעם ווילען גיי איך טאהן אזוי אזוי ואם עס קען זיין עס זאל מיר קומען מיתה. וטאמער וועל איך צטעות האבען אונ וועל שלעכט פסקנן. וועל איך דאך גזלנן ביי איינעם געלט. אונ נאט האט גזאגט וקבע את קובעיהם נפש. אז ער וועט ביי דעם גזלן נעמען זיין נשמה. אונ דעם ווילען פון מיינע שטוב מענטשין טוה איך ניט. איך וועל נאר ניט פאר דינגען פון זייערט וועגין. איך וועל קומען אהיים ליידיג. נאקעט וארעם גיי איך אריין צום פסקנן. אונ נאקעט וארעם וועל איך אוועק גיין פון דעם פסקנן. נאר הלואי זאל איך קומען אהיים צוריק אן אעבירה. אזוי ווי איך גיי ארויס פון שטוב אן אעבירה. איך זאל ניט שלעכט פסקנן. אז רב פלעגט זעהן פיל מענטשין גייען אינטער איהם. פון זיין כבוד וועגין איהם צוא בלייטען: פלעגט ער אזוי זאגין. וואס קומט ארויס דעם מענטשין פון זיין כבוד. אפילו עס וועט אויף גיין ביז צום הימעל זיין גרויסקייט. אונ זיין קאפ וועט גרייכען ביז צום וואלקין. פון דעסטוועגן וועט ער פארלארין ווערין אויף אייביג אזוי וויא מיסט. דיא וואס האבען איהם גיזעהן וועלין פרעגין אויף אים וואו איז ער. מר זוטרא חסידא אז מען פלעגט איהם טראגין דעם שבת וואס פאר יום טוב פון זיין שטוב אין בית המדרש ער זאל זאגין דיא דרשה. ווייל ער איז גיוועזן אאלטער מאן. פלעגט ער זאגין דעם פסוק ניט אויף אייביג איז די שטארקייט אונ ניט אויף אייביג איז דיא קרוין:

**כד** שאת פני רשע לא טוב. שלמה המלך זאגט עס איז ניט גוט פאר דעם רשע וואס גאט נאט ניט איהם גוטס אויף דער וועלט. עס איז ניט גוט גיוועזן פאר אחאב בן עמרי וואס גאט האט איהם ניט גישטראפט אויף דער וועלט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט האט גזאגט צו אליהו הנביא דו האסט גיזעהן אז אחאב איז אונטער טעניג גיווארין פאר מיר. וועל איך ניט ברייגען די שלעכטס אין זיינע טעג ווען ער וועט לעבין. להטות צדיק במשפט. צוא שטראפין דעם צדיק ווי דער דין איז. איז גוט. עס איז גוט פאר די צדיקים וואס גאט האט זיי גישטראפט פר זייער ביסל עבירות אויף דער וועלט. וואוהל איז צו משה מיט אהרן וום גאט האט

אין חטא בא על ידו . הקב"ה מזכה את העבירה מלפניו שלא יבוא לידו : כי לא תעזוב נפשי . מדגם שהקב"ה מונע את החטא מלהכשילו : עשוק בדם נפש . מהוייב בנפש בהלבדה על ידו : אל יתמכו בו . שלא יפול אלא מניהין אותו ויפול בבור גיהנם :

שזכות אבותם עמדה להם אוי להם לרשעים לא דיין שמחייבין עצמן אלא שמחייבין לבניהם ולבני בניהם עד סוף כל הדורות . הרבה בנים היו לו לכנען שהיו ראוין ליסמך כטבי עבדו של רבן גמליאל אלא שחובת אביהם גרמה להם :

**כה כל** המזכה את הרבים אין חטא בא על ידו וכל המחטיא את הרבים [כמעט] אין מספיקין בידו לעשות תשובה כל המזכה את הרבים אין חטא בא על ידו מאי טעמא שלא יהא הוא בגיהנם ותלמידו בגן עדן שנאמר (תהלים טז) כי לא תעזוב נפשי לשאול לא תתן חסידך לראות שחת . וכל המחטיא את הרבים אין מספיקין בידו לעשות תשובה שלא יהא הוא בג"ע ותלמידיו בגיהנם שנאמר (משלי כח) אדם עשוק בדם נפש עד בור ינוס אל יתמכו בו :

(דף פה ע"ב) משנה **כו האומר** אחטא ואשוב אחטא ואשוב אין מספיקין בידו לעשות תשובה . אחטא ויום הכיפורים מכפר אין יום הכפורים מכפר . עבירות שבין אדם למקום יום הכיפורים מכפר עבירות שבינו לבין חברו אין יום הכיפורים מכפר עד שירצה את חברו . את זו דרש רבי אלעזר בן עזריה (ויקרא טז) מכל חטאתיכם לפני ה' תטהרו עבירות שבין אדם למקום יום הכפורים מכפר עבירות שבין אדם לחברו אין יום הכפורים מכפר עד שירצה את חברו . א"ר עקיבא אשריכם ישראל לפני מי אתם מטהרין ומי מטהר אתכם אביכם שבשמים

שנאמר

---

האט זיי געשטראפט אויף דער וועלט . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ווייל איר האט ניט געגלויבט אין מיר מיך צו הייליגען דריבער זאלט איר ניט קומען אין ארץ ישראל . אבער אז איר וואלט יא געגלויבט אין מיר וואלט נאך ניט געקומען אייער צייט אוועק צו גיין פון דער וועלט . תאוהל צו די צדיקים ניט גענוג זיי זענען זוכה פאר זיך . נאר זייערע קינדער און קינדערס קינדער ביז צום סוף וועלט לעבין אלע אין זיין זכות . פיל קינדער האט אהרן געהאט וואס זיי זענען ווערט געווען צו פר ברענט ווערין אזוי ווי נדב ואביהוא . ווארום עס שטייט אין פסוק משה האט גירעט צו אהרן און צו אלעזר און צו איתמר די קינדער פון אהרן וואס זיי זענען געבליבן . ערהט אויס זיי האבען אויך געבארפט פאר ברענט ווערין . נאר זיי זענען געבליבען . ווייל דער זכות פון זייערע עלטערין האט זיי מציל געווען . וויי צו די רשעים ניט גענוג זיי פאר שולדיגען זיך אליין . נאר זיי פר שולדיגען זייערע קינדער און זייערע קינדערס קינדער ביז צום סוף וועלט . פיל קינדער האט געהאט כנען וואס זיי זענען ווערט געווען מען זאל זיי רופען רבי . אזוי ווי טבי דער קנעכט פון רבן גמליאל . נאר די עבירה פון זייער פאטער כנען האט זיי פאר שולדיגט זיי זאלין בלייבען אייביגע קנעכט :

**כה** כל . דער וואס ברייננט מענטשן צו טאהן מצות . לאזט איהם ניט גאט ער זאל טאהן עבירות . ווארום אז ער וועט טאהן עבירות וועט ער זיין אין גיהנם און זיינע תלמידים אין גן עדן . און דאס איז ניט רעכט . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק דוד המלך האט געזאגט צו גאט דוא וועסט ניט פארלאזען מיין נפש צום גרוב . דוא וועסט ניט געבין דיין חסיד זאל זעהן די גרוב . און דער וואס ברייננט מענטשן צו טאהן עבירות . לאזט איהם ניט גאט ער זאל טאהן תשובה . ווארום אז ער וועט טאהן תשובה וועט ער זיין אין גן עדן און זיינע תלמידים אין גיהנם . און דאס איז ניט רעכט . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אויב א מענטש איז פאר שולדיגט אין די בלוט פון א מענטש . ער האט געהרגט א מענטשן . ער וועט לויפען ביז צום גרוב . דאס הייסט ביז צום גיהנם . און מען וועט איהם ניט אפ האלטין ער זאל ניט אריין פאלין . נאר מען וועט איהם לאזען ער זאל אריין פאלען אין גיהנם :

**כו** משנה . האומר . אז איינער זאגט איך וועל זינדיגען און וועל תשובה טאהן . איך

וועל

שנאמר (יחזקאל לו) וזרקתי עליכם מים טהורים וטהרתם מכל טמאותיכם ומכל גלוליכם אטהר אתכם ואומר (ירמיה יז) מקוה ישראל ה׳ מה מקוה מטהר את הטמאים אף הקדוש ברוך הוא מטהר את ישראל :

(דף פז) גמרא. ארחטא ואשוב אחטא ואשוב תרי זימני למה לי כדרב הונא [אמר רב] דאמר רב הונא [אמר רב] כיון שעבר אדם עבירה ושנה בה הותרה לו הותרה לו סלקא דעתך אלא אימא נעשית לו כהיתר . אחטא ויום הכיפורים מכפר אין יום הכיפורים מכפר ליטא מתניתין דלא כרבי דתניא (רבי אומר) על כל עבירות שבתורה בין עשה תשובה בין לא עשה תשובה יום הכיפורים מכפר. אפילו תימא רבי אנב שאני. רמי ליה רב יוסף בר חבו לרבי אבהו תנן עבירות שבין אדם לחבירו אין יום הכיפורים מכפר עד שירצה את חבירו דכתיב מכל חטאתיכם לפני ה׳ תטהרו והא כתיב (שמואל א ב) אם יחטא איש לאיש ופללו אלהים מאן אלהים דיינא אי הכי אימא

כדרב הונא . דכיון שחטא תרי זימני שוב אין מספיקין בידו לעשות תשובה לפי שהעבירה דומה עליו כהיתר : ליטא דלא כרבי . דאמר אפילו בלא תשובה מכפר: אנב שאני . מאחר שעליו הוא סומך לחטוא אינו מכפר : והכתיב ופללו אלהים . וקס״ד ופללו לשון תפלה ופיוס הוא הקב״ה מפללו ומפייסו ומכפר עליו : מאן אלהים דיינא . וכאי ופללו מלשון ונתן בפלילים סדיין יפשום ביניהם : אי הכי . דפללו

---

וועל ווידער זינדיגען אונ וועל תשובה טאהן . לאזט מען איהם ניט פון הימעל ער זאל טאהן תשובה . די עבירות וואס אמענטש טוהט צו גאט . איז יום כפור מכפר . אונ די עבירות וואס איין מענטש טוהט צום אנדערין . איז יום כפור ניט מכפר. נאר ער מוז בעטין זיין חבר ער זאל אים מוחל זיין . דאס האט גידרשת רבי אלעזר בן עזריה עס שטייט אין פסוק פון אייערע אלע זינד פאר גאט זאלט איר ווערין ריין ; די עבירות וואס אמענטש טוהט צו גאט . איז יום כפור מכפר . אונ די עבירות וואס איין מענטש טוהט צום אנדערין . איז יום כפור ניט מכפר . נאר ער מוז בעטין זיין חבר ער זאל אים מוחל זיין . רבי עקיבא האט גיזאגט וואהל צו אייך יודין פאר וועמין ריינינט איר אייך . אונ ווער ריינינט אייך . אייער פאטער וואס איז הימעל אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט האט גיזאגט איך וועל שפריצען אויף אייך ריינע וואסער וועט איר ריין ווערין פון אייערע אלע אונריינקייט אונ פון אלע אייערע עבודה זרות וועל איך אייך ריין מאכען . נאך שטייט אין פסוק מקוה ישראל ה׳. גאט איז די מקוה פון די יודין . אזוי ווי א מקוה מאכט ריין אלע מענטשין וואס זענען טמא . אזוי גאט מאכט ריין די יודין :

גמרא : אין דער משנה שטייט אז איינער זאגט איך וועל זינדיגען . אונ וועל תשובה טאהן . איך וועל זינדיגען אונ וועל תשובה טאהן . לאזט מען איהם ניט פון הימעל ער זאל תשובה טאהן . צו וואס שטייט צוויי מאהל . ענטפערט די גמרא אזוי ווי רב הונא האט גיזאגט . אז איינער טוהט אעבירה איין מאהל אונ נאך אמאהל . איז דיא עבירה צו איהם מותר גיווארען . פרעגט די גמרא ווער האט איהם מתיר גיווען דיא עבירה . נאר אזוי מיינט מען דעם דריטען מאהל גייט ער טאהן די עבירה נאר א מורא גלייך ווי די זאך וואלט גיווען מותר . דריבער אז איינער טוהט אעבירה איין מאהל אונ ער זאגט איך וועל תשובה טאהן. לאזט מען איהם תשובה טאהן . ווארום עס קען זיין ער וועט נאך אמאהל ניט טאהן דיא עבירה. אבער אז ער האט שוין דיא עבירה גיטאהן נאך אמאהל אונ ער זאגט איך וועל תשובה טאהן . לאזט מען איהם ניט תשובה טאהן . ווארום ער וועט גיוויס ווייטער טאהן די עבירה : אז איינער זאגט איך וועל זינדיגען אונ יום כפור וועט מכפר זיין . איז יום כפור ניט מכפר . פרעגט די גמרא וועלין מיר זאגין אז די משנה איז ניט ווי רבי . ווארום מיר האבען גילערנט רבי זאגט אויף אלע עבירות פון די תורה סיי ער האט גיטאהן תשובה אונ סיי ער האט ניט גיטאהן תשובה איז יום כפור מכפר . ענטפערט די גמרא די משנה איז אזוי ווי רבי נאר ווייל ער האט געזינדיגט דורך דעם יום כפור . אז עס וואלט ניט גיווען קיין יום כפור וואלט ער ניט געזינדיגט . דריבער איז יום כפור ניט מכפר . ווארום אין קטיגור נעשה סניגור .

ווייל

אימא סיפא אם לה' יחטא איש מי יתפלל לו אלא הכי קאמר אם יחטא איש לאיש ופללו אלהים ימחול לו אם לה' יחטא איש מי יתפלל לו תשובה ומעשים טובים:

**כז אמר** רבי יצחק כל המקניט את חברו אפילו בדברים צריך לפייסו שנאמר (משלי ו) בני אם ערבת לרעך תקעת לזר כפיך נוקשת באמרי פיך נלכדת באמרי פיך עשה זאת אפוא בני והנצל כי באת בכף רעך לך התרפס ורהב רעיך אם ממון יש לו בידך התר לו פסת יד ואם לאו הרבה עליו רעים אמר רבי חנינא וצריך לפייסו בשלשה שורות של שלשה בני אדם שנאמר (איוב לג) ישור על אנשים ויאמר חטאתי וישר העויתי ולא שוה לי. אמר רבי יוסי בר חנינא כל המבקש מטו מחברו אל יבקש ממנו יותר משלשה פעמים שנאמר (בראשית נ) כה תאמרו ליוסף אנא שא נא

פשע

**פירוש**

דקרא לבין משפט נינהו: אימא סיפא מי יתפלל לו. מי ישפטנו בשביל המקום וכי אין שלוחים הרבה למקום ליפרע ממנו: הכי קאמר. אין הכי נמי דפלול דקרא לשון פיוס וה"ק אם יחטא איש לאיש ופללו לחברו וריצהו אלהים ימחול לו: ואם לה' יחטא איש מי יתפלל. בעדו אם אינו שב מעבירות שבידו כך היה עלי הכהן מוכיח את בניו שישובו מדרכם:

בני אם ערבת לרעך וגו'. בשביל זר לערבו בממון: או אם נוקשת באמרי פיך. שהקניטהו בדברים: עשה זאת והנצל כי באת בכף רעך. על עסקי ממון לך התר פס ידך ופרע לו. ועל מוקש אמרי פיך אם הקניטהו רהב רעך: הרבה רעים. לבקש ממנו מחילה. רעיך בתרא דקרא כתיב מלא לפי שהוא לשון רבים: בג' שורות. ג' פעמים יפייסנו בג' אנשים בכל פעם שנאמר ישור לשון שורה ואין שורה פחותה מג' בני אדם: חטאתי. הרי פעם אחד: וישר העויתי. הרי שנים: ולא שוה לי. הרי ג': אנא שא נא ועתה שא נא. אין נא אלא לשון בקשה:

---

ווייל דער יום כפור האט איהם גיבראכט צו דיא עבירה קען ניט דער יום כפור אויף איהם מכפר זיין די עבירה. רב יוסף בר חבו האט גיפרעגט צו רבי אבהו מיר האבען גילערנט די עבירות וואס איין מענטש טוהט צום אנדערן. איז יום כפור ניט מכפר נאר ער מוז פעסט בעטין זיין חבר ער זאל איהם מוחל זיין. ווארום עס שטייט אין פסוק פון אלע אייערע זינד פאר גאט זאלט איהר ווערין ריין. עס שטייט דאך אין איין אנדער פסוק אם יחטא איש לאיש ופללו אלהים. אויב אמענטש וועט זינדיגען צו אמענטש. וועט גאט איהם מכפר זיין. האט רבי גיענטפערט אלהים מיינט מען אביין. אויב אמענטש זינדיגט צו אמענטש. זאלען זיי גיין צו אביין וועט ער פסקנין. פרעגט די גמרא אויב אזוי אז פללו איז טייטש משפטין. זאג מיר דעם סוף פון פסוק אם לה' יחטא איש מי יתפלל לו. אויב אמענטש וועט זינדיגען צו גאט ווער וועט משפטין פון זיינעטוועגין האט דען גאט ווייניג שלוחים וואס זיי שטראפין דעם מענטש פון זיינעטוועגין. נאר אזוי מיינט דער פסוק אם יחטא איש לאיש ופללו. אויב אמענטש וועט זינדיגען צו אמענטש. אונ ער וועט איהם איבער בעטין. אלהים ימחול לו וועט איהם גאט אויך מוחל זיין. אם לה' יחטא איש. אבער אז אמענטש וועט זינדיגען צו גאט. מי יתפלל לו. ווער וועט איבער בעטין גאט פון זיינעטוועגין. נאר תשובה אונ מעשים טובים וועלין בעטין ביי גאט פון זיינעטוועגין. אונ גאט וועט איהם מוחל זיין:

**כז אמר** רבי יצחק האט גיזאגט דער וואס דערצערנט זיין חבר אפילו נאר מיט רייד. מוז ער איהם איבער בעטין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק שלמה המלך האט גיזאגט מיין זוהן אויב דוא ביזט גיוועזן איין ערב פאר דיין גוטען פריינד ווטשר ראובן האט גיבארגט געלט ביי שמעון. אונ לוי האט גיזאגט צו שמעון אויב ראובן וועט דיר ניט בצאהלין וועל איך דיר בצאהלין. אונ דוא האסט גיגעבין דיין האנט ותקיעת כף פאר דעם פרעמדין ופאר ראובן אז דוא זאלסט פאר איהם בצאהלין. אדער דו ביזט גישטרויכילט אונ בצוואונגען גיווארען מיט די זאג פון דיין מויל. ודוא האסט אומגערין אדער גערין גיווירולט אמענטשין. מיין זוהן איצט זאלסטו אזוי טאהן וועסטו גירעטעט ווערין. ווארום דוא ביזט גיקומען אין די האנט פון דיין חבר. לך התרפס. אויב דוא האסט איהם גיגעבין די האנט תקיעת כף צו בצאהלין פאר דיין חבר. פאר ראובן. גיי בינד אויף דיין האנט ותקיעת כף אונ בעצאהל. ורהב רעיך. אונ אויב דוא האסט נאר אמענטשין גיווירולט. אונ געלט מאנט ער ביי דיר ניט. זאלסטו שיקען צו דיין

פשע אחיך וחטאתם וגו' ועתה שא נא וגו' ואם כת (אמר רבי יוסף בר חבו) מביא עשרה בני אדם ומעמידן על קברו ואומר חטאתי לה' אלהי ישראל ולפלוני זה שחבלתי בו :

**בח רבי** ירמיה הוה ליה מלתא לרבי אבא בהדיה אזל ויתיב ארשא דרבי אבא נפקא אמתיה ושדיא לה כנושא מיא אקיקלתא מטא זרזיפי דמיא ארישיה אמר עשאוני אשפה וקרי אנפשיה (תהלים קיג) כאשפות ירים אביון שבקיה וקאזיל שמע רבי אבא נפק אבתריה ארהכי הדר רבי ירמיה אפיה ואתא בתריה אמר ליה לא צריכא השתא עלי רמי דכתיב (משלי ו) לך התרפס ורהב רעך . רבי זירא כל מאן דהוה ליה מלתא בהדיה (הוה ממציא ליה נפשיה) חליף ותני קמיה וממציא ליה כי היכי דניתי וניפוק ליה מדעתיה :

רב

הוה ליה מלתא לרבי אבא בהדיה. רבי אבא הוה ליה להתרעם על רבי ירמיה שחטא לו אזל רבי ירמיה יתיב אדשא דרבי אבא : זרזיפי דמיא. טיפי טיפין שהיתה השפחה שופכת : מתאלה נפשיה. לפני מי בהסתה לו אולי יבקש ממנו מחילה וימחול לו : חליף ותני. עובר ושונה ומשלש פעמים רבות :

---

חבר פיל גוטע פריינד זיי זאלין אים בעטין פון דיינעטוועגין ער זאל דיר מוחל זיין . רב חסדא זאגט ער דארף אים איבער בעטין פאר דריי מענטשין . אונ אויב ער האט נים געוואלט מוחל זיין . זאל ער אים איבער בעטין נאך אמאהל פאר דריי מענטשין . אונ אויב ער האט נים געווארט מוחל זיין . זאל ער אים איבער בעטין נאך אדריטען מאהל פאר דריי מענטשין . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ישור על אנשים . ער זאל שטעלין אשורה מענטשין . דרייא מענטשין . אונ ער זאל זאגין חטאתי איך האב געזינדיגט . דאס ערשטע מאהל . דאס גלייכע האב איך פאר קרימט ואיך האב נים גלייך גיטאהן וואס איך האב געגין דיר געזינדיגט . דאס אנדערע מאהל . אונ עס איז נים ווערט ביי מיר די קריג וואס צווישען אונז . דאס דריטע מאהל . רבי יוסי בר חנינא זאגט דער וואס בעט פון זיין חבר ער זאל אים מוחל זיין . אונ זיין חבר וויל נים זאל ער אים נים בעטין מעהר ווי דריי מאהל . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אזוי זאלט איהר זאגין צו יוסף איך בעט דיך זאלסט פאר געבין די זינד פון דיינע ברידער . שטייט דרייא מאהל דער ווארט בעטין . אנא . איך בעט דיך . נא . איך בעט דיך . נא . איך בעט דיך . אונ אויב ראובן האט געזינדיגט צו שמעון . אונ שמעון איז גישטארבין . זאל ראובן נעמען צעהן מענטשין אונ זאל זיי שטעלין אויף דעם קבר פון שמעון אונ ראובן זאל זאגין איך האב געזינדיגט צו גאט אונ צו שמעון וואס איך האב איהם גיטאהן די שלעכטס :

**כח** רבי ירמיה האט געזינדיגט צו רבי אבא איז גיגאנגען רבי ירמיה אונ האט זיך גיזעצט ביי די טיר פון רבי אבא . איז ארויס גיגאנגען דיא דינסט פון רבי אבא אונ האט נים גיזעהן וויא רבי אבא זיצט . אונ האט ארויס גיגאסען אשעפיל וואסער אויף דעם מיסט וואס איז גילעגין ביי די טיר . האט ארויף געשפריצט וואסער פון דעם שעפיל אויף דעם קאפ פון רבי ירמיה . האט רבי ירמיה גיזאגט מען האט מיך גימאכט אזוי ווי די מיסט . האט רבי ירמיה גיזאגט אויף זיך דעם פסוק גאט הייבט אויף דעם ארעם מאן פון מיסט . איז רבי ירמיה אוועק גיגאנגען . האט רבי אבא גיהערט וואס דא איז גיוועזן מיט רבי ירמיה . איז רבי אבא גיגאנגען נאך רבי ירמיה . דער וויל האט רבי ירמיה אומגיקערט דעם פנים האט ער גיזעהן וויא רבי אבא גייט . איז רבי ירמיה גיגאנגען נאך רבי אבא . האט רבי אבא גיזאגט צו רבי ירמיה דוא דארפסט שוין נים מיך איבערבעטין . איצט דארף איך דיך איבערבעטין . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גיי זיי אונטערטעניג אונ מאך גרויס דיין חבר . רבי זירא פלעגט אזוי מאהן אז איינער האט געזינדיגט געגין איהם . פלעגט ער פאר ביי גיין פאר איהם עטליכע מאהל . אונ רבי זירא פלעגט גיטראפען ווערין פאר דעם מענטש עטליכע מאהל . טאמער וועט דער מענטש האבען חרטה אונ וועט איבערבעטין צו רבי זירא . וועט רבי זירא איהם מוחל זיין אונ ער וועט שוין די זאך נים מער אין זינען האבען :

כהדי כלתא. ספכה מהל לו: קלוני לגה. רב: למקטל נפשה. עכשיו היה מגיעו למות: אלא. שכר: רישה. מן כר עצמות ראש בהמה: נרגא. שלף הברזן מן ...: ידלה. פרשת מקרא של כתובים את כל כתובים: אחח רבי חייא. וגו' היה היה הפן לפסוק עמי וחוזר בשבילו לראש הפרשה: רב אמי. מחמיר היה נעלוי: הלמא תוה ליה לרב. רחה לוס על רב שהלחוהו בדקו והוה כימן כשיחיה ראש גולה. ורבי חנינא ראש ישיבה הוה כדקאמר כבי כבעת בפירקא הניטת ברבי המא ישב בראש ובראש חטם זה על רב ראה נמות לפי שאין מלכות נגעת במלכות חברתה אמר אדהייס מהכלת וככה נגבל מפני וגם יכיר לראש ולא כדתין למות בשבילו:

כמ רב הוה ליה מלתא בהדי ההוא טבחא אזל ותריסר ירחי שתא לא אתא כי מטא מעלי יומא דכפורי ולא אתא אמר איזיל אנא לפיוסיה פגע ביה רב הונא א"ל היכא קא זיל מר א"ל לפיוסי לפלניא אמר אזיל אבא למיקטל גברא אזיל קרא אבבא א"ל אבא את זיל לית לי מלתא בהדך הוה קא פליג רישא אישתמוט נרגא מחייה ארישיה וקטליה:

ל רב הוה פסיק סידרא קמיה דר' (שב ע"ב) אתא ר' חייא הדר לרישא עייל בר קפרא הדר לרישא אתא ר' שמעון בר' רבי הדר לרישא אתא רבי חנינא בר' חמא א"ל כל דאתי נימא הדר לרישא נקט ר' חנינא מלתא בהדיה אזל רב לגביה תריסר מעלי יומא דכפורי ולא אפייס והיכי עביד הכי והאמר ר' יוסי בר חנינא כל המבקש מטו מחברו אל יבקש ממנו יותר מג' פעמים רב שאני ורבי חנינא היכי עביד הכי והאמר רבא כל המעביר על מדותיו מעבירין לו על כל פשעיו אלא ר' חנינא חלמא חזא ליה לרב דזקפי ליה בדיקלא וגמירי מאן דזקפי ליה בדיקלא

---

כמ רב איז אמאהל אין כעס געווען אויף א קצב. דער קצב האט עפעס געזינדיגט געגין רב. איז אוועק ניגאנגע צוועלף חדשים אונ דער קצב איז ניט גיקומען איבער בעטין צו רב. עס איז שוין גיקומען ערב יום כפור אונ דער קצב איז ניט גיקומען איבער בעטין צו רב. האט רב גזאגט איך וועל גיין צום קצב אונ וועל איהם איבער בעטין. האט רב הונא בגעגינט צו רב. האט רב הונא גזאגט צו רב וואו הין גייט דער רבי. האט רב גזאגט איך גיי איבער בעטין יענעם קצב. האט רב הונא גזאגט דער רבי גייט הרגנן א מענטשין. איז רב גיגאנגען ביז צו די טיר פון קצב. אונ האט גירופען דעם קצב ער זאל ארויס קומען צו איהם. האט דער קצב גזאגט צו איהם דוא ביסט דאך רב. גיי איך האב ניט מיט דיר גאר צו ריידין. דער קצב האט גיהאקט א קאפ פון א בהמה. איז א ראפ די האק פון האלץ. אונ האט איהם גיגעבין א קלאפ אין קאפ אונ האט איהם גיהרגת דעם קצב:

ל רב האט גילערנט נביאים פאר רבי. איז גיקומען רבי חייא אונ ער האט אויך גיוואלט הערין לערנען נביאים. האט רב אנגיהויבין נאך אמאהל פון אנהייב. איז גיקומען בר קפרא אונ האט אויך גיוואלט הערין לערנען נביאים. האט רב נאך אמאהל אנגיהויבען פון אנהייב. איז גיקומען רבי שמעון בר רבי אונ האט אויך גיוואלט הערין לערנען נביאים. האט רב נאך אמאהל אנגיהויבין פון אנהייב. איז גיקומען רבי חנינא ברבי חמא. האט רב גזאגט וועער עס וועט קומען וועט אלץ זאגין צו מיר איך זאל אנהייבין פון אנהייב. איז רבי חנינא אין כעס גיווען אויף רב. איז רב גיגאנגען צו רבי חנינא צוועלף ערב יום כפורים ער זאל איהם איבער בעטין. אונ רבי חנינא האט זיך ניט גיוואלט איבער בעטין. פרעגט די גמרא צו וואס האט רב אזוי גיטאהן. רבי יוסי בר חנינא האט דאך גזאגט אז איינער בעט פון זיין חבר ער זאל איהם מוחל זיין. אונ דער חבר וויל ניט. זאל ער איהם נאר בעטין דריי מאהל ניט מער. ענפערט די גמרא רב האט אבער גיוואלט אז רבי חנינא זאל מיט איהם גוט ווערין. פרעגט די גמרא אונ רבי חנינא ווי אזוי האט גיטאהן אזוי אזאך אונ איז גיווען אזוי לאנג אין כעס. רבא האט דאך גזאגט דער וואס איז מוחל די עבירות וואס מענטשין טוהען צו איהם. איז איהם גאט אויך מוחל די עבירות וואס ער טוהט צו גאט. ענפערט די גמרא רבי חנינא האט גיזעהן אין חלום אז מען האט אויף גיהאנגען רבין אויף א בוים. אונ מיר האבען גילערנט אז עס הקבלה איינעם מען האט איהם גיהאנגען אויף א בוים. איז א סימן אז ער וועט גרוס ווערין.

האט

בדיקלא רישא הוי אמר אדחייה ולא נדחיין :
(דף פח) **ל** תנו רבנן הרואה קרי ביום הכיפורים יורד וטובל ולערב ישפשף תנא דבי רבי ישמעאל הרואה קרי ביוה"כ עונותיו מחולין לו והא תניא עונותיו סדורין לו מאי סדורין סדורין לימחל. תני תנא קמיה דר"נ בר יצחק הרואה קרי ביוה"כ ידאג כל השנה כולה ואם עלתה לו שנה מובטח לו שהוא בן העוה"ב אר"נ בר יצחק תדע שכל העולם כלו רעב והוא שבע כי אתא רב דימי אמר (אמרי במערבא) מפיש חיי סגי ומסגי ת"ר אדם שיש בידו עבירה ומתודה ואינו חוזר בה למה הוא דומה לאדם שתופס בידו שרץ שאפילו טובל בכל מימות שבעולם לא עלתה לו טבילה זרקו מידו מיד עלתה לו טבילה שנאמר (משלי כח) ומודה ועוזב ירוחם ואומר

הרואה קרי ביום הכיפורים . ולא במתכוין : עונותיו מחולין לו . סימן טוב הוא ירא זרע יאריך ימים : ידאג כל השנה כולה . שמא לא קבלו תעניתו והשביעוהו כמה שנידם להשביעו כעבד המוזג כוס לרבו ושפך לו קיתון על פניו : ואם עלתה לו שנה . שלא מת מובטח לו שיש בידו מעשים טובים שהגינו עליו ובן העולם הבא הוא : תדע שהרי כל העולם כולו רעב . מתענים : והוא שבע . לא נהנה בזאת ושלא מדעתו השביעוהו ואעפ"כ עלתה לו שנה יש לדעת שצדיק גמור הוא : מפיש חיי . זה הרואה קרי ביוה"כ : סגי ומסגי . בבנים ובני בנים שכך הסימן ירא זרע יאריך ימים : שיש בידו עבירה . גזל ואינו

האט רבי חנינא געוואוסט אז רב וועט ווערין אראש ישיבה . אונ רבי חנינא איז אבער גיוועזען אראש ישיבה אין ארץ ישראל : אונ צוויי ראש ישיבות קען ניט זיין . האט רבי חנינא מורא גיהאט טאמער וועט ער שטארבען דורך רב : ער זאל ווערין אראש ישיבה . דריבער איז רבי חנינא אין כעס גיוועזען אויף רב . אונ ער האט גיטראכט דורך דעם וועל איך אוועק שטויסען רבין ער זאל גיין אין בבל אונ ער זאל דארט ווערין אראש ישיבה . וועט מען מיך ניט אוועק שטויסען פון צו זיין אראש ישיבה אין ארץ ישראל :

**לא** תנו רבנן . די רבנן האבען גילערנט דער וואס זעהט קרי אום יום כפור ביי נאכט . זאל ער זיך טובל זיין אין אמקוה . אונ ביי נאכט זאל ער אפ ווישען די קרי . דבי רבי ישמעאל האבען גילערנט דער וואס זעהט קרי אום יום כפור ביי נאכט אין שלאף ניט ווילענדיג . איז אסימן אז מען איז איהם מוחל זיינע עבירות . פרעגט די גמרא מיר האבען דאך גילערנט זיינע עבירות זענען אויס גיציילט . זאגט די גמרא זיי זענען אויס גיציילט צום מוחל זיין . אתנא האט גילערנט פאר רב נתן בר יצחק דער וואס זעהט קרי יום כפור זאל ער זארגין אגאנץ יאהר . טאמער וועט ער שטארבען . ווארום טאמער האט ער אזוי פיל עבירות אז גאט וויל ניט זיין פאסטען . דריבער האט מען איהם זאט גימאכט פון הימעל מיט וואס מען האט נאר גיקענט איהם זאט מאכען אזוי ווי אקנעכט דער דאנגט אנלאז וויין צו זיין בעל הבית . אויב דער בעל הבית האט איהם פיינט . גיסט ער איהם די גלאז וויין אין פנים . צו ווייזען אז ער וויל ניט זיין בדינונג . אונ אויב ער האט אויס גילעבט דעם יאהר זאל ער ויסען אז ער איז אצדיק אונ ער וועט האבען עולם הבא . רב נתן בר יצחק זאגט ער הט אבעווייזונג אז ער איז אצדיק . ווארום אלע יודין זענען יום כפור הונגעריג פון תשמיש המטה . אונ איהם האט מען פון הימעל זאט גימאכט . צו ווייזען אז ער האט ניט קיין עבירות אונ ער דארף זיך ניט פייניגען יום כפור . אז רב דימי איז גיקומען פון ארץ ישראל הט ער גיזאגט דער וואס זעהט קרי יום כפור אונ ער לעבט אויס דעם יאהר . איז אסימן אז ער וועט לאנג לעבין . אונ ער וועט זיך מערין מיט קינדער אונ איניקלאך זייער פיל :

תנו רבנן . די רבנן האבען גילערנט דער מענטש וואס האט עבירות אונ ער זאגט ווידוי ואשמנו . על חטא) אונ ער האט ניט חרטה פון די עבירות . נאר נאך יום כפור וועט ער ווייטער טאהן די עבירות . צו וואס איז ער גלייך . צו אמענטש וואס האלט אין האנט אשרץ אפילו ער וועט זיך טובל זיין אין אלע וואסערין פון דער וועלט . וועט ער ניט ווערין טהור . אבער אז ער ווארפט אוועק דעם שרץ פון האנט . אז ער איז זיך טובל אין איין מקוה ווערט ער באלד טהור . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק דער וואס זאגט ווידוי . אונ ער פאר לאזט דיא

עבירה

חוץ לשלם : כמו לבבנו אל כפים . צריך לישא לבב לכפים כלומר שיהא מקלקלו : ואומר (איכה ג) נשא לבבנו אל כפים אל אל בשמים :

# סליק מסכת יומא

עבירה . ער הט זי שוין מער ניט טאהן . אויף דעם מענטש האט גאט רחמנות אונ איז איהם מוחל . נאך זאגט דער פסוק מיר זאלען טראגין אונזער הארץ צו אונזערע הענט צום גאט וואס אין הימעל . דאס מיינט מען אז דער מענטש הייבט אויף די הענט צוא גאט מיט זיין תפלה . אדער ער שלאגט מיט די הענט אויף זיין הארץ ווען ער זאגט אשמנו אדער על חטא . זאל די הארץ זיינע זיין אזוי ווי די הענט . ער זאל אין זינע האבען די תפלה זיינע אונ דאס הארץ זיינע זאל אין איהם קלאפען אויף זיינע עבירות וואס ער האט געטאהן . אונ זאל אוועק ווארפען די עבירות אונ זאל תשובה טאהן צו גאט :